STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01030

NUYORKISH UN ANDERE ZAKHN

Lamed Shapiro

Permanent preservation of this book was made possible
by Alfred & Lee Hutt
in honor of
Mollie Heather Leonard

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נויאָרקיש

פּרייז $1.25

LAMED SHAPIRO
274 EAST 172nd STREET
NEW YORK, U. S. A.

נ ו י אָ ר ק י ש

און אַנדערע זאַכן

פ ו ן ל. שאַפּיראָ

פאַרלאַג „אַליין“

נ ו י אָ ר ק, 1931

Copyright, 1931,
By Lamed Shapiro
All rights reserved

געזעצט פון
י. בוראַקאָוו
ע. גראָסבוים

געמאַכט אין
אַסטאָריאַ פּרעס
נויאָרק

א י נ ה א ל ט:

* * *	* * *
* * * נויאָרקיש	7
* * * ממה-נפשך	36
נסיעה דורכן מילכוועג	64
* * געגעסענע טעג	82
* * * * „דאָק“	127

נויאָרקיש.

א.

פֿאַרנאַכט האָט אַ מענטש מיט אַ ברוגז'ן פּנים באַשטעלט אַ פּאָרציע בלינעס ביים הייסן טיש אין רעסטאָראַן „אויטאָמאַט“.

אַ מיידל מיט נאַקעטע, ברוינע אָרעמס, אין אַ ווייסן פֿאַרטוך און מיט אַ לייוונטענעם מיצל אויף די האָר, האָט אַריבערגעוואָרפֿן די באַשטעלונג צום קאָכער, האָט זיך אַ דריי געטאָן אויף יענער זייט טיש און פּלוצים געגעבן דעם באַשטעלער אַן אָפּענעם שמייכל: לאָמיר זיין חבר.

דאָס ברוגז'ע פּנים איז געבליבן ברוגז, די קיילעכדיקע אַקסלען האָבן זיך געפּרואווט אַ הויקער טאָן כדי אויסצודריקן נאָך מער רוגזא, נאָר דאָס האָט שוין דאָס בייכל ניט דערלאָזן. דעם מיידל'ס מויל האָט זיך צוריק צונויפֿגעצויגן, דער שמייכל איז ניט־געוואָרן — אויטאָמאַטיש, ווי עס פּאַסט פֿאַר יענעם רעסטאָראַן. זי האָט אַ מיש געטאָן מיטן לעפֿל אין איינעם פֿון די הייסע טעפּ, זי האָט אַ מיש געטאָן מיטן לעפֿל אין אַ צווייטן פֿון די הייסע טעפּ, האָט אויפֿגעהויבן דעם שוואַרצן, ניט־געשוירענעם קאָפּ מיטן ליינגלאַכן ניט-

שיינעם פּנים — און ווידער געוויזן אַ שמייכל. דאָס מאָל איז ער ניט געווען אַזוי איינפאַך — געווען פאַרבעטנדיק, און קינדיש אומזיכער. קינדיש איז אויך געווען דער פאַר־שמאַכטער, גלוסטנדיקער בליק — ווי די מאַגערע אָרעמס וואָס זענען רחמנות׳דיק געלאָפן אַרויף צו די אַקסלען — ווי דער האַרער קאַלנערביין אַרום דינעם האַלז. דאָס פּנים אַליין איז געווען אַ סך עלטער. זי האָט געקאָנט אַלט זיין אַ יאָר זעכצן, און אויך זעקס־און־צוואַנציק, און אַפילו מער. דער ברוגז׳ער גאַסט האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף איר צע־טומלט. ביסלאַכווייז איז דער רוגז אָפּגעגאַנגען פון זיינע אויגן, ווי אַ פּראָסט פון אַ שויב אַראָפּ; די בולדאָגישע מאָרדע האָט פאַרלוירן איר האַרטקייט. אויף אַזאַ פּנים איז דאָס געווען אַ שמייכל — אַ צוריקשמייכל. גאָט צו דאַנקען!

דאָס מיידל איז געוואָרן פרייליכער און האָט ענערגיש און פלינק רעאַגירט אויף די פאַרלאַנגען פון די אַנדערע געסט. דער מענטש מיטן ברוגז׳ן פּנים האָט געקראָגן זיינע בלינעס מיט האָניק און פּוטער און האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל ניטוויט פונם הייסן טיש. ער האָט געאַרבעט מעטאָ־דיש: פריער אַריינגעלייגט די ריפּטלאַך פּוטער צווישן די הייסע בלינעס, זיי זאָלן דערוויל צעגיין, זיך אָנגעצאַפּט קאַווע פון אויטאָמאַטישן קראַן אין דער וואַנט, אויסגעטאָן און אויפגעהאַנגען אויף אַ הייגער זיין מאַנטל און הוט. ער איז אַ היפּשע ווײַלע געזעסן ביי זיין טיש אומבאַוועגלאַך, מיט די קײַלעכדיקע אַקסלען אַראָפּגעלאָזן, ווי אין מידקייט, און אויף דער קרוין פון זיין שאַרבן האָט העלפאַנטבייניק

געגעלט אַ פּליך וואָס די אַביסל באַזילבערטע זייטיקע האָר האָבן זיך אומזיסט געמיט צו באַהאַלטן. געגעסן האָט ער פּאַמעלאַך, פאַרטראַכט, פון צייט צו צייט געכאַפּט אַ קוק אין דער זייט פונם מיידל, און איינמאָל ברוגז'לאַך פאַר־דריקט מיט די אַקסלען: ווייס איך וואָס!

ער האָט שוין געהאַט אָנגעטאָן דעם מאַנטל, נאָר די נאָכן הוט אויסגעצויגענע האַנט איז אַראָפּגעפאַלן צו זיין זייט. ער איז צוגעקומען צום הייסן טיש, האָט ניט־קוקנדיק אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויף עפּעס אַ דעסערט און געלאָזן אַ פרעג געטאָן ביים מיידל ווען זי ווערט פריי פון דער אַרבעט. אין איין אויגנבליק איז אַ כוואַליע פון מינעלאַך און קנייטשע־לאַך איבערגעלאָפן איבער איר פּנים, ווי אַ פּוף פון ווינט איבער אַ וואַסערל, און מיט אַ ביסטרע בליק צום זייגער אויף דער וואַנט האָט זי געזאָגט: אין אַ שעה אַרום. ער האָט כמורנע אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. זיין דעסערט האָט ער געלאָזן אויפן טישל אומבאַרירט און איז אַרויס אין גאַס.—

ב.

דרויסן האָט שוין געבערעגט די באַלייכטונג. די לופט איז געוואָרן עטוואָס שאַרפער ווי בייטאָג, נאָר דער אָוונט איז נאָך אַלץ געווען אַ מילדער. די באַוועגונג אויף די גאַסן איז געווען זייער גרויס — דער סאַמע ברען פון די „ראַשיקע" שטונדן.

ער האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסן אַרום דער

שטאָטביבליאָטעק, מיט אַ פֿאַרטראַכטן בליק און אויסגעגלעטן שטערן, אין פּאַרטאַיעטער רו. דער טומל אַרום איז געשטאַנען נאָענט, נאָר ווי אָפּגעשיידט פֿון אים מיט אַ דינער מחיצה, וועלכע ער האָט מיטגעטראָגן מיט זיך. איינמאָל איז זיין רו אַביסל געשטערט געוואָרן ווען ער האָט זיך אָנגעטראָפֿן פּנים אל פּנים מיט אַ יונגער דאַמע מיט בלאָנדע האָר און גרויע אויגן. ביידע זיינען געוואָרן בלאַסלאַך. ער האָט באַרירט זיין הוט, און זי האָט געפֿרעגט וואָס ער מאַכט, און ער האָט געזאָגט: „אַדאַנק, וואָס מאַכט א י ר?" און זי האָט אים אָנגעבאָטן זי צו באַגלייטן, און ער האָט געזאָגט ער באַדויערט — ער האָט אָפּגעמאַכט מיט עמיצן זיך צו טרעפֿן אין עטלאַכע מינוט אַרום. פֿון הינטער די העפֿלאַכע, צוריקגעהאַלטענע רייד האָבן ביידנס בליקן אַרויסגעקוקט שפּיציק און האַרט, ווי ראַפּירן אין די הענט פֿון אַ פּאָר דועליאַנטן. אַוועקגעגאַנגען איז די דאַמע מיט אַן אויסגעגלייכטן רוקן און פֿאַרריסענעם קאָפּ, און ער — אַביסל געהויקערט און פֿאַרוואָלקנט. דערנאָך האָט זיין שטערן זיך ווידער אויסגעגלעט, אַ קליינער שמייכל האָט אויפֿגעהויבן אַ ווינקל פֿון מויל, און אַזוי איז ער שוין פֿאַרבליבן ביז ער האָט דערזען אויף אַ זייגער, אַז ער האָט פֿאַרשפּעטיקט אויף פֿינף מינוט. מיט ניט־געאײַלטע טריט האָט ער זיך אומגעקערט צום רעסטאָראַן.

זי איז געשטאַנען און האָט געקוקט אין שויפֿענסטער פֿון אַ קראָם אין שכנות מיטן רעסטאָראַן. געטראָגן האָט זי אַ גרויברוין מענטעלע און אַ ברוין היטעלע — און ס'האָט איר ניט געפּאַסט. איר פּנים איז געווען ערנסט, אָנגעטאָן אין

דער עלטערער מינע — דער זעקסאונצוואַנציקיאָריקער. אים אַנטקעגן האָט אַן אויגנבליקלאַכער שמייכל געענדערט אַלע ליניעס פון איר געזיכט און איז תיכּף פאַרשוואונדן. אַ מין באַוועגלאַכקייט! דרום׳דיק בלוט, צי וואָס? —

זיי האָבן זיך פאַרנומען אויף דער 42טער סטריט, צו מערב־צו, צו בראָדוועי. זי איז געגאַנגען סטאַטעטשנע, לייטיש, און אויפן ערשטן קוק האָט מען זי געקאָנט אָננעמען פאַר אַ אידיש ווייבעלע פון פאַראָרעמט־באַלעבאַטישן גראַד. אויפן צווייטן — ניט. דער דריטער קוק האָט געוויזן דייט־לאַך, אַז דאָס איז אַ באַשעפעניש פון עפּעס גאָר אַ פרעמדער וועלט: שפּאַניש, אפשר, און מיט אַ צומיש פון אינדיאַניש בלוט.

— איר אַרבעט שטענדיק אָט־דאָ אין רעסטאָראַן?

— די צווייטע וואָך. און — האַלבע טעג. קיין לעבן קאָן מען דערפון ניט מאַכן.

אַהאַ! אַן אָנצוהערעניש. „מ׳קאָן קיין לעבן ניט מאַכן“. צוויי פּרנסות... — ער האָט זיך פאַרקרימט.

— און ווי זאָל איך אייך רופן? ווי איז אייער נאָמען?

ווידער האָט זי איר פּנים געענדערט מיט אויסטערלישער פּלוצים׳דיקייט, ווי פון אַן אינווייניקסטער עקספּלאָזיע. אָט די שאַרפע איבערגייונג האָבן אים דענערווירט אַביסל, ווי זי וואָלט אים אָנכאַפּן ביי אַ קנעפּל אָדער אַ טאָרע טאָן ביי אַן אַרבל. אין דער אמת׳ן איז זי געווען גאַנץ צוריקגעהאַלטן

אין באַוועגונגען; בלויז דער שניט פון איר מויל האָט זיך געוואָרפן ווי דער רימען פון אַ בייטש, און פון די ווינקלען פון די אויגן זענען געשפּרונגען געלעכטערלאַך.

— דזשעני. דזשעני היים איך.

— דזשעני גאָר! ניין — וואָס עפּעס דזשעני?

זי האָט זיך אָנגעבלאָזן.

— פאַרוואָס ניט? איך בין אַן אַמעריקאַנערין. געבוירן טאַקע דאָ אין נויאָרק. געוויס.

— יאָ-יאָ, איך זאָג ניט... אָבער — איר זעט מיר אוים צו

זיין פון דרום׳דיקער אָפּשטאַמונג — אַ שפּאַניערין, אַשטייגער, אַה?

איר ברוינלאַכער שטערן איז געוואָרן ברוינער.

— נו יאָ, מיינע אַלטע לייט... קומען פון קאַליפאָרניע. אָבער איך בין אַ נויאָרקערין. געבוירן דאָ. געבוירן טאַקע דאָ.

זי האָט אַ וויז געטאָן מיט דער לינקער האַנט אָן אַ זייט, צו דרום-מערב־צו.

דאָס איז מסתמא געווען אמת: איר שפּראַך איז געווען אוממ־ קאָרעקט, זשאַרגאָנמעסיק, נאָר נישט אַנדערש ווי ביים דורכשניטלאַכן אַרבעטערמיידל — אַמעריקאַניש, נויאָרקיש.

ג.

ער האָט איר פאָרגעשלאָגן צו נעמען אַן אייזקרעם, און זיצנ-דיק ביים טישל אין „פּאַרלאָר" איז זי צוריק געוואָרן פרייער. זי קען אפילו קיין שפּאַניש ניט. אירע „אַלטע לייט" — אודאי, זיי ריידן צווישן זיך שפּאַניש, אָבער זי ווייסט קוים עטלאַכע ווערטער. נו, און די תפילות — אָבער יענע זענען לאַטיין. יאָ. —

איצט איז ער אויך געוועזן אַביסל אויפגעלייגטער, און האָט מיט איר איינגעטענה'ט:

— אָבער, הערט זיך איין, וואָס פאַר אַ נאָמען איז דזשעני?! כ'מיין באמת. יעדע דזשעין, דזשין און דזשאָן איז דזשעני. וואָלט איר זיך כאָטש גערופן כואַניטאַ. אָדער איזאַבעללאַ. און פאַרוואָס טאָקע ניט דאָלאָרעס?

זי האָט אים אָנגעקוקט אַביסל אומזיכער.

— איך בין אַן אַמעריקאַנערין...

— געוויס, — האָט ער זי בארואיקט, — אודאי אַן אַמערי-קאַנערין. אָבער זאָגט אַליין: דאָ—לאָ—רעס. דאָס האָט עפּעס אַ קלאַנג! כ'לעבן — כ'וועל דיך רופן דאָלאָרעס!...

זי איז פּלוצים געוואָרן פריילאַך, און אַריבערן טישל האָט זי אַוועקגעלייגט איר האַנט אויף זיינער:

— אָלראַיט! זאָל זיין דאָלאָרעס, אַז דו ווילסט אַזוי. כאַ-כאַ!

דאָלאָרעס!... נו, און ווי זאָל איך ד י ך רופן?

אין טאָן זענען זיי אריבער אויף דו — כאָטש היינטיקער ענגליש געברויכט נים קיין באַזונדערע ווערטער פאַר איר און דו.

— מיך? !... — ער איז געוואָרן אביסל אָפּגעקילט, נאָר האָט באַלד צוריק אויפגעשמייכלט. — ניין, מיין נאָמען וועסטו נים קאָנען נאָכזאָגן. אנו, זאָג: לאַקריצפלעצל—?...

— ל—לאַק... פררר!... — האָט זי ארויסגעשפּריצט מיט א געלעכטער. — אוי, ניין, ווי האָסטו געזאָגט? כאַ-כאַ!

— נו, זעסט שוין? ניין, דאָלאָרעס, מיין נאָמען איז נישט וויכטיק. אָדער — רוף מיך מאַני. ס'איז לייכט אויסצורײדן, און ס'איז בעסער פון מאָרים, אָדער מאַיקל, אָדער אפילו סידני. אָט לאָמיר בעסער — נו, א „מואווי". וואָלסט א בעלן זיין זען עפּעס א „מואווי"?

זי האָט זיך זייער דערפרייט. אָ, יאָ! „איי'ד לאָוו טו!" — מיט פאַרגעניגן, הייסט עס. גייען מיר. —

זיי זענען ארויס אין גאַס און זיך אוועקגעלאָזן צו בראָדוועי.

אויפן וועג האָט ער איבערגעכאַפּט א פאַרביינקטן בליק וואָס זי האָט געוואָרפן אין א בלומענגעשעפט. ער איז אריין אין קראָם און ארויסגעבראַכט פאַר איר א רויז — אַן איינציקע רויז, א נאָך ניטאינגאַנצן געעפנטע, נאָר א פולע, א געפּאַקטע.

— אַ דאַנק, ליבינקער!

שוין אין טעאַטער, נאָכדעם ווי זי האָט אויסגעטאָן איר היטעלע, האָט זי אַרויסגענומען די רויז פון לאַץ און זי צוגע-שפּיליעט צו די האָר, ביי דער רעכטער זייט פון קאָפּ. ער-גען האָט ער געזען אַ מאָלעריי — אַ „גאָיאַ", צי וואָס? — אַ שפּאַנישע דאַמע מיט אַ רויז ביי די שוואַרצע האָר. ניט געווען קיין ענלאַכקייט צו יענער דאַמע אין געזיכט, און דאָך... אינם שוואַכן ליכט פון פּאַרטונקלטן טעאַטער... איר בליק אפילו האָט זיך געענדערט! המ... אַ מאָדנע ראַסע. —

ד.

פאַרן פאָרהאַנג, אין אַ פלעק פון פורפורליכט, איז געשטאַנען אַ דיקער, הויכער מאַן אין אַ שוואַרצן פראַק, מיט אַ גלאַטן, קיילעכדיקן ווייבערשן פּנים, און האָט געזונגען מיט אַן אומ-געריכט-דין שטימעלע פון אַ „מלאכ'ל". די ליפּן פון זיין שמאָלן מויל האָבן זיך געעפנט ווי אַ סמך — מער אַרויף און אַראָפּ איידער אין דער ברייט. ער האָט זים און נאָגנדיק געצויגן:

גיוו מאַי רעגאַרדס טו מאָדהער.
טעל הויר איי קען פאַינד נאָ אָדהער
הו'ד לאָוו מי עז מאָטש עז שי די—יד!...

עמיצער אויף אַ באַנק דערנעבן האָט אַ כליפּ געטאָן. דזשעני-דאָלאָרעס האָט געאַרבעט מיט איר באַוועגלאַכן פּנים, און

איר קאַוואַליער האָט געקוקט אויף איר בגנבה, מיט זיין קליינעם שמייכל אין ווינקל פון מויל. — נאָכדעם איז געקו-מען, פאַרשטייט זיך, „סאָמבאָדי ז׳וועיטינג פאָר מי“, און צום סוף אַ ליד וועגן דעם, אַז די טאַבאַקבלעטער זענען גאָלד און די באַוולבליטן זענען שניי; אַז די ״דאַרקיס״ — די נעגערס, הייסט עס — טוען נישט מער ווי דאָס וואָס זיי עסן רויטע, זאַפטיקע קאַווענעס און טאַנצן ביי דער שיין פון דער בלויער לבנה, — און געשען געשעט דאָס אַלץ

דאָון דהי
מים—סי—סיפּ—פּי !

דאָס איז געווען זייער פיין. אַביסעלע פריקרע איז אים פאַרגעקומען דאָס וואָס די דריי לידער זענען, דאכט זיך, גע-זונגען געוואָרן מיט דעמזעלבן ניגון, און וואָס דעם דאָזיקן ניגון האָט ער, דאכט זיך, געהערט פאַראַיאָרן, און פאַר-צווייייאָרן, און פאַרזעקסיאָרן, אין אַלערליי וואָדעווילהייזער — בלויז די ווערטער זענען געווען אַנדערע. צי אפשר האָט ער אַ טעות — און די ווערטער זענען אויך דיזעלבע?...

נאָכדעם ווי דאָס צוויהונדערטפונטיקע מלאכ׳ל האָט אָפּגע-שניטן און איינגעזאַמלט זיינע עטלאַכע גאַרבן אַפּלאָדיס-מענטן, איז אַרויסגעקומען אַ נעגער, וואָס אַלע אמת׳דיקע נעגערס וואָלט אים געמעגט מקנא זיין: אַזוי שוואַרץ איז געווען זיין פּנים, אַזוי רויט זיינע ליפּן, אַזוי ווייס זיינע ציין און אַזוי גרויס און קיילעכדיק זיינע אויגן. ער האָט געזונגען אַ נעגערש ליד — צום טייוול! איז דאָס ניט דערזעלבער

ניגון?... — האָט אָפּגעטאַנצט אַ „דזשיג", און איז פאַר־שוואונדן. פוןביידע זייטן ראַמפּע זענען אַרויסגעשוואומען: אַ מיידל פאַרקליידט פאַר אַ רויטער ליליע, און אַ לאַנגער, דאַרער, גרויער בעל־עבירה'ניק אין באַלקליידער, וועלכער האָט געדרייט צווישן די פינגער אַ שפּאַצירשטעקעלע. דאָס פּאָרל האָט געזונגען קופּלעטן און געטאַנצט איינער קעגן צווייטן, און אַי די טענץ, אַי די קופּלעטן האָבן זייער דורכ־זיכטיק אינסינואירט דאָס וואָס זיי האָבן געדאַרפט אינסינו־אירן. דאַלאַרעס האָט געכיכיקעט, האָט שליסלאַך ניט גע־קאָנט איינהאַלטן אירע געפילן און האָט זיך מיט אַ קוויטשיקל צוגעדריקט צו איר קאַוואַליער'ס אָרעם. ניט אַ שפּיל טאָן זיך מיט איר וואָלט געווען אַ גראָבקייט. —

גאָט האָט געהאָלפן — מאַני'ס גאָט — און דאָס וואָדעוויל־פּראָגראַם האָט זיך געענדיקט. אין טעאַטער איז געוואָרן נאָך פינסטערער, דער פאָרהאַנג האָט זיך אַרויפגעצויגן, און אויפן לייוונט האָט גענומען גיין די בילדערציי‌טונג אונטערן קעפּל: „די וועלט פאַר דיינע אויגן": —

די קאָלעדזשעס יעיל און קאָרנעלל שפּילן פוטבאָל, און קאָרנעלל געווינט. הוררא. — אַ צעלולאָיד־פאַבריק אין קאָלאָמבוס, אָהאַיאָ, איז פאַרניכטעט געוואָרן פון אַן אויפרייס. דער שאָדן באַטרעפט צוויי מיליאָן דאָ־לאַר. דאָס קעצל אין קעלער איז ניצול געוואָרן און זיצט איינגעענורעט ביים פּאָליסמאַן אין אָרבל. דעם פאַרוואונדעטן פייערלעשער האָט מען צוגענומען אין אַ שפּיטאָל, און די קערפּערס פון די פאַרשוואונדענע אַרבעטער האָבן זיך נאָך נישט אָפּגעזוכט. — מיס

מעריאָן טערענס פון טאַקאָמאַ, וואַשינגטאָן, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין אַ פּאַס מיטן לויף פון ניאַגאַראַ-וואַ-סערפאַל. זי טראָגט ניקערס און שמייכלט מיט ווייסע ציין. — אין יאַפּאַן זייט מען רייז אין וואַסערבאַדעקטע פעלדער. מענער און פרויען שטייען איבער די קנעכל אין וואַסער און פאַרקען זיך מיט די הענט אין דער בלאָטע. — די ענגלישע יערלאַכע „דוירבי“ האָט זיך נאַרוואַס געענדיקט. דאָס פערד „לאַיטנינג“ פאַרנעמט צוויי-דריטל פונם עקראַן, און זיינע נערוועזע אויערן ציטערן אויפן שמאָלן קאָפּ. — אין לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע, זיצט אַ בחור שוין דעם זיבעצנטן טאָג צוגעבונדן צו אַ שטול ביים שפּיץ פון אַ הויכן דראָנג, אויפן דאַך פון דער געביידע פון דער האַנדלסבאַנק— צוליב אַ געוועט אַז ער וועט אַזוי אָפּזיצן פיראונצוואַ-ציק מעת-לעת. — דער אַלטער דזשאָן ד. ראַקעפעלער שפּילט טענים און טיילט צענסענטיקע. — פּאַריז לייגט דעם יערלאַכן קראַנץ אויפן קבר פונם אומבאַקאַנטן געפאַלענעם זעלנער. — „לינדי“ פליט זעקס הונדערט מייל אין זיין עראָפּלאַן צו ווערן אַ חתן. — דזשעק דעמפּסי מאַכט איבונגען פאַר זיין באַגעגעניש מיטן פערזאָנער טשעמפּיאָן זאַפּאַטערא. — אַן אויטאָמאָביל-לויף. — אַ מאָטאָרציקלעטלויף. — אַ בייבי-אויסשטע-לונג. — פּרעזידענט קולידזש פינטלט מיט פישענע אויגן גלייך אין טעאַטער אַריין. צוליב די ברייטע ראַנדן פון זיין קאָובאָי-הוט איז שווער אַראָפּצולייענען פון זיין שטערן די געדאַנקען וואָס יאָגן מסתמא ווי אַ וויכער דורך זיין קאָפּ. —

אופ-ף! די איבערזיכט פון דער וועלט איז געענדיקט. „די וועלט פאַר דיינע אויגן“.

איצט קומט די „קאָמעדיע“: —

מ׳לויפט. מ׳פאַלט. מ׳שטייט אויף און מ׳קריגט אין די ציין אַריין. מ׳לויפט. מ׳פאַלט. מ׳שטייט אויף און מ׳גיט אין די ציין אַריין. מ׳לויפט ווידער. מ׳פאַרלירט הויזן און קליידלאַך. אַ בלומענטאָפּ פאַלט פון אַ פענסטער אין קאָפּ אַריין. מ׳לויפט און מ׳שטויסט זיך אָן מיט דער נאָז אָן — אַך! — אָן אַ פּאָליסמאַן. מ׳לויפט צוריק און מ׳פאַלט אַריין אין אַ פאַס מיט וואַסער. מ׳לויפט נאָך אַלץ, און מ׳כאַפּט-איבער דאָס האַרץ מיט אַ ציגל אין קאָפּ אַריין. דער לעצטער לויף איז פאַטאַל: מ׳טרעפט זיך אָן פּנים אל פּנים מיטן אייגענעם ווייב! דעמאָלט פאַרגלאָצט מען די אויגן אויף אַ שרעקלאַכן, אוממעגלאַכן אופן, ביז די ווייסלען פאַרנעמען די גאַנצע עפענונגען פון דעקל ביז דעקל, און מ׳פאַלט אויף אַהינטער אין טייך אַריין. עטלאַכע מאָנסטער-גרויסע לופטבלאָזנס קומען אַרויף צו דער אויבערפלאַך. כאַ-כאַ-כאַ-כאַ!

— האָסט הנאה, קליינע? — שמייכלט מאני קוקנדיק אויף זיין באַגלייטערין.

— אָה, איט׳ס סאָ פאַני!... — ס׳איז אַזוי קאָמיש, הייסט עס — און דאָס באַוועגלאַכע פּנים פון דאָלאַרעס שפּריצט מיט טויזנט געלעכטערלאַך. דער עולם אַרום לאַכט לאַנג,

קאָן גאָר צו זיך ניט קומען. אַ מתנה פון גאָט — דער הומאָר.

פון הינטער די פּלייצעס פון די צוקוקער שטראָמט און לייגט זיך אויפן לייוונט דאָס הויפּטבילד פון פּראָגראַם: „די רויטע שאַרפּע". נו, מ'האָרף פאַרשטיין: אַ יונגער רעפּאָרטער פון אַן אַמעריקאַנער צייטונג דעקט אויף אַ פאַרברעכן און געווינט אַ יורש'טע פון אַ באַנקפירמע. אָדער אפשר... ניין —מיר זענען ערגעץ אין אייראָפּע פון צוועלפטן יאָרהונדערט. צוויי שטאָלצע ריטער, איינער אַ רייכער, דער צווייטער אַן אָרעמער. דער ערשטער איז שטאָלץ אין דירעקטער פּראָפּאָרציע צו זיין רייכקייט, דער צווייטער — אין דערזעלבער פּראָפּאָרציע צו זיין אָרעמקייט. וואָס-זשע וועט זיין? וועל-כע פון די צוויי שטאָלצקייטן וועט... נאָר וועגן דעם זאָל דאגה'ן די הויכגעשטעלטע דאַמע. וואָס אמת איז אמת — שיין אי זי, די דאַמע, אין איר לאַנגן קלייד און דער הויכער פריזור, מיט פּערל אין אירע האָר. און געהויבן איז זי, אָה, אַזוי געהויבן! עס וואָלט כדאי געווען צו וויסן: עסט אַמאָל אַזאַ הימלישע באַשעפעניש? אָדער, למשל, ע... ע... ע...

מאני קוקט זיך אום אויף דאָלאָרעס — און דער שמייכל ווערט פאַרפרוירן אויף זיינע ליפּן. דזשעני קוקט אויף דער דאַמע מיט אויפגעריסענע אויגן, מיט אַ תּפילה'דיק פּנים, און שעפּטשעט אין דער שטיל: „בעסוסע! מאַריאַ! ווי גרויסאַרטיק זי איז!" —

— דאָלאָרעס! — מורמלט מאני איר אין אויער — אַנט-שולדיק מיר, דאָלאָרעס. ווען איך זאָל ניט זיין אַ חכם, וואָלט איך דאָך ניט געווען אַזאַ אידיאָט!

— אַה? — זאָגט דאָלאָרעס, ניט אָווּעקרייסנדיק די אויגן פון עקראַן. — שטער נישט, ליבינקער. קוק בעסער אַהין — פאַרוואָס קוקסטו ניט?

— איך קוק, איך קוק! וואָדען איך קוק ניט?...

ער קוקט, אָבער אויף איר, אויף דזשעני'ן קוקט ער. פון אונטער די שוואַרצע האָר שימערט אַרויס אַ טייל פון אַן אויערל, אַ קליין אויערל, און האַרט דערביי גליט ווי אַ קויל ביים אויסגיין די רויז אויף איר קאָפּ — ווי אַרויסגעוואַקסן פון קאָפּ אַרויס. ער נעמט אירע אַ האַנט צווישן זיינע ביידע, און זי ענטפערט מיט אַ שוואַכן, פאַרטראַכטן דריק. ביסלעכווייז לאָזט זיך זיין קאָפּ אַראָפּ נידריקער. די צוויי זיצן האַרט איינער נעבן צווייטן, נאָר יעדער פון זיי איז אין אַן אַנדער וועלט. —

ה.

— אויסטערס! — האָט מאַני באַשלאָסן אַרויסגייענדיק פון טעאַטער. — מיר גייען עסן אויסטערס.

דאָלאָרעס איז נאָכגעגאַנגען שווייגנדיק, מיט אַ שאָטן פון אַ פאַרטראַכטן שמייכל אויף די ליפּן. דרויסן איז געוואָרן קעלטער, און קליינע, איינצלנע שנייעלאַך האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט אין דער לופט. אין גרויסן "לאַנטשרום" מיט די פּאָפּולערע פּרייזן איז געווען וואַרעם, ליכטיק און טומלדיק פון די נאָכטעאַטערבאַזוכער. מאַני האָט באַשטעלט אויסטערס „אין די מושלען", דאָלאָרעס האָט גענומען אַ

געקעכטס פון אויסטערס מיט מילך. זי האָט געגעסן מיט דער איבערטריבענער מאַנירלאַכקייט פון דער „עכטער" נויאָרקערין: פאַרשנורעוועט דאָס מויל, געזופּט צו קליינע ביסעלאַך, געהאַלטן דאָס פּעניצל ברויט איידל, מיט צוויי פינגערלאַך, און געפּיקט ווי אַ פייגעלע. פאַרביסן האָט זי מיט רויטן געצוקערטן זשעלאַטין אין געשלאָגענעם שמאַנט. מאני האָט זי אָבסערווירט פון אונטערן שטערן אַרויס. איינמאָל האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— וואוינסטו מיט דיינע עלטערן?

אַ וואָלקן איז איבערגעגאַנגען איבער איר שטערן און איז פאַרשוואונדן. זי האָט געשוויגן אַביסל. דערנאָך רואיק געזאָגט:

— אַז מ׳אַרבעט אין אַ רעסטאָראַן, זעט מען זיך אָן מיט אַלערליי מענטשן.

אָט אַזוי פשוט! איגנאָרירט אַ פראַגע וואָס איז אפשר צו אינטים — און אַליין אויפגעהויבן אַ טעמע.

— אַנטקעגן וואָס זאָגסטו דאָס?

— אָט, סתם אַזוי, זיך דערמאָנט... צו אונז אין „אויטאָמאַט" קומט אַריין איינער אַזאַ פאַרשוין, אַ קליינינקער, אַ דאַרינ־קער, אַ מיאוסינקער. מיט ברילן, אין אַ קיילעכיקן היטל פון פאַרפינפיאָרן, אין אַן אָפּגעריבענעם מאַנטל. מיט איין וואָרט — אַ פאַרזעעניש, אַ לאַכודרע. מוז זיין פון די דאָזיקע — פון די רוסן, צי וואָס?... עסן עסט עס נאָר בלינעס מיט סיראָפּ

— יאָ, דערפֿאַר, ט׳אַפּנים, האָב איך זיך דערמאָנט: האָסט אויך גענומען בלינעס... אָבער יענער — עסט ניט קיין אַנדער זאַך. בלינעס און בלינעס, און אַן עק! אַ קאָמעדיע. איך וואָרט שוין גאָר ניט אויף זיין באַשטעלונג: ער גיט נאָר אַ שמייכל, און איך באַשטעל פֿאַר אים בלינעס. אָט, אַ שמייכל, זעסטו האָט ער דוקא אַ וואוילן. דאָס הייסט, ווי זאָל איך דיר זאָגן?... אַ שמייכל ווי אַלע שמייכלען. ניין... טאַקע אַ פֿיינער שמייכל. איז וואָס-זשע האָב איך געוואָלט דערציילן? איז, יאָ — זעצט ער זיך אַוועק ביי אַ טישל, ניט זייער ווייט, ניט זייער נאָענט, עסט זיך זיינע בלינעס — און פֿאַרוואָרפֿט אַן אויג צו מיר. נו, וואָס קוקט אַ מאַן אויף אַ מיידל? מ׳ווייסט שוין. קוקט ער — און דערביי בלייבט עס. זאָגן דעם אמת, האָב איך אין אָנפֿאַנג אפילו געפּרוּווט אים צוגעבן מוט: אַ פּאָר מאָל אַ שמייכל געטאָן צו׳ן אים. געווען משיקאַווע צו זען וואָס פֿאַר אַ מענטש. אָבער ער שמייכלט צוריק — און קיין וואָרט ניט. נאָכאַמאָל געפּרוּווט — דיזעלבע געשיכטע. איז וואָס-זשע קוקסטו? קוקט! האָט ער זיך מיר צוגעגעסן אַביסל. נאָר וואָסדען? כ׳האָב זיך צוגעוואוינט. עס האָט זיך איינגעשטעלט צווישן אונז עפּעס אַזוינס... אַטאַזויאַ, שווייגנדיק. ער קומט אָפּט, עסט בלינעס, כאַפּט אַ קוק, שווייגט. און טאָמער אַמאָל באַווייזט ער זיך ניט אַ שטיקל צייט — פֿעלט ער מיר! דיד יו עווער?... — געזען אַזוינס?... כאַ-כאַ!

זי איז געוואָרן פֿריילאַכער, שטיפֿעריש, און האָט ביים אַרויסגיין פֿון רעסטאָראַן אים אַ כאַפּ געטאָן אונטערן אָרעם און זיך צוגעדריקט צו׳ן אים.

— נו, און איצט, מיידעלע, — האָט מאַני געזאָגט, — גיי אַהיים.

זי האָט אַראָפּגעלאָזט זיין אָרעם, זיך אויסגעגלייכט ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע און אים אָנגעקוקט שטום — דער־שטוינט — פאַרוואונדעט.

— וואָס־זשע קוקסטו אַזוי, אַה? שפּעט. צייט פאַר דיר צו גיין שלאָפן — און פאַר מיר אויך.

זי האָט אַלץ געשוויגן, און ער האָט אומרואיק געמאַכט אַ שפּאַן אַוועק פון איר און צוריק צון איר. זי האָט אים אָנגע־נומען ביי אַן אַרבל.

— נעם מיך מיט. נעם מיך ערגעץ.

— מ־נייץ, — האָט ער כמורנע געזאָגט. — איך... ס'איז ניט מיין גאַנג.

— ס'מיינסטו?

— ניט מיין גאַנג. נו, סט'ניט פאַרשטיין. און וואוהין זאָל איך דיך נעמען? טאָמער האָב איך אַ ווייב מיט קינדער אינדערהיים, אַה? זאָל איך דיך ברענגען אַהיים צו מיין ווייב, אַה?

— אָבער... אין אַ האָטעל!

— אַ האָטעל? פע! אַ האָטעל? כ'האָב פיינט האָטעלן!

ער האָט צערודערט און אומגעדולדיק אַרומגעטאַנצט אַרום

איר אויף איין אָרט.

— וואָס ביזטו פאַר אַ מענטש ?... — האָט זי זיך געוואונ־דערט.

— אַ מענטש ? — ווי אַלע מענטשן. ניט פיל ערגער פון אַנדערע מענטשן...

אים איז פלוצים עפּעס איינגעפאַלן.

— הער זיך איין, — האָט ער געזאָגט, — איך פאַרשטיי...

ער האָט אַריינגעשטעקט אַ האַנט צו זיך אין קעשענע, נאָר ביי איר האָבן אויפגעפינקלט די דרום׳דיקע אויגן, דאָס מויל האָט זיך אויסגעקרימט, און דאָס פּנים איז געוואָרן זייער ניט־שיין. ער האָט פאַרשטאַנען, און איז געבליבן שטיין אָפּהענטיק. זי האָט זיך תּיכּף געצווימט, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַ זאָג געטאָן :

— אַ גוטע נאַכט. אַ דאַנק פאַרן פאַרגעניגן.

איידער ער איז געקומען צו זיך, איז זי שוין געווען אַ צענד־לינג טריט פון אים.

— פּ־פּע ! — האָט ער זיך פאַרקרימט ווי פון אַ שלעכטן טעם אין מויל, און איז איר נאָכגעלאָפן.

— וואַרט אַ ווײַלע. איך... נו, האָב קיין פאַריבל ניט. איך בין אַ גולם. וואָס־זשע לויפסטו אַזוי ?

זי האָט פאַרקלענערט די טריט, נאָר נאָך אַלץ געהאַלטן

אין גיין.

— איך זאָג דיר — כ׳בין אַ שטיק משוגענער. דאַרפסט ניט זיין בייז אויף מיר. איך מיין ניט קיין שלעכטס. נו גוט, קום מיט מיר, דאָלאַרעס — דזשעני — דאָלאָרעס. קום, קליינע — זיי ניט בייז.

זי איז געבליבן שטיין, נאַר, קענטיק, ניט געקאָנט זיך באַרואיקן אַזוי מיטאַמאָל. ער האָט זי גענומען אונטערן אָרעם.

— קום-קום. מירן זיך דורכגיין אַביסל. דערנאָך — וועל׳-מיר זען.

דער שניי איז איצט געפאַלן שיטער, אין לייכטע און וואַרעמע פעדערן, וואָס זענען געקומען פון דער הויך אָן אימפעט, האָבן זיך געבלאָנקעט אין דער לופט און זיך צוגעזעצט וואו וועלאַכס אַזוי ווי אויף אַ ווײַלע, ווי גרייט זיך ווידער אויפצוהייבן און אַוועקפליען ערגעצאַנדערש. די פינפטע עוועניו האָט אָנגעהויבן ווייסלען צווישן די פאַרשטומטע הויכע ווענט. פון צייט צו צייט האָט אַן אויטאָמאָביל זיך פאַרבייגעגליטשט מיט אַן איינגעהאַלטענעם זיידענעם שאָרך. מ׳האָט ניט געקאָנט זאָגן, אַז נויאָרק שלאָפט, נאָר וואָסדען? — זיך צוגעזעצט אין אַ פאָטעל, מיט אַ ניט-געצונדענעם ציגאַר צווישן די פינגער, און פוילט זיך טראַכטן. —

ביי דער 59טער סטריט האָט מאַני צוגערופן אַ טעקסי. דער קורצער און העפטיקער רוגז וואָס איז אַדורכגעלאָפן צווישן זיי אַ ווײַלע פריער האָט אַוועקגעטראָגן יעדן שפור פון

פרעמדקייט, נאָר קיין חשק צו ריידן איז ניט געווען. אין אויטאָמאָביל האָט ער זי אַרומגענומען מיט איין האַנט, זי האָט זיך צוגעטוליעט צו׳ן אים, און אַזוי זענען זיי געזעסן ביז די טעקסי איז געבליבן שטיין נעבן אַ גרויסן אַפּאַרט־מענט-הויז אין בראָנקס. זי האָט געוואָרפן אויפן אַריינגאַנג אַ פּאָר׳חידוש׳טן בליק: ניט קיין האָטעל — נאָר זי האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. זיי האָבן דורכגעשניטן אַ גרויסן אונטערשטן „האָל” און צוגעקומען צו די טרעפּ.

— נעם מיין האַנט, — האָט ער געזאָגט, — און אייל זיך ניט. וועסט האָבן צו שטייגן און צו שטייגן.

די קאָרידאָרן און די טרעפּ זענען געווען גוט באַלויכטן, פּוסט און שטיל. זי האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אָן זיין אַקסל, און אַזוי האָבן זיי זיך געהויבן, דורך דער ליכטיקער פּוסטקייט, פון שטאָק צו שטאָק, ווי אַ פּאָרפאָלק וואָס קערט זיך אום אַהיים שפּעט ביינאַכט פון אַ שמחה ביי גוטע־פריינט.

ו.

דער טאָג איז אַזוי הייס, אַז די באַגראָזטע ערד אונטער מאַני׳ס קערפּער איז וואַרעם און נאָכגיביק ווי אַ וואָלענע קאָלדרע. דער טאָג איז אַזוי ליכטיק, אַז דורך די פאַרמאַכטע אויגנדעקלאָך זעט ער זייער קלאָר דעם גרינעם טאָל דאָרט ווייט אינדערנידער, דעם בלאָסבלויען, ווי פון ליכט אָפּגע־בליאַקירטן הימל אַרום און איבער דער גאָרער וועלט, און

די רייכע שעווועליורע פונם קאַשטאַנענבוים הויך איבער זיין קאָפּ. ער ליגט אויף אַ זייט, מיט דער לינקער האַנט אונטער דער באַק, און רוט מיט יעדן איבר. —

ס'איז זייער שטיל. נאָר ערגעץ נאָענט אָן אַ זייט זינגט אַ בין אויף אַ דריבנעם, שיטערן טענאָר: „שאַר—לאַך—רויט!... שאַר—לאַך—רויט!"...—וואָס מיינט זי דערמיט?—

פאַרטראַכטערהייט טוט ער אַ לייג אַוועק זיין רעכטע האַנט אויף דער ערד נעבן זיך — און טרעפט אויף עפּעס־אַזוינס וואָס לאָזט אַרויס אַ שוואַכן דערשראָקענעם פּיפּס. ער כאַפּט זיין האַנט צוריק. אויפן גראָז זיצט אַ פּיצעלע פייגעלע און דרייט מיטן שנעבעלע און מיט די געלע קיילעכיקע אייגלאַך. די ראָזיקע הויט קוקט דורך צווישן די שיטערע פעדערלאַך. נאָך גאָר אַ בייבי; געמוזט אַרויספאַלן פון נעסט. ער לייגט נאָכאַמאָל אַרויף אַ האַנט אויפן קליינעם קערפּערל — פאָרזיכטיק, צערטלאַך. דאָס פייגעלע צאַפּלט־אויף שוואַך, קוים צו פילן, נאָר, קענטיק, אָן שרעק. ווערט שטיל, און גיט זיך ווידער אַ צאַפּל. עס צאַפּלט זיך שוין איצט אָפּט, רעגלמעסיק און רואיק, צוטרוילאַך. נו, נאָר נישט קיין מורא! נישט — קיין — מורא. נישט — מורא. מורא. מורא. —

ביי זיך אין קאָפּ, ערגעץ ביים נאַקן, האָט ער געלאָזן ליגן אַ געדאַנק, וועלכן ער דאַרף אַרויסשלעפּן און באַקוקן פונדערנאָענט. וואָס איז עס געווען? יאָ: וויאַזוי זעט ער עס דורך צוגעמאַכטע אויגן? אויב עס איז אַזוי ליכטיק, וואָס־זשע וועט שוין זיין אַז ער וועט עפענען די אויגן? טשיקאַווע. און ער גיט אָן עפן די אויגן — גלייך אין שטאָק־

פינסטערניש אַריין. אוממגלויבלאַך! ער פאַרמאַכט זיי האַסטיק צוריק: פינסטער, שוואַרץ. ער עפנט זיי ווידער: שוואַרץ, פינסטער. אונטער זיין האַנט צאַפּלט זיך נאָך אַלץ דאָס פייגעלע — רואיק, רעגלמעסיק, ווי עס קלאַפּט אַ מענטשלאַך האַרץ. אונטער זיין האַנט קלאַפּט — אַ מענטש־לאַך האַרץ.

ער איז געקומען צו זיך. —

נאַכט. אַז דו ליגסט אַ ווײַלע מיט אָפענע אויגן, זעסטו־איין, אַז ס'איז גאָר ניט אַזוי שוואַרץ, גאָר ניט אַזוי פינסטער. דאָס ליכט פון די שטערן פליסט דורכן טאָפּעלטן פענסטער צו אים אין שלאָפצימער, און די נאַכט אַליין איז דורכגעווייקט מיט אַ ווייסן, ווייכן, דיפוזירטן ליכט — מוז זיין דער שניי אויף דער גאַס. עס טרעטן אַרויס די נאָענטע ווענט, מיט אַ פּאָר טונקעלע פלעקן אויף זיי — בילדער. דער טיש. אַ שטול. אויף דער ערד — אַ טונקלער הויפן: קליידער— ווייבערשע קליידער — געלאָזן הינטער זיך אין זשעדנער, פריידיקער פאַרגעסלאַכקייט. ער גיט אַ ציטער—אַ שמייכל —אַ שטאַרקן ציַ־אַריין די לופט אין די לונגען. —

זי שלאָפט רואיק; אויסגעבויגן, איינגענורעט, צעוואַרעמט. דאָס האַרץ אַרבעט שטיל, נאָר כסדר; עס פּראָדוצירט זיך אויפסניי דער אויסגעשאָסענער פולווער. מערקווירדיק, ווי אָפּט ניט־שיינע פרויען האָבן שיינע קערפּערס! און פאַר־קערט. —

ער האָט זיך אַרויסגעשלייכט פון בעט און איז, אין שלאָפראָק און שטעקשיך, אַרויס אין צווייטן צימער, צומאַכנדיק די טיר

הינטער זיך. דאָרט האָט ער אין דער פינסטער אָנגעטאַפּט דאָס קנעפּל פון דער עלעקטריע און אַ דריק געטאָן. דאָס איז געווען דאָס גרעסערע פון זיינע צוויי צימערן, זייער קנאַפּ מעבלירט, אויף די נאַקעטע ווענט אַן איינציק בילד — אַ לאַנדשאַפט פון יצחק ליכטענשטיין. צוויי טירן אין אַ ווינקל האָבן געפירט צו דער וואַנע און צום מיניאַטור-קיכל — „קיטשענעט“.

ער האָט אויסגעוואַשן דאָס מויל, אויסגעטרונקען אַ גלאָז וואַסער און פאַררויכערט אַ סיגאַרעט. דערנאָך האָט ער פאַרקוקט אין שפּיגל און זיך פאַרקרימט; אַ צורה אַביסל! אַ פאַרשלאָפן, אָנגעדראָלן, בייז פּנים, מיט אויגן וואָס קריכן אַרויס פון קאָפּ, מיט אַ שפּראָץ פון גרוילאָכן דראָט אויף דער מאָרדע — פּ-פע! אַ האָריקע ברוסט, אַ בייכל, און אַ קערפּער וואָס קוקט אויס ווי אויסגעפּאַשעט, כאָטש... — ער האָט פאַרדראָסיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און צוגעגאַנגען צום פענסטער.

— — — אַ ווייסע און אַ פּראָסטיקע נאַכט. מיט אַ פּאָר מינוט צוריק — אַ הייסער, זוניקער טאָג, פּונקט אַזוי ממשות׳דיק — פאַר מיר. און וואָס ווייס איך מער ווי „פאַר מיר“? — — „שאַרלאַך-רויט“. אַ באַ׳טעמ׳ט וואָרט — שאַרלאַך; פּילט אָן דאָס מויל ווי אַ זופּ מאַלאַגאַ-ווין, אָדער ווי אַ שטיקל „האַרץ“ פון אַ פרישן, זאַפטיקן קאַווען. — שאַרלאַך-רויט. דאַרפן זיין עפּעס נאָך ווערטער. ווערטער: זאַנגען — גאָלד — יאָ: „די קאָרנזאַנג איז גרין און גאָלד... דער מאָן איז שאַרלאַך-רויט.“ יאָ. „די קאָרנזאַנג“... „דאָס לעבן פרעגט קיין קשיות ניט — פרעגן פרעגט דער טויט.“

אַהאַ: „דאָס ליד פון די שניטעריגס.“ פון וואַנען איז דאָס? ווער האָט דאָס?... און פאַרוואָס איז עס מיר געקומען אין חלום? און וואָס מיינט: דער טויט פרעגט קשיות?... המ... ניט קלאָר. — — —

— — — דאָס מענטשנקינד דאָרט אויפן בעט. לאָזט זיך אוים: געקויפטע ליבע — איז אויך ליבע. גיי ווייס. צאַרט — היים — קאַפּריזנע — שפּילעוודיק — טיף און עכט. ווי-זשע איז עס?... דאָס מענטשנקינד נייטיקט זיך אין אַ זונען-שטראַל, אין אַביסל שפּיל, אין אַביסל הנאה. און אַזוי פּשוט, גשמיות'דיק: אַ געשמאַקער ביסן, אַ קוש, אַ קיצל. און טאַקע: איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען קיין נאַקעטע „נשמה“ אַרומשפּאַצירן איבער בראָדוויי אָט אַזוי — אָן הויזן. צוריקשמועסנדיק, האָב איך קיין גוף „אַליין“ אויך ניט געזען אַרומגיין. די ניינטע סימפאָניע, צי „טריסטאַן“, צי וואָס דאָרט נאָך, אָן אַן אויער פון שפּאָנדרע און הויט, איז — ניקס, און געפילטע קישקע איז מתנה די... „נשמה“. איז ווי-זשע איז דאָס? — אַ, אַלטער בטלן! אַרויפגענומען אַ מויד פון גאַס — און פילאָזאָפירט איבער איר! — —

עטלאַכע בלאָק אַוועק האָבן שוין איצט געדונערט די צוגן פון דער לופטבאַן און די טראַמוואַיען. שווערע וואָגנס האָבן געסקריפּעט אינם שניי. דער טאָג איז ניט ווייט.

ער האָט אַרומגעשפּאַנט, אין זיינע ווייכע שטעקשיך, אין דיאַגאָנאַל פון צימער, פון ווינקל צו ווינקל.

— — — די קליינע דאָרטן, יאָ, דאָס מענטשנקינד בענקט נאָך... נו, שוין געהערט דעם פּזמון. אָבער וואָס האָב איך

געוואָלט אויסברייען? געקויפטע ליבע איז — אויך ליבע. ווייז דעם מענטשנקינד אַ שקל — און עס הייבט אָן צו זינ־גען שירה. נאָר דער וויץ איז, אַז דאָס געזאַנג איז — עכט. טאַקע דער שקל, נאָר קוים האָט עס אָנגעהויבן, איז... כאַ־כאַ! וואָס־זשע באַטייט דאָס? שוין־זשע האָב איך אַזוי שלעכט פאַרשטאַנען? מיין גאַנץ לעבן אַזוי שלעכט פאַר־שטאַנען? מיין גאַנץ לעבן?... דאָס וואָלט געווען שוין צו־פשוט. צו־פשוט טויג ניט. צו־פאַרוויקלט — טויג אויך ניט. בכן, איז וואו האַלט איך?... וואו איז דער אָנהויב און וואו...
— אָה, העלל!... — — — ער האָט אויסגעשפּיגן דערפאַר וואָס ער האָט אַריינגענומען דעם סיגאַרעט מיטן פייער אין מויל, ווי אויך פון פאַרדראָס אויפן פאַרפּלאָנטערטן קנויל.

דער טאָג איז בלוילאַך־ווייס געגאַנגען אין הויז דורך אַלע פענסטער. מאַני האָט שטיל געעפנט די טיר צום שלאָפ־צימער און איז צוגעגאַנגען צום בעט. דאָלאָרעס איז געליגן אויפן רוקן מיט איין האַנט אונטערן נאַקן, און איין באַק אירע האָט געגליט רויט. זי האָט רואיק געאָטעמט, און ער האָט געקוקט אויף איר פאַר׳חידוש׳ט, צעטומלט. און פּלוצים, אָן שום הכנות, האָט זי געעפנט די אויגן. אַ ווײַלע האָבן די אויגן געוויזן, אַז זיי פאַרשטייען גאָרניט. דערנאָך האָבן זיי אויפגעבליצט. דערנאָך זענען זיי געוואָרן טונ־קעלער. אַ שמייכל האָט זיך אַ שליינגל געטאָן צווישן די ליפּן, און די אויגן זענען געוואָרן נאָך טונקעלער. —

ז.

מאַני האָט אַריינגענומען די מילך פון קאָרידאָר, און דער

ריח פון אַ „גוי׳אישן״ אָנבייסן האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער וואוינונג: אייער, חזיר-גריוון, פרישע קאַווע.

— דאָלאָרעס, פרישטיק!

— מ-באַלד...—האָט זי געענטפערט פון שלאָפצימער אַרויס. זי איז געזעסן אויפן בעט אַ פאַרטראַכטע אינמיטן אָנטאָן זיך, אין פיאָלעטענע אונטערהויזן, נאַקעט ביז דער טאַליע: אַ קערפּער אַ יונגער, כמעט אַ אינגלישער, דער קאָפּ — אומ-געריכט — פון אַ דערוואַקסענער פרוי, די שוואַרצע האָר צעלאָזן, די אויגן אויפגעריסן, דאָס מויל אָפן, אין אַ צושטאַנד פון זעלבסטהיפּנאָז. צום סוף האָט זי מיט שווערקייט אָוועק-געריסן איר בליק פון עפּעס אַ פּונקט אין רוים און איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט. זי האָט געכאַפּט אין די הענט דעם הויפן פון אירע קליידער און איז דורכגעלאָפן דורכן פאָדערשטן צימער אין וואַנע אַריין.

געגעסן האָבן זיי שווייגנדיק, יעדערער פאַרנומען מיט זיינע אייגענע געדאַנקען. דערוויייל האָט די זון געטאָן אַ קוק אַרויס פון הינטער אַ שאַרפן קענגנאיבערדיקן דאַך און דורכן הויכן פענצטער אַ וואָרף געטאָן אויפן דיל אַ גליענדיקן גאָלדענעם שווערד, אַ גראַדן, אַ שאַרפן, מיט אַ לאַנגן, דינעם שפּיץ. דאָס איז געשען אַזוי פּלוצים, אַז ביידע האָבן זיך אומגעקוקט און מיט פאַרשפּיצטע אויערן זיך געריכט אויף אַ מעטאַלע-נעם קלונג. ער איז ניט געקומען, און זיי האָבן זיך איבער-געקוקט מיט אַ שוואַכן, אומבאַשטימטן, בלאַנזשענדיקן שמייכל. באַלד דערנאָך האָט דאָלאָרעס פאַרענדיקט איר עסן, האָט אָנגעטאָן איר הוט און מאַנטל און געשעפטס-מעסיק אָנגעפּודערט דאָס פּנים קעגן שפּיגל. מאַני איז אויפ-

געשטאַנען, האָט אַרויסגענומען פון אַ שופלאָד פון ביוראָ אַ פּאָר פּאַפּירלאַך און זיי איר דערלאַנגט. זי איז אָפּגעטראָטן פון אים און האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: ניין.

ער האָט זיך אומגעדולדיק פאַרקרימט.

— נעם, נו.

זי האָט פאַרוואָרפן די הענט אַהינטער, ווי אַ קינד.

— אָבער... פאַרוואָס ניט?

זי האָט צוגעשוויגן. דערנאָך מיט שווערקייט אַרויסגע-קוועטשט:

— איך... דאָס מאָל בין איך אויסגעגאַנגען—פונמיינעטוועגן.

— פונדיינעטוועגן?...

ער האָט דאָס צעקייט. דערנאָך איז ער צוגעטראָטן צו איר נאָענט און האָט ווייך געזאָגט:

— הער זיך איין: נעם, עס וועט צוניץ קומען. אַ מתנה, פאַרשטייסט? אָדער... נו, אָט וואָס: קויף דיר עפּעס אַ שיינע זאַך צום געדיינקען... ניין — קויף דיר אַ גוט זיידן העמדל וואָס זאָל צופּאַלן צו דיין הויט צאַרט — צערטלאַך — אָט אַזוי.

זיי זענען געשטאַנען אַ ווײַלע איינער נעבן אַנדערן שטום.

דערנאָך האָט זי נישטקוקנדיק אַריינגעשטופּט דאָס געלט צו זיך אין בײַטל און געזאָגט:

— גודבײַ.

ער האָט גענומען איר האַנט און צוגערירט זײַנע ליפּן צו אירע פינגער. געמאַכט האָט ער עס אַביסל שפּאַסיק-צערע־מאָניש: דער שטאָלצער ריטער, הייסט עס, אין שלאָפראָק און מיט אַ גלאַנציקן פּליך אויפן קאָפּ, און די הויכגעשטעלטע דאַמע — אין נויאָרק פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אָבער דזשעני פון 10טער עוועניו האָט עס צוגענומען אַן אַ שמייכל, ערנסט, כמעט שטרייננג. זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, איז אַוועק צו דער טיר און האָט זי געעפנט. דאָ האָט זי זיך אומגעקוקט אויף אים צום לעצטן מאָל. פון הינטער דעם דאַזיקן בליק, פון ערגעץ זייער ווײַט, האָט עס אויף אים אַ ווייע געטאָן מיט אַזאַ היימישקייט, מיט אַזאַ נאָענטקייט, אַז ער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן. זי האָט שטיל געמאַכט אַ טראָט אַהינטער און צוגעצויגן די טיר צו זיך. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פאָרויס — און באַלד געבליבן שטיין. מײַן גאָט! וואָס איז׳דאָס — וואָס איז׳דאָס געווען?...

ממה-נפשך.

א.

די רביצין איז געווען זייער א נארישע אידענע. —

דעם רב׳ס שכירות, מיטן רח״ש צוזאמען, זענען געווען אזוי קליין, אז אלע אירע יארן האט זי געהאלטן אין איין שטי־קעווען דעם סוף פון דער וואך צום אנהויב פון דער נעכ־סטער. עס האט זיך ניט געשטיקעוועט, און פירן די רבנישע באלעבאטישקייט איז געווען אזוי שווער ווי צו פירן א מלוכה. פונדעסטוועגן איז ביי דער רביצין געוואקסן א גוי־דער און איר פנים איז געווען גלאט און געדרויטלט ווי ביי א מיידעלע. זי איז געווען לאנג און דין, אבער ווייט פון מאגער. דעם קאפ האט זי געהאלטן אביסל פארויס און געבויגן, ווי א הון וואס זוכט קערנדלאך. געהאט צוויי בלויע, אינגאנצן אומשולדיקע, מיידלשע אייגלאך, אביסל קורצזיכטיקע, און פון אונטערן פארוואָרפענעם ווייס-זיידע־נעם טיכל האבן ארויסגעקוקט צוויי קליינע אויערלאך ווי רויזנבלעטלאך, מיט אלטפרענקיש געפאסטע בריליאנטן אין זיי — א ירושה פון דורות. — די רביצין איז געווען א שיינע און נארישע אידענע.

דעם מיזינעק, ליפא׳ן, האט זי אפט גע׳מוסר׳ט און דערביי

געשטויגנט וואָס ער פאַרשטייט נישט אַזאַ פשוט'ע זאַך, אַז עס פּאַסט נישט פאַר אים, אַ גמרא־יונג און דעם רב'ס אַ זון, צו שלאָגן זיך מיט אינגלאַך, אָדער רייסן עפּל פון די סעדער און כאַפּן פייגעלאַך. „פייגעלאַך גאָר!" האָט זי געהויבן די אַקסלען, געבויגן דעם קאָפּ פאָרויס, ווי אַ הון נאָך קערנדלאַך, און געקוקט מיט אירע אומשולדיקע בלויע אויגן אויפן גמרא־יונג.

ליפּאַ האָט זי געוויינלאַך אויסגעהערט געדולדיק און מיט ביטול. וואָס פאַרשטייט זי אין פייגעלאַך? אויסהערן מוז מען — פאַרפאַלן — אָבער אַ מענטש קאָן דערוויל טראַכטן פון זיינע געשעפטן, ווייל שלאָגן, אַשטייגער, איז אַ זאַך וואָס פעלט דער רביצין גאָר נישט איין. דער טאַטע, ווידער, איז ערגעצאַנדערשוואו. —

און באמת איז דער רב שטענדיק געווען ווייט פון וואו ער איז געווען. דאָס קליינע אידל אינם זיידענעם כאַלאַטל מיט די פאַר'חלומ'טע אויגן שלאָפט ווייניק, און כמעט די גאַנצע צייט וואָס עס שלאָפט נישט קוקט עס אין אַ ספר. קומט מען צום רב פרעגן אַ שאלה, רייסט ער זיך אָפּ פון זיינע ספרים אָן חשק; מיט נאָך ווייניקער חשק דערפילט ער זיינע אַנדערע רבנישע פליכטן, ווי סדור־קדושין וכדומה, און ביי דער ערשטער מעגלאַכקייט — צוריק צו זיינע ספרים.

שרייט די רביצין:

— סטייטש, נחמן, וואָס לאָזטו דעם יונג וואַקסן אין שטוי־בער אַריין?! ס'איז דאָך בזיונות פאַר לייטן, דעם מורה־

הוראה׳ס זון זאָל זיך שפּילן מיט פייגעלאַך!

רייסט דער רב אָפּ זיינע אויגן פון ספר, קוקט ווי אַ נעכטי־קער און זאָגט:

— הא?

— דער זון דיינער — ער שפּילט זיך דאָך מיט פייגעלאַך!

— מיט פייגעלאַך? וואָס פאַר אַ פייגעלאַך?

— „וואָס פאַר אַ פייגעלאַך" — גילדערנע פייגעלאַך! ער קלעטערט אויפן דאַך, אַ נעסט דאָרטן דאָ, זוכט ער פיי־געלאַך.

דער רב דרייט דעם קאָפּ צום זון, אַביסל אָן אַ זייט, און די פאַר׳חלומ׳טע אויגן קוקן אַ ווײַלע בייז:

— ווי קומסטו צו פייגעלאַך? וואָס עפּעס פייגעלאַך? קאָנסט נישט אַריינקוקן אין אַ ספר?

דאָס וואָרט ספר פאַרהיפּנאָטיזירט אים. ער קוקט נאָך אויף ליפּא׳ן, נאָר ער זעט אים שוין נישט. פון זיך אַליין פאַרבלאָנדזשען זיינע אויגן צוריק צום ספר. ער בלעטערט, טראַכט, בלעטערט ווידער — און איז שוין אין אַנדערע מקומות. די רביצין טוט אַ מאַך יאוש׳דיק מיט דער האַנט און קערט איר קאָפּ צום אָרט וואו דער גמרא־יונג דאַרף זיך, לויט איר חשבון, געפינען. נישטאָ דער גמרא־יונג.

זי ווערט דערשטוינט, בייגט פאַרוים דעם קאָפּ און גייט שטיקעווען איר רבנישע באַלעבאַטישקייט.

ב.

יענעם זומער האָט דער גמרא-יונג דורכגעפירט אַ ריי אונ-טערנעמונגען וואָס האָבן געהאַט אַ שם אין שטאָט. די צוויי ווײנשלבוימער אין בעל-טאַקסע׳ס גערטל האָט ער אין אַ הייסן נאָכמיטאָג געלאָזן שטיין מוטערנאַקעט. נפתלי דעם בלינדנ׳ס פערדל איז געבליבן אָן אַ ווײדל — און האָט געקוקט פאַרשעמט און געפאַלן ביי זיך פון דעמאָלט אָן. עס זענען פאָרגעקומען בלוטיקע מלחמות מיט אַנדערע אינג-לאַך, און נאָך זאַכן. נאָר איינמאָל בייטאָג זענען די פערד פון פריצ׳ס הויף דורכגעלאָפן דורך דער שטאָט. ליפּאַ האָט אפילו רעכט נישט געזען די פרוי וואָס איז אין דער קאַרעטע געזעסן, נאָר צוויי גרויסע גרויע אויגן, מיט אַ בלווילאַכן וואַסער אין זיי, האָבן מיט קענטיקן פאַרגעניגן געטאָן אַ נעם אַרום דאָס ליינגלאַכע חסידישע פּנים׳ל מיט די שוואַרצע פאה׳לאַך און געשיקט אין די שוואַרצע אייגלאַך אַריין אַ נאָענטן, היימישן בליק. דאָס אינגל האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן האַרצן. יענע נאַכט האָט ער געוויינט, נישטוויסנדיק פאַרוואָס. די צווייטע נאַכט האָט ער ווידער געוויינט און אַביסל געפיבערט. ער איז געוואָרן שווייגנדיק, און אין אַ וואָך אַרום האָט ער זיך אוועקגעזעצט אין קלויז לערנען.—

פון כמה וכמה יאָרן, דורך טאָג און נאַכט, האָבן די צוויי לייבקאַלירענע הענט אויפן קאַפּשטיק פון אָרון-קודש גע-

דוכנט איבער דער קלויז אין שטומען עקסטאַז. די תמימות פון די צוויי הילצערנע באַגילדטע כרובים אויף ביידע זייטן פון אָרון איז געווען אַזוי אומבאַזיגבאַר, אַז אפילו די אייגענע אויגן האָבן קיינעם נישט געקנט שטערן אינם גלויבן אַז דאָס זענען ווירקלאַך טויבן. דאָס גאָלד איז געוואָרן שוואַרץ, דער גאַנצער אָרון-קודש איז געווען זייער אַלט, און דעם באַשאַפער זיינעם האָט קיינער נישט געדיינקט, נאָר דאָס ווערק אַליין האָט גערעדט וועגן זיין מייסטער אַזוי: אַ קינדערשע שטופּע פון באַקאַנטשאַפט מיט זאַכן און פאָרמען, פרומע עניוות פון אַ אידן אַן עם־הארץ, יראת-שמים, און אַ טיפע ליבע צום בורא. אַביסל אַלט זילבערגעשטיק האָט געשימערט שטיל און געטריי אויפן זיידענעם פרוכת פון צוגעשלאָגענעם ווײנשלרויט. אין מזרח, דרום און צפון האָבן הויכע פענסטער געגאָסן אַ געלאָסן, גלייכמעסיק ליכט אויף די גאַסן פון סטענדערס און ביינק; ביינאַכט, ווען בלויז צוויי לאָמפּן האָבן רויטלאַך באַשיינט די לאַנגע טישן פאַר לערנער ביי דער מערב׳דיקער וואַנט, האָט אַ ווייכע פינסטערניש געהויערט איבער דער אַלטער קלויז, און פון מזרח האָבן קוים-קוים געוויסלט צוויי הענט, צוויי לאַנגע, בלייכע הענט מיט אויסגעשפּרייטע פינגער, אין דער פּאָזע פון קלאַנגלאָזער תפילה און ברכה אויף געבויגענע קעפּ און באַ׳טלית׳טע אַקסלען.

אין דער שטילקייט פון דער אַלטער קלויז האָט דעם אינגל׳ס גמרא-ניגון זיך געשפּינט אַזוי דין, ווי דער ניגון פון דער בין צווישן די בלומען אין פעלד אין הייסע, פאַרזונטע נאָכמיטאָגן. שטיל ווי אַ קינד איז די אַרומיקע וועלט איינגע-

שלאָפן אונטערן דאָזיקן ניגון, — איינגעשלאָפן, צעשוואומען געוואָרן און לסוף זיך פאַרהילט אין אַ ווייסן, שיטערן רויך, און אַן אַנדערע איז אַנטשטאַנען אויף איר אָרט, — אַ וועלט אָן אַלטע, אַ וועלט אַ נייע, אַ וועלט פון אַנדערשקייט. די זון האָט דאָרטן געשיינט בייטאָג און ביינאַכט, אויף די בוימער זענען געוואַקסן איילבירטן — וואָס איז דאָס אַזוינס „איילבירטן״? — און גאָט איז געגאַנגען און געקומען טעג-לאַך צווישן מענטשן און גערעדט צו זיי פּנים אל פּנים. די מענטשן אַליין האָבן געזייט קערנער און געשניטן זאַנגען, געשמידט און געשוסטערט, געזינדיקט און מצוות געטאָן, נאָר וואָך איז נישט געווען וואָכעדיק, ווייל אין דער אמת׳ן האָבן זיי די אַלע זאַכן געטאָן מיט דער איינציקער כונה אַז תנאים און אמוראים און גרויסע רבנים זאָלן האָבן איבער וואָס צו לערנען הלכה און צו פּסק׳ענען אַ דין. אין סאַמע מיטן פון דער דאָזיקער וועלט איז געשטאַנען די אַלטע קלויז, אין קלויז איז געזעסן דאָס בלאַסע בחור׳ל מיט די שוואַרצע פּאה׳לאַך, האָט געצויגן זיין דינעם ניגון און אָפט געהויבן זיינע בליקן צו די הענט איבערן אָרון. און טרעפן פלעגט, אַז פון צווישן די פינגער פון די אויסגעשפּרייטע הענט האָבן נאָענט און היימיש געענטפערט זיין בליק צוויי גרויסע, גרויע אויגן מיט אַ בלוילאַך וואַסערל אין זיי.

ג.

ווי אַ לאַנד אין אַ חלום איז געליגן די וועלט וואָס אַרום. איינס נאָכן צווייטן האָבן יאָרן רוישלאָז געשוועבט איבערן אינגלס קאָפּ, און ער האָט זיי קוים באַמערקט. און אַז די

מוטער האָט אים איינמאָל נאָכמיטאָג פאַרהאַלטן אין הויז און גערעדט וועגן אים מיט עפּעס אַ לאַנגן אידן מיט אַ שטעקן אין האַנט און אַ הויכער, זיכערער שטים — האָט ער דאָס אַלץ געהערט און געזען ווי אין אַ חלום. דערביי איז דער פאָטער אויך געווען. דער רב האָט זיך שטאַרק געעל־טערט; זיין גוף איז געוואָרן נאָך קלענער און איינגעשרומ־פּענער און האָט זיך טעלעבעבעדעט אינם גרויסן זיידענעם כאַלאַט גאַנץ פאַרלוירן און נישט־אַנזיכטיק. פון יוצא וועגן — דאָך דער אבי החתן! — האָט ער פון צייט צו צייט געקוקט אויפן שדכן, נאָר ער האָט אים קוים געזען און האָט באַין אופן נישט געקאָנט צונויפבינדן יענעמס ווער־טער און זיכערע שטים מיט דער וועלט פון ספירות, בחירות און מדרגות אין וועלכער ער האָט געלעבט. דער שדכן האָט גערעדט, די רביצין האָט געשטרעקט איר האַלדז און גע־פינקלט מיט די בריליאַנטן אין די קליינע אויערלאַך, און דערביי געקוקט אַזוי סאָליד און פאַרשטענדיק — און ליפּאַ איז פאַר׳קנס׳ט געוואָרן צו אַ גבירישן אידן פון דער גרויסער שטאָט, וועלכער האָט געהאַט אַ געבילדעטע, הייננטוועלטיקע טאָכטער.

אין דער גרויסער שטאָט איז נישטאָ די ברייטקייט און יום־טוב׳דיקייט פון אידישע שמחות, האָט דער גביר באַשלאָסן צו שטעלן חופּה אין חתנ׳ס שטעטל. די כלה האָט ליפּאַ געזען צום ערשטן מאָל צום באַדעקנס אויף איין אויגנבליק, און וואָס ער האָט געזען האָט אים שטאַרק צעטומלט: אַ לייַנגלאַך פּנים פון אַ מיידל אין די יאָרן, נישט שיין, נישט מיאוס, אַ שמאָלע, שאַרפע נאָז און צוויי ברוינע אויגן וואָס

האָבן אים געשיקט אַ ביסטרע קוק, נייגעריק און פיינטלאָך. ברוינע אויגן גאָר! מיאוס איז עס נישט, אָבער... און דער בליק מוז זיין אַן אַנדערער! צו דער גאָלדענער יויך, זיצנ־דיק מיט איר זייט ביי זייט, איז אים קלאָר געוואָרן, אַז מ׳וויל אים נישט, — ער ווייסט נישט פאַרוואָס, נאָר מ׳וויל אים נישט. ער האָט זיך פאַרלוירן, און די גאַנצע צייט זיך געהאַלטן דערשראָקן און ווי אַ שולדיקער.

נאָכן שלייער־וואַרמעס האָט מען אים אַריינגעזעצט אין אַ בויד און אַוועקגעפירט. די פערד זענען שוין געלאָפן, ווען ער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און געוואָרפן אַ לעצטן בליק אויף צוריק. אין פענסטער איז געשטאַנען דער רב אין זיין כאַלאַטל און געקוקט אין אַ ספר: ער האָט פאַר־געסן. די רביצין האָט אַ ווײַלע נאָכגעזשמורעט דער בויד די קורצזיכטיקע אויגן, האָט זיי אַ וויש געטאָן מיט איין פינגער, פאַרבויגן דעם קאָפּ פאָרויס, ווי אַ הון נאָך קערנד־לאָך, און זיך אומגעקערט צום הויז.

ד.

די פערד האָבן הילכיק און לוסטיק געקלאַפּט איבערן גלאַטן שאָסיי. דער פרילינג איז האַיאָר געקומען פרי און האָט צע־וואָרפן איבער די פעלדער פלאַכטעס אין גרין פון אַלע שאַ־טירונגען. האַרט ביים שליאַך, פון ביידע זייטן, זענען גע־גאַנגען צוויי שמאָלע, פריש־צעאַקערטע פאַסן, באַדעקט מיט רודעס ערד אַזוי שוואַרץ און פעט, אַז עס האָט זיך געגלוסט זיי איינצובייסן. שפּעטער־צו זענען די פערד אַראָפּ פון

שאַסיי און זיך פאַרנומען אין אַ וואַלד, וואו די רעדער האָבן שווער געשניטן דעם ווייסן זאַמד פון וועג. דאָ האָט מען זיך געשושקעט פון אַלע זייטן, און דער וואַרעמער ווינט האָט געבראַכט צו טראָגן דינגע און זיסע ריחות, און ווייסע בערע־זעס זענען געשטאַנען נאַקעט און מיידלש און האָבן געציטערט פון בושה און לוסט. ליפּאַ האָט זיך ווייך געטרייסלט אין וואָגן און געקוקט צעטומלט. גאָט! דאָס אַלץ שמעקט אַזוי שאַרף און וועקט עפּעס אַ מין הונגער אין האַרצן, און יעדע זאַך איז אַזוי בולט דאָס וואָס זי איז און נישט עפּעס אַנדערש! וואָס לאָזט זיך דאָ זאָגן דעריבער? ווי אַזוי לערנט מען דאָ אַ הלכה און וואו איז דאָ שייך צו פּסק'ענען אַ דין? „מה נאה אילן זה...“ דער ביטול תורה קומט דאָ ממילא! „אילן“... וואָס איז אַזוינס אילן? אַ וואָרט, אַ הויך. און דאָ שטייט עפּעס אַ בריאה און קוקט אַזוי ממשות'דיק, אַז זי לאָזט זיך באַין אופן נישט אויסטאָן פון דער פּאַפּיר־ווייסער קאָרע, פון די זאַפטיקע העל־גרינע בלעטלאַך, פון דעם שטייפן און קרעפטיקן פלייש, און מגולגל ווערן אין עפּעס דאַרטן אַן „אילן“! ד אָ ס ווילט זיך אָנטאַפּן, דאָס בעט זיך אין האַנט אַריין, דאָס — —

— הא, וואָס איז? — פרעגט דער שווער פאַרוואונדערט.

— גאָרנישט, — ענטפערט ליפּא פאַרשעמט און נעמט צו־ריק די אויסגעשטרעקטע האַנט.

צו נאַכט איז אָנטקעגנגעקומען אַ ברעקעלע שטעטעלע מיט אַ ברונען אינמיטן גאַס און אַ געלן האָן אויף אַ פּלויט פאַר אַ שטאָטזייגער. דאָ האָט מען גענעכטיקט אין אַן אכסניא.

דאָס יונגע פאַרפאָלק, וואָס האָט זיך נאָך ביז איצט מיט קיין וואָרט נישט איבערגעביטן, האָט געקראָגן אַ באַזונדער צימער. די כלה האָט זיך גענומען אויסטאָן געלאַסן און רואיק, ווי זי וואָלט זיין אַליין אין צימער, נאָר אינמיטן האָט זי זיך באַקלערט און פאַרלאָשן די לאָמפּ. די גאַנצע נאַכט האָט ליפּא געהערט זי אָטעמען גלייכמעסיק און שטיל: זי איז געשלאָפן אומגעשטערט. ער איז געלעגן אין די קליי־דער אויפן צווייטן בעט, מיט אַ טריקעניש אין האַלז, און האָט מיט קיין אויג נישט צוגעמאַכט ביז הער שטאָטזייגער האָט געקרייט.

צומאָרגנס אינאָוונט איז מען שוין געווען אינדערהיים, אין דעם שווער׳ס הויז. די שטוב איז פול געווען מיט טעכטער און זין, מיט די איידעמס און שנירן, און קרובים און גוטע־פריינט זענען געקומען צו לויפן, און אַ טומל איז געווען אַ גרויסער, און איידער ליפּא איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך געפונען אינם שלאָפצימער וואָס מ׳האָט אָפּגעגעבן פאַרן יונגן פאַרפאָלק.

סאָניע איז לאַנג געזעסן אָן אַ בלוזע ביי איר טואַלעטטישל, האָט געקעמט די פאַנאַנדערגעלאָזענע האָר, און זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. ליפּא האָט גלייך ביים אַריינקומען זיך אַראָפּגעלאָזן אין אַ שטאָפּגעדעקטן אָרמשטול, אין אַ ווינקל ביי דער טיר, און געקוקט אין פאַרלעגנהייט אָן אַ זייט, נאָר צו אַ ווינקל פון זיין אויג האָט קעגן זיין ווילן געשלאָגן די ווייסקייט פון אַ פולן, קיילעכיקן אַקסל און דאָס רייכע ברוין פון די האָר. דערנאָך איז זי אויפגעשטאַנען פון

פלאַץ, האָט זיך אַ שטעל געטאָן קעגן אים מיט איר אָפענעם בוזעם און מיט איין קוק אָפּגעמאָסטן זיין פאַרשעמטע אינגל-שע פיגור, פאַרגראָבן אין ווייכן שטול. זי האָט מיט ביטול אויפגעהויבן אַ ווינקל פון מויל און אים אָפּגעגאָסן מיט אַ קורצן שטעכיקן לאַך. ער איז אויפגעשפּרונגען ווי אַן אָפּ-געבריטער — און איז אויף איר אָנגעפאַלן אין ווילדן כעס, אַן סימנים פון צערטלאַכקייט, האָט געדרייט אירע הענט און כמעט געבראָכן איר די ביינער. זי האָט זיך תחילת דערשראָקן, דערנאָך האָט זי געקוקט שטאַרק איבערראַשט. דער זכר האָט בלינד געווילדעוועט, ווי אַ וויכער אַרום אַ ווינקלהויז. ער האָט נישט געוואוּסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז, נישט געוואוּסט וואָס ער טוט, נישט געוואוּסט, איינגעטלאַך וואָס צו טאָן. ער האָט זיך באַנומען זייער לעכערלאַך, נאָר וועד עס זאָל לאַכן איז נישט געווען, ווייל זי האָט זיך אים אונטערגעגעבן תיכף, אָן אַ פּאַרווּך צו שטעלן זיך אַנטקעגן, און האָט אים אַפילו צוגעהאָלפן, נישט-וויסנדיק אַז זי טוט עס. און שפּעטער-צו איז זי טיף גע-שלאָפן, מיט איין באַק אין קישן, די צווייטע אין פלאַמען, איינגענורעט און צונויפגעדרייט ווי אַ קינד — און ער האָט מיט גרויסע אויגן געקוקט אויפן קערפּער ביי זיין זייט. אָה, ניין! דאָס איז נישט די אישה פון זיינע חלומות. דאָ איז אַלץ אַזוי קיילעכיק און געשטאָפּט, אַזוי ווי פון גומי, און קיין סודות זענען דאָ נישטאָ און קאָנען נישט זיין, און דאָס אָטעמט ברייט, און עס שלאָפט געשמאַק, און עס רוט טיף, און דאָס בלוט פולסירט מיט זיכערקייט און קראַפט, און אַלץ לאָדט זיך אָן אויפסניי אַזוי אויגנשיינלאַך! זיין בליק איז אַריבערגעשפּרונגען — צום ערשטן מאָל אין זיין

לעבן — אויף זיין אייגענעם קערפּער: אַן עכטער לולב — דין און האַרט, און געשפּאַנט, און דראַמטיק, און אַלץ זעט אוים לייִנגער און געצויגענער ווי עס איז אין דער ווירק־לאַכקייט. מיט אַ פרעמדן און פיינטלאַכן בליק האָט ער גע־מאָסטן די צוויי אַנטבלויזטע מענטשלאַכע גופים. און אַז זי האָט זיך איבערגעדרייט אין שלאָף, האָט די נייע פּאָזע פון איר קערפּער ביי אים אַרויסגעריסן אַ פאַרשטיקטן בריל, ווי ביי אַ חיה וואָס שפּירט אַ געפאַר און פאַרשטייט נישט איר מהות.

און דאָס צימער! די צוויי שיינע הילצערנע בעטן מיט רייכן בעטגעוואַנט אויף זיי זענען אָפּגעשיידט איינס פון צווייטן בלויז מיט דער ברייט פון אַ נאַכטטישל. אַ קליידערשאַנק מיט אַ שפּיגלטיר — אַ טואַלעטטישל מיט שאַכטעלאַך און פלעשעלאַך — אַ מאַרמאָרנער וואַשטיש אין אַ ווינקל — טערקישע קאָבריצן אויף די ווענט מיט לייבן און טיגערן — ווייכע שפּיצן און דער בליאַסק פון זיידנס — און אַלץ אָנגעזויגן מיט אַ געמישטן ריח פון פודער און אָדעקאָלאָן, אַלץ פאַרצויגן מיט רויזלאַכער האַלבטונקלקייט פון אַ יאַפּאַ־נישער לאָמפּ, און אַלץ צוזאַמען זים און פריקרע, ווי די רפואות קעגן קאָקליוש וואָס די רביצין האָט אין זיין קינדהייט אים געגאָסן אין האַלדז אַריין. דאָס גאַנצע צימער פון אויבן ביז אַראָפּ רעדט וועגן עפּעס אַזוינס — וועגן עפּעס אַזוינס —

און ער האָט פאַרשצעמעט די ציין און ווידער אַרויסגעלאָזן אַ קורצן בריל.

ה.

דאָס גרויסע עסצימער מיטן ווענעציאַנער פענצטער צום גאָרטן איז געווען דער צענטער פון הויז און פונם לעבן אין הויז. אַ שווערער, בייכיקער סאַמאָוואַר האָט נאָכאַנאַנד געזאָטן אויפן גרויסן קיילעכיקן טיש, און שטענדיק זענען אויף אים געשטאַנען אַלערליי מאכלים, און אין יעדער שעה פון טאָג האָט עמיצער עפּעס געגעסן, געטרונקען, גענאַשט. ליפּאַ'ס שווער, העניך פּאַדרוזשניק, האָט אָנגעפאַנגען אין דאָרף, פונם בינטל חזיר-האָר פּאַר עטלאַכע גילדן, און האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן וועג ביזן האַנדל מיט וועלדער און צענדליקער וואַגאָנען מיט תבואה. איצט האָט ער געהאַט אַ הויז אין אַ פאַרשטאָט פון דער „גובערניע", אַ גרויסע פאַמיליע און אַ גרויסע הוצאה, און האָט געלעבט — אויף זיין שטייגער — ברייט, רייך און אָן דאגות, הגם נישט אָן אויפרעגונג. דאָס איז געווען אַ נידריקער, פעסטגעבויטער איד, מיט אַ קיילעכיקן „דעמבענעם" קאָפּ, מיט שוואַרצע האָר עטוואָס באַזילבערט, פלינקע ברוינע אויגן, אַ מונטערן שמייכל אויף די פליישיקע ליפּן און צוויי אומגעבראָכענע ציילן שטאַרקע ווייסע ציין. געווען איז ער אַ איד אַן עקשן, האָט אַ סך זאַכן באַגערט און זיי דערגרייכט, און דערנאָך אָן זיי פאַרגעסן. אויף דעמזעלבן שטייגער האָט ער באַשלאָסן זיך איינצוקויפן אין יחוס, צו נעמען אַ רב'ס אַ זון פאַר איינער פון זיינע טעכטער, און האָט עס דורכגעפירט, קעגן דער טאָכטער'ס און דער גאַנצער פאַמיליע'ס ווילן. נאָר קוים האָט ער, לויט זיין אייגענעם אויסדרוק, געפּאַקט דעם

קאַנאַריק און אים איינגעשפּאַרט אין זיין שטייג, האָט ער זיך מער ווען אים נישט געקימערט: „עס און טרינק, און לעב ווי דו ווילסט“. — זיין ווייב הינדע האָט נישט אַרויסגעצייגט קיין נייגונג צו שפּילן די מאַדאַם; זי האָט ליב געהאַט די קיך און האָט געפונען איר אייגענעם וועג ווי אַזוי זיך צו באַלוינען פאַר די מאָגערע יאָרן: זי האָט געבאַקן קיכלאַך און לעקעכער, געקאָכט וואַרעניקעס און קרעפּלאַך, געבראָטן גענז, געפּרעגלט שמאַלצן און איינגעמאַכטסן, געשטעלט נאַליווקעס, און אַן אויפהער געליפערט נאַשערייען פאַרן קיילעכיקן טיש אין עסצימער—פּעטע, שאַרפע, זיסע און אַלערליי אַנדערע, און אַלץ אין גרויסע שיסלען, סערווירט פראָסט און אַפּעטיטלאַך-גראָב. —

אויף ליפּא׳ן האָט זיך וויניק-וועך פון דער פאַמיליע אומגעקוקט. זיי זענען געווען צו אים פריינטלאַך און גוטברידערלאַך, נאָר יעדערער איז געווען פאַרטראָגן אין זיינע אייגענע געשעפטן: דער שווער אין זיינע מסחרים, די שוויגער אין קיך, און די איבעריקע אין זייערע תענוגים. דער עלטערער איידעם סאָלאָמאָן, אַ מענטש מיט אַ מאָנומענטאַלער פיגור און אַ שטים ווי דער ראָל פון אַ וויטן דונער, האָט פאַרבראַכט גאַנצע טעג אויף דער בירזשע. צוויי זין האָבן געהאָלפן דעם פאָטער אין האַנדל. דער איינגסטער זימל, אַ שיין, בלאַס בחור׳ל פון אַ יאָר ניינצן מיטן אויסזען פון אַן עילוי און אַ לערנער, האָט געברענט זיינע נעכט אין קאָרטן און אין סעודות מיט כאָריסטקעס פון גוי׳אישן טעאַטער, געשפּילט ביליאַרד, געהאַלטן וועטן און געשמועסט וועגן „טאָטאַליזאַטאָר“, און קיינמאָל נישט געלעזן אפילו

קיין ציטונג. ער פלעגט שלאָפן שפּעט אויפן טאָג, עסן פרישטיק שטייענדיק, רייִדנדיק דערביי מיט היץ וועגן די בעסטע פּערד אויף דער לויף־אַרענע, אַנטאָן יעדן טאָג אַן אַנדער שניפּס און אַוועקלויפן מיט אַ פריילאַכן גוטנטאָג און פריינטלאַכן גוטמוטיקן שמייכל צו אַלעמען אין הויז. די יונגע ווייבלאַך זענען יעדן נאָכמיטאָג געפאָרן „איינקויפן", האָבן געפּראָוועט וויזיטן צו אַנדערע און אויפגענומען געסט אינדערהיים. די אינגסטע אין הויז, די פּערצניעריקע גימנאַ־זיסטקע זשעניע, אַ שוואַרצע, אַ קליינע, אַ מאָגערע, נאָר זייער אַ לעבעדיקע און באַרייִדעוודיקע, האָט יעדן אָוונט באַזוכט טעאַטער, מייסטנס אָפּערעטע, פונוואַנען זי פלעגט ברייִנגען די לידלאַך פון סעזאָן. זי האָט ניט שלעכט גע־זונגען, געשפּילט אַביסל פּיאַנאָ, געלאַכט פיל און היסטעריש, און גענאַשט זויערע גרינע עפּל.

פון די אָפּטע און נאָענטע באַזוכער פון הויז איז העניכ׳ס פּלימעניק באַרים געווען דער באַליבטסטער ביי אַלע מיטגלי־דער פון דער פאַמיליע. דאָס איז געווען אַ בחור מיט שוואַרצע, שפּיציקע וואָנצעלאַך, אַ שיינער און אַ געזונטער, אַ טענצער, אַ זינגער, אַ וויצלער און אַ גלאַטער דערציילער פון אַנעקדאָטן מיט אַ קיצל אין זיי. אַנעקדאָטן פון דעם סאָרט האָבן איבערהויפּט געהאַט אַ שטאַרקן אָנגאַנג אין הויז, און אפילו דער איידעם סאָלאָמאָן, ביי זיין גאַנצן דרך־ארץ פאַר זיין סוחר׳ישן שטאַנד, פלעגט פּרובירן דערציילן אַזעלכע אַנעקדאָטן אויף זיין באַס, נאָר ביי אים איז עס געגאַנגען שטומפּיק און שווער, דער וויץ פלעגט ערגעץ פאַרפאַלן ווערן אויפן וועג, און דער קיצל פלעגט אַרויסקומען ברוטאַל ווי

א קניפּ. דער קניפּ אַליין האָט אויך ניט געפעלט, דען די זוייבלאַך — די טעכטער און די שנירן — האָבן אַלע, ווי א געקליבענע גוואַרדיע, געהאַט הויכע בוזעמער און זענען בכלל געווען הויך געבעט, און די מענערשע הענט האָבן אָפּט פריי און פּאַר אַלעמען אין די אויגן געשאַצט פּאַרמעגן, אייגנס ווי פרעמדס. די קליינע זשעניע האָט ליב געהאַט זיך שלאָגן מיט באָריסן, און ער פלעגט זי קיצלען כמעט צום חלש'ן; און איינמאָל האָט ליפּאַ זיך אָנגעשטויסן אויפן שוועד אַליין בעת די שיקסע פון קיך האָט זיך געצאַפּלט ביי אים אין די הענט.

קיינער אין הויז איז נישט געווען שלעכט, אָדער בייז, אָדער ווען עס איז נישט־אויפגעלייגט. יעדערער האָט גע־דינט זיין גוף מיט אמונה און מיט שמחה געטאָן זיינע גע־באָטן. דאָס גאַנצע הויז איז ווי געגאַנגען אויף רעדלאַך און האָט געלעבט — געלעבט — געלעבט.

ליפּאַ האָט געראויכערט דינע פּאַפּיראָסלאַך אין א לאַנגן צי־גאַרנשפּיץ פון ברושטין, זילבער און עמאַיל וואָס סאָניע האָט אים געקויפט — און זיך צוגעקוקט צו די דרכים פון הויז. פון צייט צו צייט האָט ער געקנייטשט אַביסל דעם שטערן, געביסן דעם נאָגל פונם מיגדסטן פינגער אויף דער לינקער האַנט — און ווידער געראויכערט.

ו.

ביינאַכט האָט א קלאַפּ געטאָן א שטורם — מיט דונערן, מיט בליצן, מיט פּאַרצאַפּלטע, היסטערישע אַנלויפן פון ווינט

— איז אַריבערגעלאָפן איבערן דאַך מיט אַ צעוואָרפענער טופעריי, ווי אַ הערטע ווילדע פערד איבער אַ סטעפּ, און האָט צום סוף זיך איינגעשטעלט אויף אַ געדיכטן, גלייכמע־סיקן רעגן, וואָס האָט מאָנאָטאָן געכאָרכלט צווישן די ביי־מער צוויי שעה נאָכאַנאַנד און אָנגעטרינקען די ערד צו זאַט. אַז די זון איז אַרויס, איז דער הימל געשטאַנען ציכטיק און בלוי הויך איבער דער וועלט, און די ערד האָט געשמעקט און געפינקלט ווי אַ פריש־אויפגעפלאַצטער קאַוועז. —

באַלד נאָך פרישטיק זענען אַלע זיך צעלאָפן פון הויז. בלויז דער שוועער איז נאָך געווען ערגעץ ביי זיך אין די חדרים — שבת האָט ער קיין געשעפט נישט געפירט, — און ליפּא איז געזעסן אויפן באַלקאָן און געררויכערט.

אהער, צו דער הויך וואו דאָס פאַרשטעטל איז געליגן, האָבן קלאַנגען פון דער שטאָט געגרייכט שיטער און קנאַפּ. אַ דאַמפער האָט געסאָפּעט ערגעץ אויפן טייך ווי אַ שווערער שווימער, אַ צוג האָט פאַרשלאָפן גערעדערט איבער איינער פון די צוויי בריקן און געפּאָכעט איבערן קאָפּ מיט אַ פרענדזל רויך. טיפּע שאָטנס האָבן גערוט אינם פלאָנטער פון די גאַסן וואָס האָבן זיך געקייקלט באַרגאַראָפּ, און פון דאָרטן איז גע־קומען אַמאָל אַ סקריפּ, אַמאָל אַ שאָרך, פאַרשטיקט און צווייפלדיק, ווי די קלאַנגען אַרום אַ שלאָפנדיקן וואָס האָט נאָרוואָס געעפנט די אויגן. אַ קאַץ איז אַריבערגאַנגען דעם וועג מיט ווייכע, וואַטענע טריט, פאַמעלאַך און מיושב'דיק; זי האָט באַשיידן פאַרשנורעוועט די ליפּן, ווי זי ווייסט עפּעס נאָר וועט נישט זאָגן, און האָט געזשמורעט די אויגן. פון דער אַקאַציע פאַרן הויז האָט זיך אָפּגעריסן אַ שווערער טראָפּן

וואסער, האָט אַ בליאַסק געטאָן אין דער זון און איז נישט-געוואָרן.

דער ברייטער שליאַך איז שוין געוועזן טרוקן, אָבער אביסל נאָך ווייך און געבלאָזן. פון ביידע זייטן זענען הויך געשטאַנען די זאַפטיקע תבואות. לינקס פון וועג האָט דאָס פעלד זיך געבויגן אַראָפּ צו דער שטאָט, ווי אַ בלעך וואָס היינגט פאַר דריי עקן, רעכטס — איז עס געלאָפן אין רחבות צום עק פון דער וועלט. דער גרינער ים האָט שוין גענומען זיך מינען אויף פלאַקס און גאָלד. ווייטער אהין האָט עמי-צער נאָכלעסיק אַוועקגעוואָרפן אַ פיאָלעטענעם קאָבריץ פון רעטשקע. נאָך ווייטער, ביים סאַמע הימל, האָט גיריק גע-שאָסן אַרויף די פייל פון אַ דאָרפישן קלויסטער און, נאָענט צו איר, דער שמאָלער קאָפּ און לאַנגער האַלדז פון אַ טאָפּאָליע.—

אָט דאָ האָבן מענטשן געאַקערט און געזייט, דאָ וועט מען שפּעטער שניידן און דרעשן, און וועגן תנאים און אמוראים טראַכט מען נישט, און גאָט — קומט דאָ גאָט, אָדער קומט ער דאָ נישט ? אַז טאָן טוט מען דאָ זאַכן לשם די זאַכן גופא, און וועט מען צעמאָלן דעם קאָרן, וועט מען באַקן ברויט — הויכע, הייסע ברויטן, פאַרברויגטע און ברעקלדיק, מיט שיש-קעס פון גלאָזיקן שוים ביי דער זייט, מיט שמעקעדיקן קימל באַשאָטן — און דאָס ברויט וועט מען ברעכן הייסערהייד און גאַנצערהייד, און בייסן פון שטיק — און בייסן פון שטיק ! — — —

דער שווער איז דורכגעגאַנגען דעם זאַל און זיך באַוויזן אין דער טיר פון באַלקאָן. דער ציגאַרנשפּיץ האָט אַ ציטער

געטאָן אין ליפּא׳ס האַנט, נאָר ער האָט דערשטיקט דעם פאַרלאַנג אים אַוועקצוּוואַרפן. די פאַרב פון זיין פּנים איז פונדעסטוועגן געוואָרן עטוואָס טיפער.

העניך האָט אויפגעהויבן די ברעמען און געזאָגט:

— אַהאַ!

די פאַרב אויף ליפּא׳ס באַקן איז געוואָרן נאָך אַ האָר טונקעלער. ער האָט גענומען דעם ציגאַרנשפּיץ צווישן די ליפּן. נאָר העניך האָט שוין געלאַכט.

— פּאַרסט מיט פּאַטשט, ווי איך זע, כאַ־כאַ! נו, מילא, דער שענסטער ווייץ וועט אָנהייבן שפּראָצן אַז מ׳לאָזט אים ליגן — וועל איך נישט טענה׳ן אַז ס׳איז געווען אַ מקח טעות. נאָר דאָס וואָס דו האָסט זיך אַוועקגעזעצט רויכערן אַזוי בפרהסיא, אַז די שכנים זאָלן זען — דאָס, זעסטו, איז שוין קיין שכל נישט. ביזט דאָך עפּעס אַ מענטש אַ בר־דעת, צי ניין?

דער פּאַפּיראָס האָט שוין אינגאַנצן פאַרלוירן זיין טעם. דער טיטון טויג אין דר׳ערד! ליפּא האָט זיך נאָכאַמאָל פאַרצויגן — פּע!

— שווער... — האָט ליפּא געזאָגט.

— מיר זענען אויך אַמאָל געווען יונגעלייט, — האָט העניך געגעבן צו פאַרשטיין. — איז וואָס-זשע, מייִנסטו, האָבן מיר געטאָן? האָבן מיר געלאָזן דעם רויך אין קוימען אַריין, כאַ-כאַ!

אַז הענׅיך האָט געלאַכט, איז עס געווען כאַ-כאַ און כאָ-כאָ, — כי-כי אָדער כע-כע האָט מען פון אים נישט געהערט.

ליפּאַ האָט אויסגעבלאָזן דעם ציגאַרנשפּיץ און געזאָגט:

— זייט-זשע מוחל, שוועד... ס'איז דאָך ממה-נפשך: טאָר מען נישט רויכערן — טאָר מען נישט; אַלאַ ווי דען, מ'מעג?... — אי'דאָך...

ערשט איצט האָט הענׅיך געעפענט די אויגן און אפילו דאָס מויל, און איז אַזוי געשטאַנען אַ ווײַלע.

— ממה-נפשך?! — ער האָט אַזש אַ קרעכץ געטאָן פון אײַנגעהאַלטענעם געלעכטער. — ביזטו דאָך, זאָלסטו מיר מוחל זײַן — כאָטש דו ביזט עלטער פון מיר — אַ יאָלד! דאָ איז נישטאָ קיין ממה-נפשך — בלאָז אין קוימען, גוטער-ברודער, בלאָז אין קוימען — כאַ-כאַ!

ער איז אַוועקגעגאַנגען צו זיך, און ליפּאַ האָט געהערט ווי ער לאַכט מיט הנאה: „מ-ממה-נפשך"! כאַ-כאַ! אוי, גוט — כאַ-כאַ!

אַבי'ס שפּעטער איז ער צוריקגעקומען אָן אויסגעלאַכטער, אַ בארואיקטער און אַ פרײַנטלאַכער ווי שטענדיק.

— וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן?... יאָ — שוין אפשר צײַט זאָלסט אַ טראַכט טאָן וועגן טאָן עפּעס, אַה? איך מיין, עפּעס אַ מסחר, צי וואָס... על התורה ועל העבודה, ווי איך פאַרשטיי, וועסטו דאָך שוין נישט זיצן. איז אפשר כדאי דו זאָלסט זיך נעמען צו וועלט-זאַכן. ווי מיינסטו?

ליפּא איז געווען אין פאַרלעגנהייט.

— איך... איך האָב נאָך וועגן דעם נישט געטראַכט, — האָט ער שטיל געזאָגט.

— נו, טו אַ טראַכט. איך יאָג דיך נישט, פאַרשטייסט? פרעג מיר, קאָנסטו דיר טאָן ווי דו ווילסט. נישטמער, מ׳קומט צווישן מענטשן, מ׳הערט וואָס דער זאָגט, וואָס יענער זאָגט — ווערט מען אַביסל וועלטלאַכער... איך מיין עס פון דיין טובה וועגן, מיין איך עס. עס וואָלט אפשר געווען אַ פּלאַן, סאָלאָמאָן זאָל דיך מיטנעמען אויף דער בירזשע, און דו קוק זיך אַביסל אַרום וואָס און ווען... נו, טו ווי דו פאַר-שטייסט.

ז.

דער זומער איז אַוועק, און אין די האַרטע אָרעמס פון ווינ-טער האָבן שטאָט און דאָרף פאַרלוירן די פאַרב פון פּנים. ליפּא איז שוין לאַנג „געגאַנגען אויף דער בירזשע". בעת ס׳איז נאָך געווען וואַרם האָט מען זיך מייסטנס געהאַלטן דרויסן, אויף די ברייטע טראָטואַרן פון „קרעשטשאַטיק", און די רעדלאַך מענטשן אַרום דער בירזשע האָבן געגעבן דעם איינדרוק אַז דאָ דאַרף באַלד דורכפאָרן דער גובער-נאַטאָר". איצט אָבער האָט מען פון אינדערפרי ביז אַרום פיר אַזייגער פאַרנאַכט אָנגעפּאַקט די קאַוועהייזער, און דער עולם דאָ האָט — אויף אַ מאָדנעם אופן — דערמאָנט אַביסל

אַן דעם עולם אין פּאַליש פון דער שול בעת׳ן „אויסנעמען“. דער עלטערער שוואָגער סאלאָמאָן האָט געלערנט מיט ליפּא׳ן די תורה פון דער בירזשע. סאָלאָמאָן האָט געכאַפּט דעם אָנבליק פון דער סטאַטוע פונם הייליקן וולאַדימיר וואָס דאָרט אויפן באַרג, און זיין רייזן פון בויך אַרויס, מיט אַ געגעראַלסקן באַס, האָט אים צוגעגעבן זייער פיל ווירדע — זייער פיל ווירדע. מיט דער צייט איז ביי ליפּא׳ן אויס-געוואַקסן אַ חשד, אַז דער גרויסאַרטיקער סאָלאָמאָן טוט נישט פיל אויף אין זיינע עסקים אויף דער בירזשע, נאָר סאָלאָמאָן האָט אין קורצע, געוויכטיקע זאַצן, אינם סגנון פון די אורים ותומים, גערעדט וועגן „פּוטילאָווער“, וועגן „אַמעריקאַנער רעזינע“ און, פאַרשטייט זיך, וועגן „קורס“. ליפּא האָט מיט דרך-ארץ אונטערגעהאַלטן:

— נו יאָ, דער קורס... דער קורס.

אין אַן אַנדער וועלט האָט אים געפּרוּווט אַריינפירן זיין אינגסטער שוואָגער, דער גוטער, פריילאַכער זימל. ער האָט אים געפירט אין אָפּערעטקע, מיטגענומען אויף אַ פּאָר פון זיינע הוליאַנקעס, און אפילו געמאַכט אַ פּאַרזוך אים צו פּאַראינטערעסירן אין „טאָטאַליזאַטאָר“. די לייכטע, חנ׳עוודיקע אָפּערעטנמוזיק איז ליפּא׳ן געפעלן געוואָרן, די ווייַנען האָט ער געטרונקען, נאָר געזעסן איז ער אומעטום ווי אַ ניכטערער צווישן שיכורע. זימל האָט פאַרלוירן דעם אינטערעס און אים אָפּגעלאָזן.

דעם פּלימעניק באָריסן האָט ליפּא פיינט געהאַט, כאָטש ער האָט עם מיט קיין זאַך נישט אַרויסגעוויזן. באָריסן איז

לחלוטין נישט געווען פּאַרוואָס פּיינט צו האָבן. ער איז געווען ווי יעדער איינער פון דעם הויז — געווען אפילו, קאָן מען זאָגן, ווי דאָס ג אַ נ צ ע הויז. „פּאַרוואָס, אשטייגער, האָב איך אים פּיינט? עפּעס איז מיט מיר נישט גלאַט“. —

דערווייל איז דער ווינטער אויך אַוועק, און די וועלט האָט אויסגעגלייכט די ביינער. ביי העניך פּאָדרוזשניקן זענען די געשעפטן געווען אַביסל פּאַרדרייט, און מ'האָט געדאַרפט האַלטן קאָפּ. אין אַ טאָג אי'ם חול-המועד־פּסח האָט ער זיך פונדעסטוועגן דערמאָנט אויף אַ מינוט אָן זיין יונגן איידעם.

— נו, וואָס הערט זיך ביי דיר?

— איך גיי אויף דער בירזשע, — האָט ליפּאַ געענטפערט.

העניך האָט זיך געגלעט די באָרד מיט דער לינקער האַנט און געקוקט אויף אים.

— איז האָסטו שוין געפּרואווט עפּעס טאָן?

— ניין. איך... מיר איז דער ענין נאָך נישט קלאָר.

העניך האָט פאַרקוועטשט מיט די אַקסלען.

— וואָס איז — ס'איז סתרי-תורה, וואָס? אפילו סאַלאָמאָן קאָן דאָס פאַרשטיין.

די לעצטע ווערטער האָבן זיך ביי אים, קענטיק, אַרויסגעכאַפּט קעגן זיין ווילן. ער האָט אומצופרידן אָפּגעהאַקט דאָס געשפּרעך.

שפּעטער האָט ער, דורכלויפנדיק דורכן זאַל, זיך אָפּגע־
שטעלט אויף אַ ווײַלע נעבן סאָניען, וועלכע האָט געגאָסן
וואַסער אין די וואַזאָנעס.

— דער ליפּאַ דײַנער — וואָס איז ער פאַר אַ סאָרט מענטש ?
עפּעס קאָן איך אים נישט תופס זײַן.

סאָניע האָט אַוועקגעשטעלט דאָס קענדל מיט וואַסער און
אויפגעהויבן די אויגן אויפן פאָטער.

— וואָס איז דען ?

— כ׳מיין, סתם... ער גייט אויף דער בירזשע, גייט ער. —
ווי באַגייט ער זיך מיט דיר ?

סאָניע האָט געשמייכלט.

— ווי זאָל ער זיך מיט מיר באַגיין ?

העניך איז אַוועקגעלאָפן ווײַטער. ביי דער טיר איז ער גע־
בליבן שטיין מיט אַ זײַט צו דער טאָכטער און אַ זאָג געטאָן
צו דער פּיאַנאָ :

— וואָלסט אים אפשר באַדאַרפט האָבן אַ קינד. ער —

און איז אַרויסגעלאָפן פון הויז.

ח.

סאָניא האָט ליפּאַ׳ן געקעכלט. זי האָט אים עפּטערס אונטער־
גערוקט אַ געשמאַקן ביסן, אַלעווײַלע געבראַכט פון די

קראָמען אַ נייעם שניפּס, אַ גאָלדענע שפּילקע, אַ שיינעם, פּוטערווייכן כאַלאַט. ליפּא האָט באַמערקט אין שפּיגל, אַז זיין לייב ווערט ווייס, גלאַט און פעט. פאַר זיך האָט ער זיך דערמיט געשעמט אַביסל, און אַליין געקוועטשט דערויף מיט די אַקסלען: מיט וואָס איז דאָ פאַראַן זיך צו שעמען?

באַלד נאָך דער ערשטער נאַכט אינדערהיים האָט זיך סאָניע פאַרליבט אין ליפּא'ן. זי איז צו'ן אים ווי צוגעפאַלן מיט די ציין און נישט געקאָנט זיך אָפּרייסן.

יענעם נאָכפּסח האָט זי אים געגעבן צו וויסן אַז זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן.

— אַזוי? — האָט ליפּא געזאָגט.

איצט איז זי געוואָרן צום אים נאָך הייסער — און אַגרעסיוו אין זייערע באַציאונגען. זי האָט אינגאַנצן זיך אויפגעהערט פאַר אים צו שעמען און נישט געהאַט פאַר אים קיין סודות, ווייבערשע אָדער אַנדערע. מיטן לויף פון די חדשים האָט ליפּא געזען ווי איר בויך ווערט העכער. שפּעטער האָבן געלע פלעקן גענומען זיך ווייזן אויף איר ברוסט, זיך אויסגעשפּרייט איבער די אָרעמס און האַלדז און זענען לסוף אַריבער אויפן פּנים ביז אונטער די אויגן.

אויף דער בירזשע האָט ער אויפגעהערט גיין און צו קיין אַנדער זאַך האָט ער זיך אויך נישט גענומען. ער האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער דער שטאָט, און וואָס העכער ביי סאָניען איז געוואָרן דער בויך, אַלץ שפּעטער האָט ער גענומען קומען אַהיים. סאָניע'ס אויגן האָבן פאַרלוירן זייער

קלאָרקייט, אירע ליפּן זענען איצט געווען פאַרקלעמט און דאָס לינקע ווינקל פון מויל אויפגעהויבן. די גאַנצע שטוב איז געוואָרן פון אים פאַרפרעמדט, און דער שווער איז אַרומ־געגאַנגען דערצאָרנט. איינמאָל האָט ער דעם איידעם גע־פּאַקט אינדערפרי, ביים אַרויסגאַנג פון הויז.

— נו, וואָס׳עט זיין? — האָט העניך געפרעגט.

ליפּא האָט זיך אַ קנייטש געטאָן.

— כ׳פאַרשטיי ניט וואָס איר מיינט, שווער.

— מאַכסט זיך גע׳פגר׳ט, וואָס?

ליפּא איז געוואָרן רויט, סאָניע איז געוואָרן בלייך. ליפּא האָט געטראַכט אַביסל און געזאָגט:

— נאָך ימים־טובים דאַרף איך שטיין צום פּריזיוו.

העניך האָט געוואַרט און געשוויגן.

— נאָכן פּריזיוו וועלן מיר זען.

—וואָס געהער זיך דאָס אָן מיט דיר? דער פּריזיוו איז מ י י ן אחריות.

— ניין, שווער — איכ׳ל עס נעמען ווי דער גורל פאַלט. וועל איך ציען אַ גרויסן נומער איז מה־טוב; טאָמער נישט —

העניך האָט געוואָרפן אויף אים אַ ביסטרע קוק פון דער זייט און געזאָגט צו סאָניען מיט שטירדעם:

— וואָס פּלוידערט ער!

סאַניעם ליפּן האָבן געאַרבעט ווי ביי אַ קינד וואָס קלייבט זיך וויינען. ליפּאַ האָט געשוויגן.

— איז וואָס-זשע — וועט זי זיצן און וואַרטן אויף דיר פיר יאָר ?

ליפּאַ האָט געשוויגן. העניך פּאָדרוזשניק האָט גענומען אַרומלויפן איבערן זאַל. מ׳האָט אים, העניך פּאָדרוזשניקן, אַריינגערוקט אַ ווערימדיקן עפּל. אַ ווערימדיקן עפּל. אַז ליפּאַ איז אַוועקגעגאַנגען, האָט דער פאָטער געזאָגט צו סאַניען :

— מ-נאַ — כ׳האָב זיך אָפּגענאַרט. דער בחור איז פּשוט אַ דער-רוח-ווייסט-וואָס. פּאַרפאַלן. מיין עצה איז — גט אים אָפּ, און זאָל ער גיין צום-אַלדי-רוחות.

ט.

צום פּריזיוו איז ליפּאַ געפאָרן אַליין. דער פלימעניק באָרים האָט זיך אָנגעבאָטן מיטצופאָרן, נאָר ליפּאַ האָט גראָב צוריק-געוויזן דעם פריינטלאַכן אָנבאָט, און איז געווען אין כעס אויף זיך פאַר דער דאָזיקער גראָבקייט. ער האָט צוגעזאָגט צו טעלעגראַפירן זיין נומער.

קיין טעלעגראַמע האָט מען נישט אָנגעזען. דריי טעג נאָכן פּריזיוו איז געקומען אַ בריוו. העניך פּאָדרוזשניק האָט, לייענענדיק דעם בריוו, געאַרבעט מיט די ברעמען אַרויף און אַראָפּ, און זיינע אויערן האָבן מיט עקשנות אַוועקגע-שטאַרצט פון זיין דעמבענעם קאָפּ. דערנאָך האָט ער אַוועק-

געלייגט דעם בריוו אויפן טיש, געטראַכט אַביסל און גע־זאָגט:

— כ'האָב מורא דער בחור איז נישט אַזאַ תם ווי ער מאַכט זיך. פֿאָלג מיך, טאַכטער, — שלאָג מיט אים כפרות.

סאָניע האָט געקרימט די פאַרקלעמטע ליפּן און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

ליפּאַ האָט געשריבן:

„מ'האָט מיך אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט. אין צוויי וואָכן אַרום דאַרף איך זיך סיוועסיי שטעלן צום סבאָרנע פּונקט, וועל איך שוין אַהיים נישט קומען. אויב סאָניע פאַרלאַנגט עס, וועל איך איר צושיקן אַ גט תיכף ומיד. —

האָט קיין פאַריבל נישט, שווער. איר דאַרפט וויסן זיין, אַז פאַרצייטן האָבן אויך מענטשן געאַקערט און געזייט, געטאָן מצוות און עבירות, אַזוי ווי היינט, כאָטש צי זיי האָבן גע־האַט בירזשעס וויים איך נישט, — און גאָט פלעגט קומען און גיין צווישן זיי און ריידן צו זיי כדבר איש לרעהו. שיקט זיך עס, אַז היינט האָט ער געלאָזן זיין וועלט אינגאַנצן אויף הפקר? דאָס דאַרף מען דערגרונטעווען. —

און מיטן ממה-נפשך איז אויך די אייגענע מעשה. עס קאָן גרייזאַך זיין אַז איר זענט גערעכט, און דער דין איז: בלאָז אין קוימען. אָבער מיין האַרץ איז נישט רואיק וועגן דעם.—

איך מוז, פונדעסטוועגן, מודה זיין, אַז עס זיינען פאַראַן דברים שבצנעא; אַז בושה איז די קרוין פון דער מצוה און דער טעם פון דער עבירה."

נסיעה דורכן מילכוועג.

א.

אינם אָנהויב פון יאָרהונדערט, מיט דער גרויסער כוואַליע פון אידישער עמיגראַציע, האָט עס צוגעשלאָגן צו די ברעגן פון אַמעריקע אַ יונגנמאַן פון אַ יאָר זיבן־אַכט־און־צוואַנציק, מיט אַ קורצן יאָדערדיקן גוף און ברייטע פּלייצעס, מיט אַ האַרטן קאָפּ און אַ דיקן האַלדז, מיט ווייסע ברעמען איבער גרויע אויגן, מיט אַ ווינקלדיקן קין און אַ ברייט מויל וואָס האָט געהאַט אַ פולן קאַסטן געלבלאַכע שטאַרקע ציין. ער האָט מיטגעבראַכט פון רומעניע אַ זאַק מיט חפצים אויף די פּלייצעס, אַ גרעבלאַכן זאַפטיקן אידיש, און אַ געוויסע מאָס ליבשאַפט צו ליגן און באַרימערייַ — פּונקט אַזויפיל וויפיל ס׳איז נויטיק. אַרויסקומענדיק פון דער טיר פון „קעסל גאַרדן“, האָט ער אַ ווײַלע געפירט מיט זשעדנע און פרייַלאַכע אויגן איבער דעם טומלדיקן ברעג פון האָדסאָן, האָט איינגעטרייסלט דעם זאַק מיט דער שטאַרקער פּלייצע, און תיכף אויפגעהויבן דעם רעכטן פוס. —

ב.

ער האָט געאַרבעט אין אַ שאַפּ פון העמדער, יעדן זונטאָג אינדערפרי האָט ער זיך געלאָזן פוצן די שיך ביי אַ אינגל

אינמיטן גאַס, און בייטאָג האָט ער געגעסן אַ פולן מיטאָג: געהאַקטע לעבער, זופּ, אַ פערטל עוף, קאָמפּאָט און טיי מיט קוכן, און אַ סך ברויט — פאַר פינפאונצוואַנציק סענט. מיט מיידלאַך האָט ער זיך געשפּילט, נאָר קיין צוקערגומי האָט ער נישט געקייט. —

שפּעטער האָט ער געטריבן אַ וואָגן פאַר אַ וועשעריי, דערנאָך האָט ער געריסן ביי די פּאָלעס די פאַרבייגייער ביי דער טיר פון אַ קליידערגעשעפט אויף קאַנאַל-סטריט, זיך גע'חבר'ט אָדער זיך געשלאָגן מיט די „אריינשלעפּערס" און די שכנ'ישע קראָמען און אין די אָוונטן איז ער געזעסן אין אַ באַקאַנטן קעלער אויף ברום-סטריט, וואו ער האָט געגעסן אַ קוילנגעבראָטענעם ביפסטייק, סערווירט אויף אַ הילצערנעם טאָוול, און פאַרטרונקען מיט זויערן ווייסן וויין. —

אינגיכן האָט ער אַליין געעפנט אַ קליידערגעשעפט קעגנאיבער זיין געוועזענעם באַלעבאַס, האָט עס פאַרקויפט און געעפנט אַ קליידערשאַפּ — צוויי קליידערשעפער — זעקס קליידערשעפער — צוואַנציק ריזיקע קליידערשעפער, אין נויאָרק, באַלטימאָר און שיקאַגאָ. דעמאָלט איז ער שוין געוואָרן די באַרימטע פירמע „בענדער און בענדער", וואָס האָט באַשעפטיקט פינפאונדרייסיק טויזנט אַרבעטער און איז געווען דער גרעסטער פּראָדוצענט פון ביליקע מענערקליידער פאַר לאַנד און אויסלאַנד. —

ג.

מיט זיין חומר איז עס צוגעגאַנגען אַזוי: בעת אים האָט

אָנגעהויבן צו גיין גוט האָט ער געוואויגן הונדערט מיט זעכציק פונט, וואָס דאָס איז געווען אַ גוטע וואָג פאַר אַ מענטשן פון זיין פיגור און קערפּערבוי. ער האָט פאַר-וואָרפן דעם זויערן וויין און גענומען טרינקען ביר, מיל-וואָקיער ביר: "שליטץ — אָה באָי!" — און מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט ער געוואויגן הונדערט מיט זיבעציק פונט. זייער שיין. מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט ער געהאַלטן בא הונדערט מיט אַכציק. „כאַ-כאַ! — האָט ער געזאָגט. — מ'עט זיך באַלד דאַרפן לאָזן אָפּצאַפּן שמאַלץ!" ער האָט פאַרוואָרפן דאָס ביר, אָבער געגעסן האָט ער גוט, און געטרונקען סאָדעוואַסער — מיט פּרוכטזאַפט. ער האָט געטרונקען וואונאָר ער האָט באַגעגנט אַ סאָדעקרעמל, און געשלעפּט באַקאַנט צו טרינקען מיט אים, און ניט געשעמט זיך מיט אַזאַ געמיינער משקה און אָרעמאַנסקן אַנגאַנג. ווען ער האָט געוואויגן הונדערט מיט ניינציק פונט, האָט ער הילכיק געלאַכט: „כאַ-כאַ! מ'עט זיך דאַרפן אָפּצאַפּן שמאַלץ!" — און אין עטלאַכע חדשים איז ער אַריבער די צוויי הונדערט. אַן אייזערנער מענטש! —

וואָס איז שייך צו גייסט... אַה, באַה — ג-גייסט!...

ד.

דעם גרויסן סטרייק אין זיינע שעפּער האָט ער געבראָכן אַזוי גרינטלאַך, אַז די שניידער-יוניע איז כמעט פאַרניכטעט געוואָרן. נאָר אַז די מלחמה איז געקומען, און ס'איז געוואָרן אַ דוחק אין „הענט", און ער האָט געהאַלטן גרויסע קאָנ-

טראַקטן פון דער אַרמיי און פּלאַט, האָט ער פריילאַך נאָכ-געגעבן אַלע פאָדערונגען פון דער יוניע: „איר מאַכט — און איכ'ל מאַכן!"

צו יענער צייט האָט ער דערפילט אַז עס ווערט אים שווער צו טראָגן זיין קערפּער. ער האָט ווידערהאָלט זיין ווערטל וועגן לאָזן זיך אָפּצאַפּן שמאַלץ, נאָר אַז ער האָט זיך גע-שטעלט אויף אַ וואָג, האָט ער זיך לאַנג געבאָברעט מיטן מעשענעם געוויכטל, האָט עס גערוקט אַהין און אַהער, האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען און האָט ניט פאַרשטאַנען. די וואָג האָט געצייגט הונדערט מיט ניינציק פונט. הייסט עס, ער האָט נאָך פאַרלוירן ביי אַ פופצן פונט. וויבאַלד אַזוי, פאַרוואָס איז אים שווערער געוואָרן צו טראָגן זיין גוף?

ה.

די מלחמה איז געווען אַ גאַנץ פיינע מלחמה און האָט אים געגעבן מיליאָנען, און צו איר סוף האָט ער געוואויגן הונ-דערט מיט פינפאונזיבעציק פונט. זי האָט אויפגעטאָן עפּעס נאָך זאַכן, די מלחמה. זי האָט ווי אריינגעוואָרפן די וועלט אין אַ זאַק, אים אַ טרייסל געטאָן, און אַרויסגעשאָטן די וועלט צוריק — אַ צעשרויפטע, אַ צעדרייטע, אַן איבערגע-קערטע מיטן קאָפּ אַראָפּ. קאָמיש. זי האָט אויך געבראַכט מיט זיך די באַלפור-דעקלאַראַציע, און זיין וואָג איז געווען הונדערט מיט זעכציק פונט. דאָס האָט אים דערמאָנט, אַז ער איז, דאַכט זיך, אַ איד. פּאַלעסטינע, ארץ-ישראל — המ... נו יאָ, געלט האָט ער געגעבן. פאַרוואָס זאָל ער נישט געבן — עס פעלט אים געלט, וואָס? אָבער —

דערנאָך האָבן די רוסן אָנגעהויבן — אָט דאָס וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן, און דאָס איז שוין געווען פאַר אים קלערער. „מירן זיי ווייזן ווער עלטער איז", האָט ער געזאָגט, און געמיינט האָט ער אי רוסלאַנד, אי דעם אָפּקלאַנג דאָ אין לאַנד, די אייגענע „רויטע". ער האָט פיל געגעסן און פיל געטרונקען, און איז פונדעסטוועגן שטענדיק געווען הונגעריק און דאַרשטיק. ער האָט געלאָזט וויסן די יוניע, אַז ער וועט אָפּלייגן הענט, וועט שניידן שכירות ביי די געבליבענע און וועט פאַרגרעסערן די אַרבעטשטונדן. די יוניע האָט געסטראַשעט מיט אַ סטרייק, מיט אַ מין גענעראַל-סטרייק אפילו, דאָס הייסט, ביז צו די טעקסטילפאַבריקן. פון דעם לעצטן סטראַשונעק האָט ער זיך אויסגעלאַכט. „זיי וועלן נישט דורכקומען צווישן זיך, די אַרבעטער, — האָט ער געזאָגט צו זיין זון, דעם צווייטן שותף אין דער פירמע „בענדער און בענדער", אַ מאָגערן, פאַרזייערטן יונגנמאַן, אָן שום ענלאַבקייט צום פאָטער. — אויסערדעם, זאָלן זיי, אדרבה, אריינציען די פעקטאָרים אין קאַמף — אויף מיין זייט." און האָט דערקלערט אַ לאַקאַוט. ער איז געצוואונגען געווען איבערצובייטן זיין גאַנצע גאַרדעראָבע, ווייל די קליידער זענען לעצטנס אויף אים, אַ מאָגערן מענטשן מיט ברייטע ביינער, געהאָנגען „ווי אויף אַ לאָקשנ-ברעט".

ז.

די אידייע איז געווען — אויסצונוצן דעם שטרייט צווישן די „לינקע" און די „רעכטע".

— זיי וועלן שוין אַליין טאָן פאַר אונז די אַרבעט, מאַי באַי, — האָט ער געזאָגט צום זון. — די לינקע וועלן קיין זאַך ניט נאָכגעבן: זייער לעבן איז אין ניט-נאָכגעבן. די רעכטע, ווידער, — מירן אָנערקענען ז י י ע ר יוניע און מירן צוריקרופן דעם לאָקאַוט, אויב זיי וועלן זיין גוט און פרום. פאַרשטייסט?

פאַרן זון איז עס געווען ניט זייער קלאָר.

— די אַרבעטער זענען מיט די לינקע, — האָט ער געזאָגט.

— דאָס איז נאָך בעסער. די אַרבעטער? נישט אַלע. די מערהייט אפשר, אָבער ניט אַלע. די אָנערקענטע יוניע וועט זיין שוואַך פּאַקטיש, די אַנדערע וועט זיין אומגעזעצ-לאַך. און זאָלן זיי זיך רייסן צווישן זיך. אַ פיין שפּיל. עס געפעלט מיר. און וואָס שטעל איך אין קאָן? געלט — אַ פ ש ר געלט — בעת זיי שפּילן מיטן לעבן...

ער האָט זיך פאַרטראַכט. דערנאָך האָט ער געזאָגט מיט אַ לינקן שמייכל:

— דו הערסט? „צוקער“, זאָגט ער, האָב איך — דער דאָקטאָר. ווי קום איך צו צוקער? וואָס פאַר אַ געשעפטן האָב איך מיט צוקער?! צוקער גאָר, כאַ-כאַ!

יאָ. מיט אַ פּאָר טעג פריער איז ער געווען ביי זיין הויז-דאָקטאָר, און יענער האָט געזאָגט באַשטימט: „צוקער-קראַנקהייט“ — און האָט געראָטן אַ שטריינגן רעזשים.

— וואָס מיינט איר — כ׳וועל זיך קאָרמענען מיט גראָז, ווי אַ בהמה?!

דער דאָקטאָר האָט מיט אַ קאַלטן גלאַנץ פון זיינעברילן נאָכגעפאָלגט דעם אויפגערעגטן פאַציענט וואָס איז אַרומ־געלאָפן איבער זיין קאַבינעט — און האָט געשוויגן. ער איז געזעסן אין זיין ווייכן שטול, האָט געדרייט צווישן די פינגער דאָס זילבערנע פאַפּירמעסער פון זיין שרייבטיש — און געשוויגן. דערנאָך האָט ער געלאָסן געזאָגט:

— איר זענט אַ בייבי, וואָס?

בענדער איז געבליבן שטיין אַנטקעגן אים, און די ביידע האָבן זיך שטום אָנגעקוקט אַ היפּשע ווײַלע.

ז.

בענדער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין קאַמף קעגן די אַרבעטער און אין אַרבעטערפּאָליטיק מיט חשק און היץ. אַ דריי־פיר טאָג האָט ער געפּרואווט לעבן אויף אַ דיעטע, נאָר ביסלעכווייז האָט ער אָן איר פאַרגעסן. ער האָט געדריקט וואו מ׳דאַרף און געגלעט וואו מ׳דאַרף, און ווען די געשלעגן צווישן די רעכטע און די לינקע האָבן דערגרייכט דעם בלוטיקסטן פונקט, האָט ער איינמאָל ביינאַכט זיך אויפגע־כאַפּט פון שלאָף, האָט אויסגעבראָכן דאָס עסן פון אַ גאַנצן טאָג און האָט נאָכדעם געבראָכן אַ גאַנצע נאַכט — מיט גאַרניט, מיט דער גרינער גאַל, ווי עס ברעכן ים־קראַנקע. צום טאָג האָט דער קאָפּ זיך געדרייט אויף אים ווי אַ ראָד, איין אויג איז געווען צוגעמאַכט און דאָס דעקל פון צווייטן איז געוואָרן אָלץ מער און מער אָנגעגאָסן מיט בליי. נאָר דאָס ערגסטע איז געווען דאָס וואָס ער איז געקראָכן אין עפּעס אַ גרוב, אַ גרוב וואָס איר עפענונג איז געווען זייער

שמאָל, נאָר וואָס-ווייטער איז זי געגאַנגען ברייטער. עס איז געווען קלאָר, אַז אויב אים וועט זיך איינגעבן זיך אַריינ־צושפּאַרן אין גרוב וועט ער ניט קאָנען אַרוים פון איר צוריק, און אים האָט זיך מורא'דיק ניט געוואָלט בלייבן אין דער גרוב, און פונדעסטוועגן איז ער געקראָכן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל און זיך דוקא געפּלייסט זיך דורכצושפּאַרן דורכן שמאָלן אַריינגאַנג. אַרום אים האָבן זיך געדרייט עפּעס מענטשן, איינער פון זיי האָט קאַלט געגלאָנצט אויף אים מיט גאָלדענע ברילן, נאָר קיינער האָט אים ניט אָפּגעהאַלטן פון קריכן אין גרוב אַריין. ווען ער וואָלט געקאָנט געבן אַ שפּרונג... אַ שטאַרקן שפּרונג, אַ הויכן שפּרונג, אָט אַזוי... נאָכאַמאָל, שטאַרקער... או-אוף! — ער האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעריסן פון דער ערד און איז פאַרפלויגן צווישן די שטערן. ער האָט אַלעמאָל געדיינקט אַז צווישן די שטערן איז קאַלט, לאָזט זיך אויס, אדרבה, אַז ס'איז זייער היים, נאָר קיין לופט איז טאַקע ניטאָ, ווייל עס איז דאָ שווער צו אָטעמען. ער איז אויך נייגיריק געווען צו כאַפּן אַ קוק אויף עפּעס אַ שטערן, זען ווי אַזוי פאַבריצירט מען דאָ קליידער און סתם ווי אַזוי גייט עס דאָ צו, נאָר אָט יענער גלאַנצט אים אַלץ אַנטקעגן מיט זיינע ברילן און רעדט עפּעס צו אים, און וויל אַלץ ווּיסן „ווי עס גייט אים". ווי זאָל עס אים גיין? עס גייט אים גאַנץ גוט, עס גייט אים בעסער; דער קאָפּ ווערט קלערער, נאָר דער בויך איז ביי אים אַזוי אָנגעפּויזט, און אַרום הארצן שפּאַרט עס. ווי דיינקט דער דאָקטאָר — אפשר וואָלט שוין געווען גענוג, אָט דאָס פּאָמפּען וואָס מ'פּאָמפּעט אין אים וואַסער פון דער גלעזערנער פלאַש? —

— באלד-באלד, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. — אָט נאָך

אביסל, ביז עס וועט צוקומען צו אַט דעם צייכן, איר זעט ?

— וואָס איז עס מיט מיר, דאָקטאָר — דער סוף ?

— דער סוף גאָר ? ניין, חלילה, וואָס עפּעס דער סוף ? מיר האָבן אייך געבראַכט צוריק, און מירן אייך שטעלן אויף די פיס. נאָר וואָס דען ? איר'ט זיך שוין מוזן נעמען אין די הענט אַריין, איר פאַרשטייט וואָס מ'רעדט צו אייך ?...

ח.

נאָך דער אַטאַקע פון קאָמאַ האָט ער זיך אונטערגעגעבן מיטאַמאָל, און אָן שום תנאים. ער איז אַריבער אויף אַ שטרייַנגער דיעטע, האָט גענומען אינסולין-איינשפּריצונגען, האָט זיך געלאָזן באַהאַנדלען מיט שטראַלן. ער האָט געקראָגן פאַרשיידענע אויסשיטן אויף זיין הויט, און זיין וואָג איז געווען הונדערט מיט צען פונט — גאַנץ נאָענט צו דער גע־פאַרליניע ; עס איז שווער אָנגעקומען צו הייבן דאָס גע־וויכט פונם קערפּער, נאָר ביסלעכווייז, אין עטלאַכע חדשים צייט, האָט מען אים אַרויפגעצויגן צו הונדערט מיט דרייסיק פונט, און די הויט איז אויך געוואָרן ריין. דער דאָקטאָר איז געווען צופרידן. נישטמער — די אָפטע אַנאַליזן פון בלוט האָבן געוויזן אַ הויכן פּראָצענט צוקער און אַ מילדן, נאָר באַשטענדיקן אַצידאָזיס.

דער זון איז געקומען צו אים צו גיין :

— די אַרבעטער...

— גיב זיי נאָך, — האָט ער יענעם איבערגעהאַקט אינמיטן.

— נ-נאָכגעבן ? !

— גיב זיי נ י ט נאָך... — האָט ער גלייכגילטיק פאַרענדיקט דאָס געשפּרעך און זיך אָפּגעקערט צו זיינע אַטלאַסן פון הימלגעוועלב און די קאַרטן פון די פּלאַנעטן.

אַטלאַסן פון הימל, קאַרטן פון פּלאַנעטן, פּאָפּולערע ביכער איבער אַסטראָנאָמיע — זיין צימער איז געווען פול מיט זיי. ער האָט פּלוצים באַקומען אַן אינטערעס צום וועלטרוים און אַ באַזונדערן אינטערעס צו באַזונדערע שטערן. ער האָט ניט אַזוי שטודירט די מעשי־מרכבה, ווי געזוכט לעבעדיקע אינפאָרמאַציע און אינטימע באַקאַנטשאַפט מיט די הימלשע קערפּערס. זיינע ביכער האָבן געטראָגן אַזעלכע טיטלען ווי: „אַ גרוס פונם מאַרס"; „אונטער די רינגען פון סאַטורן"; „די ראָמאַנטיק פון די הימלען"; „ביים עק פון אַלע וועלטן", א. ד. גל. ער האָט זיך פאַרשאַפט אַ קליינעם טעלעסקאָפּ, האָט אויסגעבויט פאַר אים אַ גלעזערנעם קיאָסק ביי זיך אויפן דאַך און האָט פאַרבראַכט לאַנגע ביינאַכטיקע שטונדן קוקנדיק אויף די שטערן. אַרום און אינדערוויטן האָט גע-דונערט דאָס מענטשלאַכע לעבן אין דער גרעסטער שטאָט אויף דער קליינער ערד, און ער האָט געקוקט אויף די שטערן. דער אַלגעמיינער רויש פון דער שטאָט האָט זיך צונויפגעגאָסן אין אַ גלאַטן, פליסיקן, גאַרלדיקן כאָר און האָט אים געשטערט כמעט אַזוי ווייניק ווי שטילקייט; נאָר יעדע עטלאַכע מינוט איז פאַרביי געלאָפן אַ צוג אויף דער לופטבאַן, עטלאַכע בלאָק אַוועק פון זיין דאַך — פאַר-

בייגעלאָפן מיט אַ פאַרשייטן, צעלאָזענעם, דיסהאַרמאָנישן געפילדער, ווי עס לויפט אַ באַנדע צעהוליעטע אַמעריקאַנער אינגלאַך דורך אַ וואַגאָן פון דער נעמלאַכער באַן — און צייטנווייז האָט ער מיט גאַל נאָכגעקוקט דער באַלויכטענער שורה פענסטער וואָס האָט זיך געטראָגן אינערגעץ הענדום-פענדום: וואָס? ווען? וועמען? מ׳לויפט! וואוהין לויפט מען, וואוהין?... — און אַ צערודערטער פון פאַרדרוס האָט ער זיך געווענדט צו זיינע שטערן. ציינגט זיך אַרויס, אַז מיר זענען גאָר אין סאַמע מיטן פונם מילכוועג, וואָס זעט אויס אַזוי ווייט און אַזוי באַזונדער. „אַ פּאָר טראָפּן מילך פון יונאָנאַ׳ס ברוסט... אַרונטערגערונען פונם קליינעם הערקולעסעם ליפּן און זיך צעלאָפן איבערן הימל“. אַבסורד. אַ נאַרישע פאַנטאַזיע. קלעפּט זיך ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. אין דער אמת׳ן — אַ וועלט מיט וועלטעלאַך; מיט וועלטן אומגעהייערע — אום-גע-הייערע! פאַראַן אויף זיי לעבן ,צי נישט פאַראַן? און וואָס פאַר אַ לעבן איז עס — שוין זשע אַזאַ פאַסקודסטווע ווי ביי אונז: מיט סאָבווייען — מיט לופטבאַנען — מיט צענסענט-קראָמען?... אָט איז יופּיטער, און אַנדאָרטן אוראַנוס. די זענען פלאַנעטן, נישט מער ווי פלאַנעטן, משטיינסגעזאָגט, און פיל-פיל נענטער. נענטער צי ווייטער — די פראַגע איז: פאַראַן ערגעץ אַ ווינקל — אַ שטערנדל אַזאַ, אָדער, זאָגן מיר, אַ פלאַנעטל — וואו... מ׳לעבט אייביק? צי עס איז אַלעם ווי ביי אונז: קוים באַוויזן צו קומען צוריק פונם יאַריד מיט די איינגעקויפטע פעלכעלאַך, דאַרף מען זיך שוין לייגן אויפן פּעקעליק און שטאַרבן?... אוי-וואַ! אַ גוואַלטיקע חכמה שטעקט אין אָט דער גאַנצער כיטרער מעכאַניקע — פּש! אַזאַ חכמה ווי

אין „יונאָנאַ׳ס מילך״ ! —

צום סוף ווינטער איז אים נמאס געוואָרן די גאַנצע שטערנזעעריי. ער האָט פאַרוואָרפן די ביכער מיט די קאַרטן, מיטן טעלעסקאָפ, און האָט מיט דאָרשט און פאַרצווייפלונג זיך אַ וואָרף געטאָן צוריק צו „אונזער פאַסקודסטווע״. — אויסגעקוקט האָט ער דעמאָלט אַזוי: די הויט אויף די ביינעריקע באַקן איז געווען ברוין און געזונט; אַן איינציקע פּאַסמע ווייסע האָר איז ווי אַ שמיר מיט קרייד געלאָפן איבער דער לינקער זייט פון שוואַרצן קאָפּ; די אויגן האָבן געגליט און געקוקט אַביסל קרום: די צוויי באַזונדערע בליקן האָבן זיך אָפּטמאָל געקרייצט נאָענט פון געזיכט, ווי ער וואָלט זיך געפלייסט צו זען דעם זאָטל פון זיין אייגענער נאָז. —

ט.

„די דאַמע מיטן רויטן שלייפל אויפן האַלדז, וואָס איז דינסטאָג, דעם 23טן יוני, 5.15 פאַרנאַכט, געזעסן ביי אַ פענסטער אין אַ דאַונטאַון-סאָבוויצוג, ביי דער סטאַנציע פון דער 14-טער סטריט — וועט זי אפשר זיין אַזוי גינציק און לאָזן וויסן וועגן זיך דורך די ציימונגען אָדער דורך פּאָסטאָפּיס-קעסטל 417 ? אַ נאָמען, אַן אַדרעס, אַ טעלעפאָן-נומער — וואָס ס׳ניט איז וועט אָנגענומען ווערן ווי אַ גרויסער חסד״.—

דער אַנאָנס איז געווען אָפּגעדרוקט אין צוויי פון די גרעסטע נויאָרקער טעגלאַכע ציימונגען, אונטער דער רובריק „פערזענלאַכעס״. אַ גאַסנמעסענדזשער, אַ נעגער, האָט עס געבראַכט אין די אָפּיסעס פון די בלעטער, האָט באַצאָלט פאַר אַ וואָך פאָרויס, און פאַר אים איז נאָך געבליבן אַ פיינע באַ-

לוינונג פאַר זיין טרחה. אַ ברייטביינעריקער, מאָגערער הער מיט פינקלענדיקע אויגן האָט עס אים געגעבן דעם אויפטראָג ערגעץ אין גאַס. אַ פיינער הער, קענטיק, נאָר אַביסל אַ צעדרייטער. יאָ. —

אינמיטן דער וואָך האָט דער אַנאָנס זיך באַוויזן אין אַלע אַנדערע גרעסערע צייטונגען, מיט אַ קליינער ענדערונג אין נוסח: „די דאַמע מיטן רויטן שלייפל אויפן האַלדז, וואָס האָט אַזאַ פיינעם שמייכל״, און דאָס ווייטעריקע.

דער רוף האָט געקלונגען אַ וואָך צייט, און איז אַנטשוויגן געוואָרן, דערנאָך האָט ער זיך ווידער געלאָזן הערן, און איצט איז עס געגאַנגען אַזוי:

„די דאַמע מיטן רויטן רויטן שלייפל״, עטצ... „רופט זיך אָפּ — מ׳וועט אייך אָפּגילטן. אין קיין געלט איז קיין מניעה ניט — ס׳איז אין קיין זאַך קיין מניעה ניט״.

ווידער עטלאַכע טעג פון שטילשווייגעניש, און ווידער אַ רוף:

„די דאַמע מיטן רויטן שלייפל... האָט איר געזען מיין אַנאָנס? אפשר האָט איר זיך געפונען באַליידיקט פאַר מיין דערמאָנען וועגן געלט? מ׳פאַרלאַנגט פון אייך קיין זאַך ניט, מ׳וויל בלויז נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן אויף אייך, הערן אייער שטים. ענטפערט — אָה, ענטפערט! דאָס רופט אַ מענטש וואָס טרינקט זיך... טרינקט זיך״.

אַ גאַנצן זומער האָט דער לעצטער נוסח זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער די בלעטער פון דער מעטראָפּאָלים, האָט אויפגעפלאַמט אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרט: „די דאַמע מיטן רויטן שלייפל"... „די דאַמע מיטן רויטן שלייפל"... און איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אַפילו אויף די שפּאַלטן פון די קליינע, לאָקאַלע בלעטלאַך פון בראָנקס, יאָרקוויל, ברוקלין, פלעטבוש. צו העכבסט-צו איז דער רוף געוואָרן זעלטענער, ווי אַ שטים וואָס דערווייטערט זיך אין אַ וואַלד. דערנאָך איז די דאַמע מיטן רויטן שלייפל פאַרשווינקט געוואָרן פון די מויל, שכור'ע וואַסערן פון דער טעגלאַכער פרעסע. —

.י

פאַרטאָג איז אַ שניישטורעם, אַ ווייסער און אַ בלינדער, מיט רציחה באַפאַלן די שטאָט נויאָרק, און נאָכמיטאָג האָט מען אין גאַס אויפגעהויבן אַ מענטשן אין באַוואוסטלאָזן צושטאַנד און אים געבראַכט אין שפּיטאָל אַריין. דאָרט האָט מען זיך דערוואוסט ווער ער איז, און מ'האָט תיכף צו וויסן געטאָן זיין פאַמיליע, אַריינגענומען אים אין אַ באַזונדער צימער, אים אַרומגערינגלט מיט קראַנקנשוועסטערינס, דאָקטוירים, אַפּאַראַטן און מעדיקאַמענטן. זיין האַרץ האָט געאַרבעט אַביסל אָנגעשטריינגט, אָבער מיט קראַפט, נאָר די אויגן זענען געווען צוגעמאַכט, דאָס פּנים רויט, דער אָטעם האַס-טיק און שווער, און פון מויל האָט זיך דייטלאַך געשפּירט דער כאַראַקטעריסטישער ריח פון אַצעטאָן. מ'האָט אים איינגעשפּריצט אינסולין, און עס האָט זיך ווידער באַוויזן דער הויכער שטאַנד מיט דער גלעזערנער בולבע פונוואַנען

צוקערוואַסער האָט, דורך אַ גומענער רער מיט צוויי נאָדלען, געפּלאָסן צון אים אין בלוט אַריין, הויך אויפן בויך אונטער די ריפּן. אינגיכן האָט ער געעפנט די אויגן און זיין בליק איז ביסלעכווייז קלערער געוואָרן, נאָר אַ דאָרשט, אַ ביטע-רער און אַ זויערער דאָרשט, האָט געשרפ'עט זיין צונג און זיין גומען, און ער האָט נאָכאַנאַנד געמאָנט וואַסער, געטרופן נאָך אייז, געטאָפּט שווער און זיך געוואָרפן פון זייט אויף זייט. דערנאָך האָט ער ווידער פאַרלוירן דעם פאָדעם פון זיינע געדאַנקען, האָט פאַרבלאָנדזשעט צווישן זיינע אַמאָל באַליבטע שטערן און קאָנסטעלאַציעס, נאָר אַרויסרייסן זיך פון די רוימען פון מילכוועג צו די ווייטערע ווייטקייטן האָט ער אַלץ ניט געקאָנט, ווייל אַ פעסטע האַנט, הגם אַ קילע און אַ צאַרטע, איז געליגן אויף זיין צעהיצטן שטערן, געליגן זיכער און הערשעריש, און האָט סוף כל סוף פאַרנומען זיין גאַנצן געדאַנק.

— ער וועט זיין אַלראַיט, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט צו עמיצן איבער זיין קאָפּ. — איר'ט אים געבן אַ נאָדל, און ער וועט איבערשלאָפן די נאַכט.

די קילע האַנט האָט זיך אָפּגעטאָן פון זיין שטערן און זיך צונויפגעגאָסן מיט אַ פרויענגעשטאַלט אין ווייסן. די ביי-טאָגיקע קראַנקנשוועסטער, אַ מיטליעריקע און אַ זויערע, איז פאַרביטן געוואָרן אויף דער ביינאַכטיקער, אַ פרוי אין בליענדיקער יוגנט און בליענדיקן געזונט, מיט ווייסע, קיי-לעכדיקע באַקן און גרויסע, גרויע, רואיקע אויגן, מיט אַ פולער און שטייפער פיגור, און מיט שטאַרקע און צערטלאַכע הענט. דער חולה האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט און

מיט ברייטע אויגן געקוקט אויף זיין וועכטערין. דערנאָך האָט ער זיך ווידער אַוועקגעלייגט אויפן קישן. ער האָט געקראָגן די פאַרשריבענע נאָדל און דעם צוגעזאָגטן שלאָף.—

צוויי טעג האָט מען אים געשפייזט מיט מאַראַנצנזאַפט און וואַסער. דאָס זענען געווען צוויי טעג פון רו, פון וואוילזיין, פון שלום מיט דער וועלט, ווען אַ צעשטרייטער, אומבאַשטימ-טער שמייכל האָט געשוועבט אויף זיינע ליפּן און די אויגן האָבן מיט מילדן אינטערעס געקוקט דורך די פענצטער פון זיין צימער אַריבער די דעכער פון נויאָרק. אויפן דריטן טאָג האָט מען אינדערפרי געפּרוואווט אים געבן האָבערגריץ מיט מילך און אין אָוונט ווידערהאָלט. נאָכן צווייטן מאָל האָט ער דאָס עסן אויסגעבראָכן, האָט געקראָגן היץ, און פון דאַן אָן האָט ער שוין נאָכאַנאַנד געלעבט אין אַ וועלט וואו זיין צימער האָט זיך געמישט מיט די שטערן און די שטערנ-וועלט מיטן שפּיטאָל. איין שטערן, אין דער פאָרם פון אַ גלעזערנער בולבע מיט וואַסער, האָט געשימערט אים אַנט-קעגן מיט אַ מאַטן און שוואַכן ליכט, און כדי דעם דאָזיקן שטערן צו כאַפּן — דאָס איז געווען אויסערסט נויטיק, לעבנסוויכטיק! — האָט ער צייטנווייז פאַרגרעסערט די שנעלקייט פון זיין פליען, צייטנווייז געשפּאַרט זיך מיט אימפּעט צווישן שטערן גרופּירט אַזוי געדיכט ווי טרויבן אין אַ היינגל, נאָר אומזיסט: דער גלעזערנער שטערן איז גע-שטאַנען אים אַנטקעגן, שטענדיק אויף דער זעלבער שטרע-קע, און אָנרירן אים האָט ער ניט געקאָנט, ווייל זיינע הענט און פיס זענען געווען צוגעבונדן צו אַ בעט — צו עפּעס אַ בעט!... דערנאָך איז דער שטערן פאַרשוואונדן, און דאָס

איז געווען נאָך ערגער, ווייל ער האָט געקאָנט שטיין ערגעץ אָטדאָ הינטן, ער האָט זיך אפשר פאַר׳גנב׳עט הינטער זיין רוקן — ווער ווייסט אים! האָט ער גערווייט מיטן קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס, זיך אָנגעשטריינגט צו כאַפּן אַ בליק הינטער זיך, אָבער דאָס פאַרהאַנגענע גרינע ליכט פונם נאַכטלעמפּל איז געווען צו שוואַך, און נאָר די קליידער פון דער קראַנקנשוועסטער האָבן דייטלאַך געווייסלט פאַר זיינע אויגן. ווי פול און ווייס אירע באַקן זענען! ווי עס ווייעט פון איר מיט לעבן — לעבן ממש, פליישיק און בלוטיק! איר לייב אונטער די קליידער מוז זיין שטייף, און די הויט גלאַט און קיל ווי סאַמעט.

— נוירם!...—האָט דער קראַנקער געאָטעמט באַרגאַרויף.— נוירם, ליבע... אַז איכ׳ל געזונט ווערן... וועל איך אָפּ׳גט׳ן מיין ווייב... און חתונה האָבן מיט דיר.

— יעס, פּוהר מען, — האָט די באַרמהאַרציקע שוועסטער באַרמהאַרציק געזאָגט, און איז איבערגעגאַנגען מיט אַ נאַסן טיכל איבער די פאַרטריקנטע ליפּן פונם חולה. נאָר ער האָט זיך שוין ווידער אַוועקגעלאָזן אויף נייע וואַנדערונגען מיט אַ שנעלקייט וואָס האָט אָפּגעשאָפּט אַי דעם רוים אַי די צייט. דאָסמאָל האָט ער זיך ענדלאַך דורכגעריסן דורכן מילכוועג, איז פאַרפלויגן אין די ווייטע רוימען, ביז ער האָט אינגאַנצן פאַרלוירן דעם וועג צוריק — אינגאַנצן פ א ר ג ע ס ן דעם וועג און דעם צוריק. מיט דער לייכטקייט פון אַ בין צווישן בלומען האָט ער אַרומגעפלאַטערט צווישן קאַלירטע וועלטן, גאָר נייע, אַנדערע — אָה, אַזוי אַנדערש! — חייסע, דאַרש-טיקע, וואו די ליפּן טריקענען, פּלאַצן און שפּאַלטן זיך ביז

בלוט. און זיי בייטן זיך צו שנעל, אַמדי דאָזיקע וועלטן. ווען ס׳וואָלט מעגלאַך געווען אָפּצושטעלן זיך ערגעץ אויף אַ ווײַלע, זיך אַרומקוקן אַביסל! אָט איז אַ שטערן, וואָס איז, דאַכט זיך, אויך אַ ווינקעלער. אפשר האָט ער דאָרט גע־קראָגן אַ זאַפּטיקן, קוילגעברוינטן סטייק און אַן אייזקאַלטן, שוימיקן קופּעל „שליטץ״. —

געגעסענע טעג.

א.

איך האָב דעמאָלט „געגעסן טעג“, און מיר האָט געפעלט אַ דינסטאָג. —

דער פולער נאָמען פון שטעטל איז געווען זאַהאָריע-וויטראַק, צוליב די ווינטמילן אויף די אַרומיקע בערג, נאָר אידן האָבן האָבן עס גערופן בקיצור: זאַהאָריע.

אַז איך בין אַרוים אין גאַס דעם ערשטן נאָכמיטאָג פון מיין קומען אַהין, איז דאָס שטעטל געליגן פאַרטשאַדעט אונטער דער תמוז׳דיקער זון. אידן און אידענעס האָבן געדרימלט אין די טירן פון די קראָמען. ביים פליישמאַרק זענען הינט געליגן מיט אַרויסגעשטרעקטע צונגען, האָבן געאָטעמט לאַנגזאַם און טיף און געקוקט מיט פאַרגלעזערטע אויגן אָן אינטערעס אויף דער וועלט און אפילו אויף די בלוטיקע זייטן פלייש אין די פענצטערלעכער פון די יאַטקעס. איבערן מאַרק האָבן געל געגליט בינטלאַך און לאַקן שטרוי פונם לעצטן מאַרקטאָג וואָס דער ווינט, דער משגיח אויף ריינקייט אין שטאָט, האָט נאָך נישט באַוויזן אָוועקצונעמען. אויף דער „פּריצישער“ גאַס זענען אַלע לאָדנס געווען פאַרמאַכט— לאָדנס גרויע, ווייסע, גרינע, אַלערליי לאָדנס, אַ לאַנגע צייל

פון פאַרהאַקטע לאַדנס. עס איז געווען אַזוי שטיל, אַז זאַ-האָריע האָט אויסגעקוקט ווי אַ שטאָט אין אַ חלום, און איך האָב מיט דאָרשט געטרונקען די נייקייט. —

ב.

— די ישיבה, — זאָגט מיר דער באַרדיטשעווער, — איז געווען אַמאָל גאָר אַ גרויסע ישיבה. —

געפינען געפינט זי זיך אינם רבינ׳ס קלויז, איבער דער עזרת-נשים: די הינטערשטע העלפט פון דער הויכער קלויז איז געטיילט אין צוויי גאָרן, און אינם אויבערשטן גאָרן, מיט אַ באַזונדערער דרויסנדיקער טרעפ, לערנען מיר. דאָס איז אַ לאַנגער, שמאָלער חדר וואָס לויפט אין דער ברייט פון דער קלויז, מיט אַ צענדליק פענצטער אין דריי פון די ווענט. אין דער פאָרנטער וואַנט קוקט אַ קליין אָפן פענצטערל, פשוט אַ לאָך, גלייך צום אָרון-קודש. עס זענען פאַראַן צוויי לאַנגע טישן פאַרן שיעור און אַ טוץ סטענדערס וואו די עלטערע בחורים לערנען ביחידות. ביי די ווענט און ביי די גרויסע טישן ציען זיך לאַנגע ביינק, און עטלאַכע בחורים — איך צווישן זיי — וואָס האָבן נישט קיין פלעצער אין שטאָט שלאָפן אויף זיי. —

אַן אַנדער בחור, דער סטאַוויסקער, האָט מיך אָפּגערופן אָן אַ זייט, האָט אויפגעהויבן אַ פינגער און מיר געגעבן צו פאַרשטיין:

— די ישיבה, אַט ווי דו קוקסט זי אָן, איז געווען אַמאָל

גאַר אַ גרויסע ישיבה. הונדערט און פופציק בחורים האָבן דאָ מתעסק בתורה געווען יומם ולילה. די ישיבה איז נאָך דעמאָלט געווען אינם בנין וואו ס'איז איצט די קאַלטע שול. און אפילו שוין שפּעטער, פאַר די ערשטע יאָרן פון ניסל דיין, ווען ער האָט נאָך נישט אַזוי שטאַרק געטרונקען, פלעגן פון זעכציק ביז אַכציק תלמידים זיצן ביים שיעור. —

הונדערט און פופציק, אַכציק, זעכציק, — איצט זענען מיר אַ דריי-פיר און צוואַנציק פאַרשוין ביי אַלע טישן און סטענ־דערס. די ישיבה זינקט שוין עטלאַכע יאָר, פאַלט נידריקער און נידריקער — קיינער ווייסט נישט פאַרוואָס. די שטאָט האָט אונדז פיינט. זי גלויבט נים נישט אין אונדזער תורה, נישט אין אונדזער יראת-שמים. מיר זענען שווער אויף איר, ווי ס'איז שווער אויף די אַרומיקע אַן אַלטער, לאַנגאָנענדי־קער חולה, וואָס פוילט פאַר אַלעמען אין די אויגן און שטאַרבן שטאַרבט ער נים. די שטאָט האָט נישט קיין חשק צו נעמען אונדז צו זיך צום טיש, און ווער עס קאָן נאָר פּטר'ט אָפּ דעם חוב מיט אַ פּאָר פּרוטות, אַזוי אַז ביי אַ סך בחורים פעלן אוים טעג, און אין יענע טעג קריגן זיי פונם משגיח צו זיבן קאָפּיקעס אויף דער אכילה. מיטן שלאָפן איז ערגער, און מיט אַ העמד אויף שבת — נאָך ערגער.

ג.

דער קרוטאַהאָרער רעדט צו מיר פאַרטרויליך:

— דו מיינסט, אונדזער ישיבה איז אַלעמאָל געווען אָט־

אזוי־אָ ווי דו זעסט זי איצט ? האָסט באַדאַרפט זיין דאָ מיט יאָרן צוריק, וואָלסטו געזען...

ער אויך ? וואָס גייט א י ם אָן די ישיבה ? דער קרוטאָ־האָרער איז אַ גרויסער, געזונטער בחור מיט אַ גלאַטן ווייבערשן פּנים אָן אַ סימן פון אַ באָרד אָדער וואָנצעס, מיט גרויסע וואַסעריקע אַרויסגעשטאַרצטע אויגן, און מיט אַ קינדישן שמייכל אויף די רויטע, פליישיקע קישקעלאַך־ליפּן. ער האָט אַפילו נישט־קיין־שלעכטן קאָפּ, נאָר לערנען הויבט ער נישט אָן צו וועלן. דערפאַר אָבער צייכנט ער זיך אויס דערמיט וואָס ער קאָן נישט ריידן קיין צוויי מינוט אַז ער זאָל נישט אַריבערגיין אויף נבול־פּה. ער איז עפּעס אַ שלאַגנדיקער קוואַל פון מעשׂות, רעטענישן, גלייכווערטלאַך, וואָס אין יעדן פון זיי איז באַהאַלטן, אונטערן פּשט, אַ רמז אויפן ענין זכר ונקבה. זיינע מעשׂות זענען עפּעס פּריקרע — אויסגע׳פּשט׳לטע, אויסגעזויגענע פון פינגער, אָן תאווה און אַפילו אָן אָפענע גראָבע רייד, נאָר שטענדיק רמזים און לשון נופל על לשון, אי אַהער אי אַהין, וואָס אַז דו ווילסט איז אין זיי פאַראַן אַ מיין, נאָר אַ מיאוסער מיין, און אַז דו ווילסט איז אין זיי גאָרנישט נישטאָ, נאָר דאָס זענען זיך גלאַט מעשׂות אין דער וועלט אַריין. איז טאָמער וואָלסטו ביי זיך גע׳פועל׳ט אַז דער בחור מיינט חלילה ניט קיין אויבערשפּיצלאַך, רעדט ער אָבער אַזוי קאַלטבלוטיק — שוין צו קאַלטבלוטיק, און דאָס קינדישע שמייכעלע אויף די פייכטע, רויטע קישקעלאַך איז שוין עפּעס צו קינדיש, און דו דערפילסט זיך אָפּגענאַרט און אויסגעלאַכט, און ווערסט ביין, און ער, דער תם, פאַרשטייט נישט וואָס דו

ביזט אין כעס, אַז סך־הכל האָט ער גאָרנישט ניט געמיינט, און אַז — „שאַ, וואָס דאַרפסטו מער? אָט וועל איך דיר דערציילן אַ חדוש נפלא"...

דער קרוטאָהאָרער אַליין האָט שוין אויך אַ תלמיד מובהק, אַ שטאָטיש אינגל פון אַ יאָר פערצן, חיימל אריה-לייב׳ס — קנעלט ער מיט אים הלכות נבול־פה. חיימל האָט אַ וואויל קעפּל, האָט אויך ליב אַ שווער שטיקל גמרא אָדער אַ טיפע סברא פון די מפרשים, — נאָר דער קרוטאָהאָרער פירט אים אַראָפּ פון דרך, און דאָס אינגל הירזשעט ווי אַ לאָשעקל פון יענעמס מעשות און פּרוואווט אפילו אַליין אַמאָל אויס־טייטשן אַ פּסוק אָדער אַ מאמר חז"ל אַזוי, אַז עס איבלט מיך. זיי ביידע דערגיין די יאָר דעם „וואַרשעווער". —

ד.

דער וואַרשעווער איז נישט פון וואַרשע. איזן איז ער פון אַ שטעטל ערגעץ אין פּוילן וואָס האַלט זיך ניט אין זכרון, רופט מען אים אויף דער שטאָט וואָס געדיינקט זיך יאָ. ווי קומט ער אַהער אַזש פון פּוילן, ווייסט קיינער ניט, און מ׳דערפרעגט זיך נישט שטאַרק. קיינער פון די פרעמדע האָט נישט ליב פיל צו ריידן וועגן דעם פונוואַנען ער קומט אָדער וועמעס ער איז, — מסתמא נישטאָ נאָך וואָס צו בייַנקען אָדער וואָס צו געדיינקען.

דער וואַרשעווער איז דער עלטסטער בחור אין דער ישיבה — ווייט אַריבער דרייסיק. ער איז שמאָל און מאָגער, און

נישט אזוי א הויכער ווי א לאנגער. זיינע באקן זענען באשאטן מיט פרישטשעס, די אויגן זענען שווארץ און גליען ווי אין קדחת. די בארד וואקסט אים אויפן האלדז — נ א ר אויפן האלדז — און אויפן קאפ טראגט ער א שמאל פויליש היטעלע, דאס איינציקע היטעלע אין שטאט מיט א שמאלן „דענעק". ער האט א „שווערן קאפ", דערפאר אבער איז ער א גרויסער מתמיד און זייער פרום. ער לערנט שטענדיק, מ'זעט אים כמעט קיינמאל נישט אן א ספר אין האנט, און לערנען לערנט ער אויפן קול, מיט זיין טשיקאווען פוילישן ניגון, און שאקלט זיך דערביי שטארק מיט פארמאכטע אויגן, וועלכע ער עפנט נאר פון צייט צו צייט אויף צו כאפן א קוק אין דער גמרא. ער איז זיך אפט טובל אין דער מקוה, פון די צוויי טעג וואס פעלן אים אוים האט ער געמאכט באשטענדיקע תעניתים, און חברה זאגן אז ער פייניקט זיין גוף עפעס נאך אויף אנדערע אופנים.

דער קרוטאהארער האט זיך אנגעזעצט אויפן ווארשעווער, און חיימל איז נישט אפגעשטאנען פון זיין רבי'ן. זייער עובדא איז געווען אוועקצושטעלן זיך נישט ווייט פון זיין סטענדער און נעמען לערנען א מאמר, למשל, פון מסכתא שבת, און צעלייגן אים אויף טעלערלאך, אויף זייער שטייגער. דער ווארשעווער פרואווט זיך פארשטעלן ביידע אויערן, אבער דעמאלט הערט ער ניט זיין אייגענעם ניגון, און אן דעם ניגון פארשטייט ער שוין גאר גארנישט וואס ער לערנט. ער שרייט: „מנובלים! נואפים! משומדים!", סטראשעט ער וועט דערציילן ר' זלמן משגיח, זידלט זיך אויף זיין פוילישן אידיש — און זיי שטייען און דרשנ'ען

ווי ניט זיי מיינט מען און אזוי ווי שטארק אריינגעטאָן אין א שווער שטיקל גמרא. סוף כל סוף לויפט דער ווארשעווער ארוים פון קלויז מיט ברענענדיקע אויגן און ליפּן פארקרימט פון יסורים.

ה.

דעם שיעור פאַר אונדז זאָגט ניסל דיין. —

ניסל דיין זעט גאָר נישט אוים ווי קיין איד. זיין שווערער, קלאָציקער גוף, די אריבערגעהאנגענע „רב-יבו'שע" ברעמען און די רויטע נאָז מיט די בלויע אָדערלאך גיבן אים צו דעם אנבליק פון אַן אלטן קאצאפּ — פון די וואָס גייען אויף די פּליטן איבערן טייך. איבער דער דרויסנדיקער פּלאך פון זיין לינקער האַנט איז זיך צעלאָפן א רויטער לישאַי ווי א קופּער-נער דרייער די גרוים. ביים לערנען זיצט ער מיט אַטדער האַנט אונטער דער סלאַוויטער גמרא, מיט א קליינער יאַר-מעלקע ערגעץ דאָרטן ווייט איבערן נאַקן, און מיט ברילן אויף דער נאָז.

די בחורים ריידן עפּעס מיט א האלבן מויל, ווי זיי וואָלטן אליין זיין מבולבל אין זייערע מוחות בנוגע דעם דאָזיקן אידן. איזן איז ער א גרויסער שיכור — א אידישער שיכור, פאַר-שטייט זיך: וואלגערט זיך נישט אין די גאַסן — טרינקט וואו ביי גאָט א טאָג, מיט אָדער אָן א יאָרצייט, און גייט ארום פארוואָלקנט, פארטאָן אין זיך און גלייכגילטיק צום לערנען ווי צו די תלמידים. עס טרעפט אמאָל אז ער קומט צום

שיעור פאַרקנאַקט מער ווי געוויינלאַך — דעמאָלט שפּרינגען מיר אויף די ביינק פון התפעלות: שאַרפע המצאות, פּשט׳לאַך, חידושים, טיפע הערות שפּריצן פון זיין מויל ווי פונקען פייער. טאָמער אָבער האָט זיך אים חלילה — איינמאָל אין אַ שמיטה — געמאַכט צו בלייבן אינגאַנצן ניכטער, איז שווער געווען פון אים איבערצוטראָגן: ער האָט אַלעמען געזידלט, געשאָלטן, געשאָטן מיט שטעכווערטלאַך, בייזע, געמיינע, שלעכטע — זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ רשע מרושע. קיין דיין איז ער שוין לאַנג ניט געווען. ער האָט בלויז געהאַט דעם שיעור אין דער ישיבה, און צוויי שעה אַ טאָג האָט ער געלערנט מיטן גביר׳ס נייעם איידעם. צוליב זיין שאַרפער צונג איז ער געווען פאַרקריגט מיט אַ האַלבער שטאָט און מיטן רבינ׳ס הויף איז ער געווען אויף מעסער־שטעך. די חסידים האָבן געהאַט אויף אים אַ חשד אַז ער שטאַמט פון דער ליטע. האָט טאַקע שטאָט געקוועטשט אויף אים מיט די אַקסלען: אַז אַ מענטש שטאַמט פון דער ליטע!

אויסער אין די זעלטענע פאַלן פון אַ געהויבענער מדרגה פון שיכרות, האָבן אים די למודים אין דער ישיבה קנאַפּ אינטערעסירט. לסוף איז ער געפאַלן אויף אַ המצאה: זאָל מען חזר׳ן אויף אויסווייניק. אין אַנדערע ישיבות זענען פאַראַן בחורים וואָס קענען הונדערטער בלעטער גמרא אויף אויסווייניק. „אָט דאָס הייסט לומדישע קעפּ!“ האָט ער צוגעגעבן און געקוקט אַזוי שפּיציק מיט זיינע קליינע בייזע אייגעלאַך, אַז מ׳האָט נישט געקאָנט דערגיין צי ער זאָגט עם לשבח, צי ער מאַכט חוזק. זאָל מען זיך, פאַר אַ התחלה,

נעמען צו די „בבות“: ס׳איז נישט שווער, און אויך נישט צו גרינג. אזוי ארום האָט ער געהאַט די ברירה צו זאָגן אַן אמת׳ן שיעור און עפּעס מחדש זיין נאָר דעמאָלט, ווען אים האָט זיך געוואָלט.

ו.

ביידינעכט פלעגן מיר הערן די פאַראַכאָדן פאַרבייגיין אויפן טייך אַ ווערסט פון שטאָט. די פון אונדז וואָס פלעגן שלאָפן אין קלויז האָבן שוין געקאָנט דערקענען די שטימען פון די שיפן וואָס האָבן באַדינט אונדזער טייל פון טייך. — „אימ-פעראַטאָר“ — פלעגט עמיצער באַמערקן פון אַ וויטער באַנק און אַ גלי טאָן אינדערפינצטער מיט זיין ציגאַר-טיטון. דאָס — ביי אַ קורצן וואָגיקן פייף, מעשה תקיף און סאָלידער באַלעבאָס. „אימפעראַטאָר“ איז געווען די נייסטע שיף אַ ז אויפן טייך, געבויט ערגעץ אין אויסלאַנד און מיט די נייסטע איינריכטונגען. פי-פי-אי-אי! “ — שניידיק, שמיידיק און לייכטזיניק ביז גאָר, און עמיצער פון אונדז דערקלערט מיט אַ שמייכל, אַז דאָס איז „פּושקין“, אַ קליין פאַראַכאָדל, שמאָל, לאַנג און פלינק אויף דער פען. אַ ברייטער, גאַרגלדיקער אויסגעשריי, געצויגן און הייזעריק, ווי פון אַ חיה אין יסורים, איז דער טייטש די „דיערזשאַווא“, דאָס עלטסטע און גרעסטע שיף, ברייטביינעריק, אומגעלומפּערט, פאַרשלאָפן און לאַנגזאַם.

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, נאָכדעם ווי דער ערשטער פייף האָט אויפגעשפּיצט דאָס אויער, האָט מען דייטלאַך

געקאָנט הערן ווי דער פּאַראַכאָד דערנעענטערט זיך צו אונ־דזער סטאַנציע, ווי ער פּאַטשט מיט די רעדער איבערן וואַסער, פאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג און פאַרשטומט. מיר האַלטן איין דעם אָטעם, און „זעען" דאָס באַלויכטענע שיף, די שמוציקע פּריסטאַן, די מענטשן וואָס לויפן אויף און אָפּ איבערן הייגבריקל צום שיף, דעם פרעמדן און פריילאַכן טומל. אין צוויי מינוט אַרום — אַ צווייטער פייף און באַלד אַ דריטער, און דאָס אויער כאַפּט אויף דאָס סאָפּען פון דער פּאַרע, דאָס באַנייטע גערויש פון די רעדער, שנעלער — שטאַרקער — דרינגלאַכער. ביי אַ געוויסן פּונקט רייסט זיך דאָס געריויש דורך צווישן די בערג פּאַזע טייך מיט אַ באַזונ־דערער קלאַרקייט, מ'וואָלט געקאָנט שווערן — דאָס שיף גייט גלייך אין שטאָט אַריין. תיכף נאָך דעם פאַלט דאָס געריויש אַרונטער ווי אונטער אַ טאַפּ: שוואַכער, ווייטער, שטילער. שאַ, אַט — ניין — יאָ — ניין, גאַרנישט. שטיל.

עס שווייגט זיך אַ היפּשע ווײַלע. און כמעט יעדעס מאָל פּאַרט אַרויס דער קרוטאַהאַרער מיט, אַשטייגער:

— איך וועל דיך פרעגן אַ רעטעניש...

— לאָז צורו! — ווער איך זיך מיט פאַרדראָס. — מ'ווייסט שוין דיינע רעטענישן.

— אַנו, אַדרבה, טרעף. וואָס איז...

— אָבער לאָז אָפּ... אַן אַנדערשמאָל! — רייסט זיך ביי מיר אַרויס.

אַמאָל גיט ער נאָך, און אַמאָל נישט.

ז.

נישט גרינג און נישט מיטאמאָל האָב איך געקראָגן מיינע „טעג". דער זונטאָג און דער מאָנטאָג האָבן זיך געביטן עטלאַכע מאָל, און די מענטשן האָבן אויף מיר קיין רושם ניט איבערגעלאָזן.

אַ מיטוואָך האָב איך געהאַט ביי אַ קצב, בוני דעם רויטן. ער האָט געהאַט שטעכיקע רויטע האָר אויפן פּנים כמעט ביז די אויגן, אויגן גזלנ׳ישע און חוצפּה׳דיקע, און אַ גראָבע שטים. דער איד האָט אַפילו דאַוונען ניט געקענט, און אין שטאָט האָט מען געזאָגט אויף אים אַז ער שלאָגט דאָס ווייב. צו וואָס, אַשטייגער, האָט ער געדאַרפט אַ ישיבה-בחור ביי זיין טיש? ער האָט נאָך אַליין אָפּגעשטעלט ר׳ זלמן משגיח אין גאַס און זיך געהייסן אַריינשיקן „עמיצן פון די בניאָקעס", וועט ער אים „אָנשטאָפּן די קישקע". וואָס איז שייך דעם עסן, איז דאָס געווען מיין בעסטער טאָג. די בוניכע — אַ אידענע אַ שוואַרצ׳חנ׳עוודיקע, נאָר אַן אָפּגע-לאָזענע — האָט פון קיין טישטוך ניט געוואוסט: גלייך אויפן ווייסן הילצערנעם טיש פלעגט מען אַוועקלייגן אַ ברויט און אַוועקשטעלן אַ שיסל מיט געקעכטס — און עס וויפיל דו ווילסט. די מאכלים אַליין זענען געווען שווערע, „שטאָפּנ-דיקע": געפילטע קישקע, אַ „קיטניצע", אַ באָרשטש מיט פעט פלייש, אַ שאָפּן קעפּל, אַ פּעטער, גליטשיקער האַלדז פון אַ ציגעלע. און ביי ביידע מאָלצייטן איז געווען פלייש.

צו וואָרעמעס האָט מען געגעסן אַלע אין איין צייט און ביי איין טיש: בוני מיט דער בוניכע, איך, און זייער טאָכטער

די בת-יחידה — אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצן, מיט אַ גוף וואָס איז נאָרוואָס אַרויס פון די קינדערשע יאָרן און מיט אַ פּנים פון אַ רביצין: ווייס און דורכזיכטיק, אַביסל קריינקלאַך, מיט אַ גלייכער נאָז און גרויסע, ווי ביי אַ קאַלב, שיינענדיקע אויגן. אין אָוונט האָב איך בוני'ן זעלטן געטראָפן אינדער-היים, און עמיצער פון די ווייבער פלעגט מיר דערלאַנגען עסן אליין. —

אַ גאַנץ אַנדער הויז איז געווען איסר טאַבאַטשניק'ס, וואו איך האָב געגעסן דאָנערשטאָג. געשטאַנען איז עס אויף דער אַנדערער זייט מאַרק, שוין ביים אָנהייב פון דער „פּריצי-שער" גאַס, האָט געהאַט געפּאַרבטע דילן, שפּיצענע פּאַר-האַנגען און וואַזאָנעס ביי די פענצטער, און איז געווען באַלע-באַטיש מעבלירט. געלעבט האָט מען ברייטלאַך, געהאַלטן אַ קעכין און אַ שיקסל צום קלענצטן קינד. דאָ האָט מען מיר געגרייט צום עסן ביים ברעג פון אַ באַזונדערן טיש אין קיך, וואו די קעכין האָט געטאַראַרעמט מיט די טעפּ, און מיין צייט האָט מען איינגעשטעלט אַ שעה נאָך זייער איי-גענעם עסן.

איסר טאַבאַטשניק האָט געמעקלערט אויפן גרויסן שניט: מיט תבואה, מיט וואַלד, מיט בוריקעס פאַר צוקערזאַוואָדן. ער איז געווען אַן „אָסאָבע": הויך, מיט ברייטע פּלייצעס, אַ היפּשן בייכל, אַ גלאַטן פּנים און מיט אַ שיינער טונקעלער צעקעמטער באָרד. געטראָגן אַ ציכטיקן סורדוט ביז די קני, ווינטער אַ שוואַרצן און זומער אַ גרויען, און אַ ווייכן קאַ-פּעליוש מיט אַ קנייטש איבער דער גאַנצער לייגג. אַ מינע האָט ער געהאַט אַ וואַזשנע, און אַ וואָרט זיינס איז געווען

„מיט גאָלד צוגלייך". אַ גדלן אַ איד. זיין ווייב שיינע-לאה האָט געשטאַמט פון גרעסערן יחוס ווי איר מאַן, האָט זיך געהאַלטן איינפאַכער און איז, קענטיק, געווען אַ גוטע. גע-ווען אין הויז אַ מיידל פון אַ יאָר צוועלף, אַ מאָגערע, אַ שוואַרצע, אַ מיאוסע, אַ כעסנ'טע, וואָס באַלד עפּעס האָט זי זיך געוואָרפן אויפן דיל און געקלאַפּט מיט די פיס אָן די ווענט אָדער אָן טיש — און אַ אינגעלע פון דריי יאָר. ערגעץ אויף דער וועלט זענען געווען אויסגעגעבענע טעכטער. —

פרייטאָג אינדערפרי איז דאָס עסן לאו דוקא, און מיט די דריי שבת'דיקע סעודות האָט מיך באַשטאַט סטיסי די אלמנה.

סטיסי איז געווען אַ הויכע, שוואַרצע אידענע, מיט שמאָלע טאָטערשע אויגן, אַ קלוגע און אַ שווייגערין, און די גויעס האָבן פאַר איר דרך-ארץ געהאַט — זי האָט געהאַלטן אַ קליינע קראָם מיט שניט-סחורה און צעלניק, מייסטנס פאַר די גויעס און שיקסעס פון די אַרומיקע דערפער: העל-געפאַרבטע וואָל- און באַוול-שטאָפן, קאָלירטע סטיינגעס, בינטלאַך און שנירלאַך קרעלן, קאָפּטיכלאַך, גאַרטלען, און דערגלייכן. זי איז נישט געווען רייך, נאָר געהאַט פרנסה און אָן אייגענע שטוב אויף דעם „רבי'נס" גאַס. די שטוב איז געווען אַן אַלטע און נישט קיין גרויסע, נאָר אַ „באַלע-באַטישע", דאָס הייסט, מיט הילצערנע דילן, אַ בלעכענעם דאַך און אפילו לאָדנס אויף די פענצטער. די באַלעבאַטיש-קייט אין שטוב האָט געפירט איר טאָכטער צירל — אַ מיידל שוין אין די יאָרן, אַ נידריקע, נישט קיין שיינע, מיט אַ נישט-געזונטער, נישט-ריינער הויט פון פנים, אויגן שוואַרצע

און דוקא יאָ שיינע — און זייער אַ „סטאַטעטשנע“. —

און דער דינסטאָג איז מיר אויסגעבליבן.

ח.

אין יענע יאָרן האָט די וועלט געקנייטשט און געקנאָטן מיין געמיט ווי אַ צעטראָגענע האַנט קנייטשט און רייסט אַ הענטשקע אויף דער צווייטער. יעדער טאָג פון דער וואָך האָט געהאַט זיין טעם — שבת נאָכן עסן, למשל, האָט די זון געשיינט אַנדערש ווי אינדערוואָכן — און אַריבערגיין פון דעם „רבי'נס“ גאַס צום מאַרק איז געווען אַ מין נסיעה אין אַן אַנדער שטאָט. דעם גביר'ס הויז אויף דער „פּריצי־שער“ גאַס, רויז געפאַרבט און מיט אַ גרינעם באַלקאָן צום צווייטן שטאָק, האָט מיך גערעגט ווי אַ גאַסט פון דער פרעמד. אין אַ דרויסנדיקער וואַנט פון קלויז האָט געפעלט אַ שטיק קאַלך מיט דער ליים צוזאַמען, און איך האָב מיט שנאה געקוקט אויפן העסלאַכן פלעק יעדעס מאָל ווען איך בין פאַרבייגעגאַנגען. אויף אַ ליידיקן פּלאַץ נישט ווייט פון דער ישיבה זענען געשטאַנען פיר האַלב־פאַרברענטע סלופּעס, די רעשטן פון אַ הויז נאָך אַ שרפה; פאַרשוואַרצט, צעפּרעסן און מאָגער, האָבן זיי כמורנע אַרויסגעקוקט אויף מיר, דוקא אויף מיר, און מיך געשראָקן. — זומער, ווינטער, שניי, רעגן, פראָסט, היץ האָבן ווי שדים געצופּט און גע־שלעפּט מיך אין אַלע זייטן.

צו יענער צייט זענען צוגעקומען נאָך זאַכן.

איינמאָל, ווארמעס-צייט, ביי איסר טאַבאַטשניק אין הויז, איז אויפן קיכטיש וואו איך האָב געגעסן געשטאַנען אַ בעקן מיט שטרודל נאָרוואָס פון אויוון אַרויס. דער הייסער שטרודל האָט געשמעקט מיט צימרינג און ראָזשינקעס גלייך מיר אין נאָז אַריין; ביי איין זייט פון בעקן איז אַרויס-געלאָפן אַ שטראָם פון ברוינעם צוקער און איז געוואָרן פאַר-גליווערט ווי גלאָז; אין קילן זיך, האָט דער שטרודל פון צייט צו צייט אונטערגעקנאַקט שטיל און שוואַך, ווי מ'וואָלט געבראָכן שוועבעלאַך. אַז די קעכין איז אַרויס אויף אַ מינוט פון קיך, האָב איך געשווינד אָפּגעבראָכן צוויי איינגעקאַרבטע שטיקלאַך שטרודל און זיי אַריינגערוקט אין קעשענע. מיין עסן האָב איך אָפּגעכאַפּט און בין אַוועק אין קלויז אַריין, וואו איך האָב אין אַ ווינקל אויפגעגעסן די צוויי שטיקלאַך שטרודל. איך האָב געגעסן מיט גרויסע ביסנס, כמעט נישט געקייט, אַזוי אַז טרערן זענען מיר געקומען אין די אויגן, און אַ צייט לאַנג איז דער שטרודל מיר געשטאַנען אונטערן האַלדז און מיך געשטאָפּט.

געקומען איז דאָס אויף מיר אַזוי אומגעריכט, גלייך ווי עס וואָלט פּאַסירט נישט מיט מיר, נאָר מיט עמיצן אַנדערש. איך בין, הייסט עס, אַ גנב און אַ זולל וסובא. אַ גנב? ניין, קיין גנב נישט. געווים, איך האָב גע'גנב'עט, אָבער מער וועל איך נישט גנב'ענען — זיכער נישט. אַ זולל וסובא אָבער... כ'האָב געגעסן ווי אַ זולל וסובא, האָב אַפילו קיין טעם נישט געפילט פון איילעניש. און די מורא'דיקע טפשות! די קעכין וועט זיך כאַפּן — זי מוז זיך כאַפּן! געגומען, הייסט עס, און זיך אַליין אַנגעשפּיגן אין פּנים אַריין. וואָס

איז דאָס? וואָס איז דאָס? ווי קומט עס צו מיר?!

יענעם דאָנערשטאָג בין איך אויף ווערטשערע צו איסר טאַבאַטשניק'ן ניט געגאַנגען. דעם צווייטן דאָנערשטאָג בין איך דאָרט געשטאַנען הינטער דער טיר עטלאַכע מינוט מיט אַ האַרצקלאַפּעניש און נאָכדעם געעפנט די טיר מיט פאַר-ביסנקייט. מיר האָט זיך געדאַכט צו יענעם מאָלצייט, אַז די קעכין קלאַפּט מיט די טעפּ מער ווי געוויינלאַך; מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די גוטע שיינע-לאה האָט מיך באַגעגנט מיט אַ שמייכל אין די אויגן, אַ קלוגן און אַ צוריקגעהאַל-טענעם, — נאָר איך האָב זיך געוואַשן לאַנגזאַם און געגעסן לאַנג און מיט עקשנות. און די צעטומלטקייט אינווייניק אין מיר איז געווען גרויס. —

די מעשה שטרודל איז נאָך געליגן ביי מיר אין קאָפּ ערגעץ ביים נאַקן, ווען איך בין איינמאָל אָנגעקומען דערויף ווי בונזי דער קצב מיט דער בוניכע'ן שלאָגן זייער מיידל. אַרום דעם דאָזיקן מיידל מיטן צניעות'דיקן פּנים האָבן געפּאַדעט אַלע שניידערייונגען פון שטאָט, אַ פּאָר באַלעבאַטישע זינדלאַך און אַפילו אַ פּאָר שקצים פון די גויאישע גאַסן — און צו אַלעמען איז זי געגאַנגען, מיט אַלעמען האָט זי זיך אַרום-געשלעפּט, און אין די פאַרנאַכטן איז געווען אוממעגלאַך זי איינצוהאַלטן אין שטוב. הייגט האָבן זי טאַטע-מאַמע — נישט צום ערשטן מאָל — געפּאַקט מיט עמיצן, און זיך אָפּ-גערעכנט מיט איר מיט הענט און מיט העסלאַכע ווערטער. דורכן וואַסערל פון די טרערן האָבן אירע גרויסע אויגן ממש געשטראַלט מיט אַ פּייכטן ליכט, אירע פרישע ליפּן האָבן זיך געקרימט ווי ביי אַ קינד, און שטיל און מיט יאוש האָט

זי גע׳טענה׳ט: „וואָס ו ו י ל ט איר פון מיר; וואָס ו ו י ל ט איר פון מיר!"

די דאָזיקע סצענע האָט מיר שלעכטס געטאָן. איינמאָל, אַרויסגייענדיק פונם קצב׳ס שטוב, האָב איך אָנגעטראָפן דאָס מיידל אינם טונקלען פירהויז. איך האָב זי אָפגעשטעלט, אויסגעשטרעקט אַ האַנט און זי אָנגערירט — גראָב. זי האָט אויפגעהויבן אויף מיר אַ פּאָר גרויסע, דערשראָקענע אויגן, האָט זיי תיכף אַראָפּגעלאָזט און איז פאַרגליווערט געוואָרן אין שטומער, שאָפעגער אונטערטעניקייט. איך האָב זי גלייך אָפּגעלאָזן און בין אַוועקגעלאָפן, נאָר איך האָב שוין געוואוסט, אַז נישט מיין טיפער שרעק פאַר בוני דעם קצב, נישט די מורא פאַר די בזיונות אויב מ׳זאָל מיך כאַפּן וועלן מיך אָפּהאַלטן פון דעם דאָזיקן מיידל, פון אָט דעם קאָפּ פון אַ דערוואַקסענער פרוי מיט אַ האַלב-רייפן צאַפּלדיקן גוף. איך בין אַ שרץ — אַ שרץ — אַ שרץ!

ווייבאַלד אַזוי — האָב איך דעם שבת דערנאָך, נאָך מיטאָג, זיך איינגעשלאָסן ביי סטיסי דער אַלמנה אין אָפּטרעט, צונויפגעדרייט אַ ציגאַר-טיטון און פאַררויכערט. אַז איך בין פון דאָרט אַרויס, האָב איך זיך געוואַקלט אויף די פיס. נישט געוואוסט, אַז אַ ציגאַר-טיטון קאָן זיין אַזוי געשמאַק! דער טעם פון דער עבירה און דאָס האַרבע געווירץ פון הפקרות האָבן מיר געדרייט דעם קאָפּ ווי שטאַרקער וויין.

דער קרייז פון מיינע תאוות, ווי דער קרייז פון מיינע השגות, איז געווען קליין, נאָר דער יצר-הרע איז מיך באַפאַלן ווי אַ ווילער — פּלוצלונג, און פון אַלע זייטן פאַראַמאָל, און איך

האָב געלעבט ווי אין אַ קדחת, און מיין הארץ האָט זיך געצאַפּלט נאָכאַנאַנד. נאָכאַנאַנד. —

ט.

כ'האָב געטאָן ווי דער וואַרשעווער האָט געטאָן: כ'האָב מיין דינסטאָג געמאַכט פאַר אַ תענית. פון מיינע זיבן קאָפּיקעס האָב איך צוויי אויסגעגעבן אויף טיטון, דאָס איבעריקע האָב איך געשפּאָרט.

דעם טאָג פלעג איך לערנען ביחידות, אונטן אין דער מאַנס־בילשער קלויז, וואוהין איך פלעג זיך אַריבערקלייבן באַלד נאָך דעם ווי די דאַוונער זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען נאָך שחרית. איך האָב זיך ווייניק אָפּגעגעבן מיטן שיעור, נאָר אַריינגעקוקט אין פאַרשיידענע ספרים, עפּעטערס אין תנ"ך, געבלעטערט, אונטערגעזונגען, געטראַכט און ווידער גע־לערנט. מיין מאָגן איז געווען ליידיק און גרינג, דער טיטון האָט געשמעקט טיף און שטאַרק, און אין דער הויכער קלויז, וואו דאָס ווידערקול האָט געלאָקערט אויף יעדן שאָרך, איז געשטאַנען אַ מין אָנגעלאָדענע שטילקייט. ביי דער סאַמע גרעניץ פון אָט דער שטילקייט האָבן זיך געדרייענגט פאַר־טאַיעטע קלאַנגען פון אַן אַנדער וועלט, נישט אַזאַ ממשות־דיקער ווי די אַרומיקע, נאָר נישט פיל געמינערט. רות מיט נעמי'ן האָבן אייביק געשפּאַנט צווישן קאָרנפעלדער אויפן וועג צו בועז'ן, אונטער אַ זייטיקער זומעריקער זון, אַזוי אַרום פינף אַזייגער פאַרנאַכט. יעקב האָט געפּאַשעט שאָף פאַר לבנ'ן, און די געשניצטע שטעקלאַך וואָס ער האָט אויס־

געשטעלט פאַר די קאַרעטעס זענען דייטלאַך געשטאַנען פאַר מיינע אויגן מיט דער קאַרע אָוועקגעשיילט אין פלעקן און שטרייפן, וואו דאָס ווייסע האָלץ האָט דורכגעקוקט פריש און פייכט פון זאַפט. אין אַ שיטער-פאַרוואָלקנטער, דורכ-זיכטיקער לבנה-נאַכט האָט שולמית געוואַנדלט איבער שלאָף-פאַרזונקענע גאַסן, האָט געקלאַפּט אין טירן און טויערן, און געפאַרשט ביי די שומרים פון שטאָט, און געפרעגט און זיך נאָכגעפרעגט: האָבן זיי נישט געזען ערגעץ איר פריינט — האָבן זיי נישט אָקאַרשט באַגעגנט איר האַרצנסגעליבטן? עשו איז נאָרוואָס געקומען פון דער יאָגד און געבראַכט דעם ריח פון פעלד אין זיינע האַריקע קליידער; ער איז געזעסן און געגעסן אַ געקעכטס פון לינדזן, און די הייסע, געשמאַקע פאַרע פון די לינדזן האָט זיך געמישט מיטן ריח פון ציגנפעל. אַרומגערינגלט פון די זאַמדן פון דער מדבר, האָבן זיך געבויכט און געכוואַליעט אין ווינט די געשטריקטע און געפלאָכטענע ווענט פונם משכן. דער פּלאַן פונם בנין איז מיר געבליבן נישט-קלאָר, נאָר „תכלת וארגמן" האָבן זיך געבאַמבלט פאַר מיינע אויגן אין דער געשטאַלט פון פאַסמעס בלויע וואָליטשקע, און געווען זענען זיי „משזר" — געשפּינט און געדרייט. — — — דאָס זשומען פון אַ פאַרצייטיק-נאָענטן לעבן האָט געגרייכט צו מיר ווי אַ ווייט געזאַנג, און דעם טאָג האָב איך גערוט פון זיך און פון אַרום.

י.

שוין אין די עשרת ימי תשובה האָט דער הימל אָנגעהויבן זיך צו כמורען, דער יום-כפור איז געווען אַ קילער און אַ

פאַרטראַכטער, און שמחת־תורה האָט אַ דין רעגנדל עטלאַכע מאָל אין טאָג געקילט די שמחה אין שטעטל. פון דאַן אָן האָט זיך דער הימל פאַרצויגן אויף לאַנג, דער רעגן איז געוואָרן שווערער, געדיכטער און עפּטער, און ביינאַכט האָט ער געקלאַפּט אין די דעכער פאַרשלאָפן און אין איין נוסח — און אַזוי אַ נעכט צען נאָכאַנאַנד. עס האָט זיך שנעל איינגעשטעלט די אָסיענדיקע בלאָטע, און דערנאָך איז געקומען דער ערשטער שניי און איז תיכף צעגאַנגען אין דער בלאָטע, און דערנאָך האָט אַ צווייטער שניי זיך איבער־געמישט מיט דער בלאָטע — און די בלאָטע איז געוואָרן קאַלט ווי אייז און שיטער ווי קאַשע. די מרה־שחורה, די גרויסע אָסיענדיקע מרה־שחורה, האָט זיך ברייט אָוועק־געזעצט אויף זאַהאַריע — און אויף מיין האַרץ.

גייענדיק צו מיינע מאָלצייטן, האָב איך געטיאַפּקעט אין דער בלאָטע — וועגן מיינע שיך וויל איך ניט ריידן — אַמאָל דורכן מאַרק, אַמאָל דורך אַנדערע גאַסן, און האָב געקוקט מיט אויגן, און האָב זשעדנע געזוכט — עפּעס, ווייל די גרויסע מרה־שחורה איז געזעסן אויף מיין האַרצן. ווי מיין פון די לעכער קוקן אַרויס פון די קלייטן אידישע קעפּ — מאַנסבילשע קעפּ, ווייבערשע קעפּ — קוקן אַרויס כמורנע, געדולדיק, פאַר׳עקשנ׳ט — אויף וואָס, למשל, קוקן זיי אַרויס? אַ אידענע, פאַרוויקלט אין שאַלן, זיצט ביי אַ טישל מיט עפּעלאַך — אַ הויפן עפּעלאַך, געפרוירענע עפּעלאַך, וואָס פאַרקויפן פאַרקויפט זי זיי צו די קינדער, אַ גראָשן אַן עפּעלע. וויפיל קינדער גייען דאָ פאַרביי דורכן טאָג — דורך יעדן טאָג באַזונדער? וויפיל פון זיי האָבן דעם גראָשן

אין קעשענע און יצר-הרע צו אירע עפעלאך? וויפיל קאסטן די עפעלאך זי אליין און וויפיל בלייבט איר איבער אויף איר אייגענער חיונה? וויפיל מיילער דארף זי שפייזן טאג-איין, טאג-אויס, פון די דאזיקע עפעלאך? — — — ביים עק מארק שטייט אן אלטע הילצערנע קלייט, כמעט א חורבה; אינ-וויינינק געפינט זיך א זעקל האבער און דריי בינטלאך היי, און מער גארניט. ביי דער טיר זיצט זוסי מיכליע׳ס און קוקט. דער איד זיצט אין א ברוינער בורקע מיט אן אויפ-געשטעלטן קאלנער ווי פון פארזשאווערטן בלעך. זיין פנים איז קליין און פייגלש און ארומגעוואקסן מיט א קורץ, שטייף בערדל פון זאמד-קאליר, און זיינע קליינע, קיילאכדיקע, הינערשע אויגן פון דעמזעלבן קאליר קוקן גלאט אזוי אין דער וועלט אריין. ו ו ע ן איך גיי פארביי, זיצט זוסי מיכליע׳ס ביי דער טיר און קוקט. א געמיש פון שנאה און מורא הייבט זיך ביי מיר ערגעץ פון די געדערים און קריכט מיר אין האלדז אריין. זיצט א בר-מינן און קוקט. מ׳האט פארגעסן אים צוצומאכן די פארגלעזערטע אויגן — זיצט ער און קוקט. — — — ביים איינפארהויז זעט זיך דער אנהויב פון א גויאישער גאס. די גויאישע גאסן און געסלאך רינגלען ארום די שטאט פון אלע זייטן. דארט איז א באזונדערע וועלט, א מין סמבטיון, וואס ווארפט מיט שטיינער אפילו אי׳ם שבת, און א מענטש — א איד, הייסט עס — קאן אהין נישט אריינדרינגען משום סכנת נפשות. אט, אשטיי-גער, די גוים — וואס איז געווען די כונה דערפון? ע׳ם קומט אויס, אז זיי זענען באשאפן געווארן בפירוש פאר א בייטש אויף מענטשן — אויף אידן, הייסט עס — ווי מגפות, חולאתן, וכדומה. פון דער אנדערער זייט, אין די יארידן און מערק-

טעג גיסן זיי זיך אַריין אַהער און פֿאַרפּלייצן די שטאָט ווי שטאַרקע וואַסערן — און באַזאָרגן אידן מיט מזונות. אין יענע טעג איז פֿאַראַן פּרנסה, און אין דיזעלבע טעג היינגט די סכנה אין דער לופֿט און לאָקערט ווי אַ חיה וואָס איז גרייט צו פֿאַרצוקן. דער רבונו של עולם באַנוצט זיך, הייסט עס, מיט זיינע ברואים אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים. המ... משונה'דיק. און זיי אַליין — די גוים, מיין איך — כ'ווייס? אָט פּראַוועו זיי דאָך עפּעס חתונות און לויות, און זיי דינען צו זייערע אָפּגעטער אין דער טיפֿלע, און טוען עפּעס דאָרטן אין זייערע פֿעלדער און גערטנער, און האָבן בכלל אַלערליי עובדות וואָס צו אידן האָבן זיי קיין שייכות נישט... — דער גאַנצער ענין איז נישט־קלאָר. אַ האַרבער ענין. — — —

— — — די שיפֿן אויפֿן טייך האָבן גענומען גיין זעלטענער און שיטערער, און אַרום חנוכה האָט מען אינגאַנצן אויפֿגעהערט הערן אין די נעכט זייער פּייף און דאָס פּאַטשן פֿון די רעדער. אין גאָר שטילע, פֿאַרשטאַרבענע נעכט קומט יאָ אַמאָל אָן עפּעס אַ פּייף — דין, שניידיק און אַליין: דאָס איז דער פּייף פֿון אַ לאָקאָמאָטיוו אויף אַ באַנליניע אַכצען ווערסט פֿון שטאָט, אויף יענערזייט טייך. איבעראַיאָר זומער — רעדט מען אין שטאָט שוין אַ יאָר צוואַנציק — וועט מען די ליניע צופֿירן ביז זאַהאָריע. דערווייל איז דער פּייף אַ ווייטער און אַן אומגלויבלאַכער. איך ליג אויף מיין באַנק, צוגעדעקט מיט אַ פּאָר שמאַטעס, און מיט אויפֿגעשפּיצטע אויערן וואַרט איך אומזיסט אויף נאָך עפּעס. איך אַ הויף דערנעבן הערט זיך פֿון צייט צו צייט אַ טויבער טופּ פֿון אַ שווערן פֿוס אויף ווייכער ערד. דאָס טופּעט איצי דעם

בלינדנ׳ס פערד ביי זיך אין שטאל. אמאל גיט עס א וויינענ-דיקן הירזשע, אין שרעק פאר די שטשורעס. און ווידער שטיל. —

אין טבת איז די בלאטע פלוצים פארגליווערט געווארן אין רודעס אונטערן אטעם פון א צוויי-דריי פרעסט. דערנאך איז געקומען צו לויפן א ווינט פון צפון, האט זיך א דריי געטאן איבער דער שטאט און האט אויסגעבראכן אין א ווילדער זאווירוכע, וואס האט דריי טאג נאכאנאנד געהויפט דעם שניי ביז אונטער די פענצטער פון די הייזער. אינמיטן דער נאכט פון דאנערשטאג אויף פרייטאג האב איך זיך אויפגעכאפט פון שלאף צוליב דער אומגעוויינלאכער שטיל-קייט און ביטערער קעלט. א גרינער שטערן האט געציטערט אין הימל אנטקעגן מיין פענצטער, און דיביינער פון דער אלטער קלויז האבן שטיל געקרעכצט און אונטערגעקנאקט אין די ארעמס פון א טויט-רואיקן און ברענענדיקן פראסט. אז איך בין ארויס אינדערפרי אויפן מארק איז די וועלט געווען א נייע — אזא וועלט איז נאך קיינמאל נישט געווען! א גרויסע, רויטלאך-געלע זון איז געהאנגען נישט זייער הויך איבערן בארג; זיילן רויך מיט געשוואלענע קעפ זענען ווי בוימער ארויסגעוואקסן פון די קוימענס פון די הייזער, און א ווייסער פוכיקער פעלץ — וויים צום בלינד ווערן — איז געליגן אין לויזע, געבלאזענע פאלדן אויף הייזער, פלויטן, קלייטן און אויף דער גאנצער ערד ביזן עק פון דער וועלט. פון אלע זאמטאוועס האבן זיך געריסן צום יאריד הויך-געלאדענע פויערשע שליטנס מיט קלינגענדיקע גלעקלאך, וואגנס מיט פארפרוירענער סמאלע אין די רעדער האבן גע-

קרעכצט און געקוויטשעט איבערן שניי, קי האָבן געמעקעט, נייע ערדענע טעפּ האָבן געקלונגען און געזונגען אונטער די קלעפּ פון פינגערגעלענק, און דער טומל פון מענטשלאַכע קולות איז געשטאַנען אין די אויערן אַזוי געדיכט ווי דער רויש פון וואַסער אין קאָפּ ווען מ'טוקט זיך אונטער אין טייך. די לופט איז געווען שאַרף ווי ספּירט און איבער-געפּילט מיט פייערדיקע נעדעלאַך, וואָס האָבן געציטערט אין די שטראַלן פון דער זון און געשטאָכן די הויט פון פּנים. שפּאַרעס זענען מיר פאַרגאַנגען אין די פינגער, מיינע אויערן זענען אויגנבליקלאַך ווי פאַרטריקנט געוואָרן אין ביבולע-פּאַפּיר, און טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן פון קעלט — און פון פרייד וואָס איך לעב אויף דער וועלט.

יא.

ביי סטיסי דער אַלמנה אין הויז האָט מען מיר אָנגעהויבן דערלאַנגען צום וואַשן די הענט די גרויסע קופּערנע קוואָרט.

נאָך פריער האָט מיר צירל אָנגעזאָגט, איך זאָל קומען פריי-טאָג צו וואַרעמעס. די מוטער פלעגט דעמאָלט זיין אין איר קראָם, און געגרייט צום טיש פאַר מיר האָט געוויינלאַך די טאָכטער: געלייגט אַ פרישן ווייסן טישטוך און דערלאַנגט אַ הייסע חלה מיט אַ געשמאַק-פאַרברוינטן ראָסלפלייש. די גאַנצע צייט וואָס איך האָב געגעסן האָט זי זיך שטיל אַרומ-געדרייט איבערן הויז און סאָליד און רואיק זיך פאַרנומען מיט איר באַלעבאַטישקייט.

פרייטאָגצונאַכטס, ביי מיין קומען פון קלויז, האָבן ביידע

ווייבער געענטפערט אויף מיין „גוט-שבת" פריינטלאך און היימישלאך, און איך האָב באַמערקט, אַז די שיינע אויגן אינם ניט-שיינעם געזיכט פון דער טאָכטער שיינען-אויף שטיל און פרום ווי די שבת-ליכט. צום קידוש איז אַלעמאָל געווען ראָזשינקעס-וויין אין אַן אַלטן, מאַטזילבערנעם בעכער מיט שוואַרצע קריצונגען, און כאָטש די ווייבער אַליין האָבן זיך געוואַשן צום עסן מיט אַ בלעכענעם קווערטל, האָט מען מיר גענומען דערלאַנגען די אַלטע קופּערנע קוואָרט מיט די צוויי אויערן, וואָס איז שטענדיק געשטאַנען אויף דער קאָמאָדע, אַ געשייערטע און געפּאַלירטע, נעבן מעשענעם סאַמאָוואַר, צווישן די צוויי זילבערנע לייכטער. געשטאַנען איז זי דאָרט אומבאַרירט מסתמא זינט דער אלמנה'ס מאַן איז געשטאָרבן.

ביים פּאַרטיילן, איז דער קאָפּ פון די פיש שטענדיק געגאַנגען אויף מיין טעלער. אין שטוב איז געווען וואַרעם, און זאַטע ריחות האָבן אָנגעפּילט די לופט. איך האָב געמיטלאַך געזונגען זמירות, און בעת צירל האָט געוואַשן דאָס געפעם צווישן די פיש און דער יויך, האָט די קלוגע סטיסי מיך פאַרזיכטיק געפּאָרשט:

— איז וועמעס, זאָגסטו, ביזטו דאָס פון טאַראַשטשע?...

— — — איך זאָל ברענגען מיין גרעט צו זיי. זיי האָבן אַ גויע וואָס וואַשט בחצי חנם, איז אויב איך וויל... — צירל האָט כמעט נישט גערעדט צו מיר, און האָט זי זיך מיט עפּעס צו מיר געווענדט, איז עס געווען גערעדט פאַרביי מיר, צו דער וואַנט. איך האָב גענומען ברענגען מיין פּעקעלע גרעט,

און אַז איך האָב עס געקראָגן צוריק, האָב איך געפונען אַז די פעלנדיקע קנעפּלאַך פעלן שוין נישט, די לעכלאַך זענען אַרומגענייט, וואו-ניט-וואו איז אַ לאַטע אַרויפגעלייגט נעט און ציכטיק. פון צייט צו צייט האָב איך געפונען אין פעקל אַ ניי העמד, אַ פּאָר זאָקן, אַ נאָזטיכל.

איך האָב געשפּירט ווי עס שפּינען זיך פעדים אַרום מיר. דאָס הייסט, קיינער האָט זיי ניט געשפּונט, זיי האָבן זיך געשפּונט פון זיך אַליין, נאָר איך בין געוועזן אומרואיק.

שפּעטערצו האָט מיר איינמאָל די אַלמנה געזאָגט מיט אַ שמייכל אין אירע שמאָלע טאָטערשע אויגן:

— ווייבער זענען אויך מיר מענטשן, משטיינסגעזאָגט. אָט, הבדלה, למשל... מיר הערן דאָך קיינמאָל אפילו קיין הבדלה נישט. אויב עס איז פאַר דיר נישט קיין טרחה, וואָלסטו אפשר צוגעקומען שבת'צונאַכטס נאָך מעריב?

איך האָב אָנגעהויבן קומען שבת'צונאַכטס נאָך מעריב. מ'האָט אַרויסגענומען פון דער קאָמאָדע אַן אַלט זילבערן הדס'ל פון פיליגראַן-אַרבעט, מיט אַ ריח אַ שוואַכן און אַ וויטן ווי אַ מעשה פון פּאַרצייטן, און ציר'ל האָט מיר גע־האַלטן דאָס געפלאָכטענע הבדלה-ליכט פון ווייסן און גרי־נעם וואַקס. געהאַלטן האָט זי עס קרום און אָנגעשטריינגט ווי אַ קינד, און דער הייסער וואַקס האָט אַרונטערגעטריפט אויף אירע פינגער. מיר האָט זיך דערפון געשמייכלט, און אַביסל האָט עס מיך גערירט אויך.

אינווייניק האָב איך אָנגעהויבן נאָכגעבן צו ביסלאַך. צוריק-

שמועסנדיק — פאַרוואָס ניט?... אַ באַלעבאַטיש הויז און באַלעבאַטישע מענטשן. פּרנסה איז פאַראַן. די מוטער איז גינציק, און מ׳זעט באַשיינפּערלאַך אַז די טאָכטער האָט מיך ליב. נישמער, זי איז נישט קיין שיינע און — אַזאַ שטילע, אַזאַ שטילע!...

יב.

פאַר פּורים האָט מען דעם וואַרשעווער געכאַפּט מיט אַ שיקסע, און דיזעלבע נאַכט האָט ער זיך אויפגעהאָנגען אין דער עזרת-נשים אויף אַ הייִנגלייכטער. זיין רעכטע האַנט האָט מיט צוויי פינגער געשטעקט ביים האַלדז אינם פאַר־צויגענעם הויזנרימען. די הויזן אַליין האָבן זיך אַראָפּ־געגליטשט פון די מאָגערע לענדן און זענען אַריבערגעהאָנגען איבער די שיך. די העלפט פונם קערפּער מיט וועלכער מענטשן שעמען זיך און האַלטן זי פאַרבאָרגן פון פרעמדע אויגן האָט זיך איצט דייטלאַך געצייכנט אונטער די דינע, קויטיקע גאַטקעס, און דורך אַ ריס האָט דורכגעקוקט דאָס בלויבלאַסע פאַרהילצערטע לייב. ביים אַרונטערנעמען דעם גוף פון זיין תליה, האָט דער קליינער חיימל זיך מורא׳דיק צעיאָמערט און האָט נאָכדעם געכליפּעט און געשלוקערצט שטונדן נאָכאַנאַנד, און ס׳איז געווען אוממעגלאַך אים איינ־צושטילן.

אויסער אונדז, די בחורים פון דער ישיבה, איז קיינער צו דער לויה נישט געגאַנגען. מיט דער מיטה אויף די אַקסלען, האָבן מיר געטראָטן אין דער קאַשע פון האַלבצעגאַנגענעם

אייז, און די יאַטקעיונגען האָבן געלאַכט פון אונדז און אונדז נאָכגעשריגן עפּעס וואָס מיר האָבן נישט געהערט — נישט געוואָלט הערן. מקבר געווען האָט מען דעם מת, ווי אַ מאבד עצמו לדעת, הארט ביים פּלויט אַריבערן גראָבן.

חיימל אריה-לייב׳ס האָט מען אָפּגענומען פון דער ישיבה. דער קרוטאָהאָרער איז פּלוצים פאַרשטומט געוואָרן און אינ-גיכן איז ער אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון דער שטאָט. ניסל דיין האָט זיך איצט געוואָרפן אויף מענטשן ווי אַ משוגענער הונט, און די בחורים האָבן אָנגעהויבן פאַרלאָזן די ישיבה איינער נאָכן צווייטן, מיטן אויסרייד אויף יום-טוב אַהיים, נאָר אין דער אמת׳ן מיט דער כונה נישט צוריקצוקומען, און אויפן זומערדיקן זמן זענען פון אונדז פאַרבליבן סך־הכל אַ פּופּצן-זעכצן אירע. די ישיבה האָט זיך גענומען פאַנאַנדער-פאַלן אברים׳ווייז, ווי געפרעסן פון פראַנצן. און איך בין געווען דערשראָקן — טויף.

יג.

דער פרילינג איז פונדעסטוועגן אָנגעלאָפן מיטן אימפּעט פון אַ יונגן לאָשעק. די שלח-מנות-טרעגער האָבן נאָך געשפּאַנט אין דער בלאָטע און געהיט די ווייסע טישטיכלאַך אויף די טעצלאַך פון אַ שפּריץ, נאָר אידן מיט געפלאָכטענע קוישן אויף די פּלייצעס, וואָס האָבן געשפּרייט אַרום זיך דעם גע-שמאַקן ריח פון פרישגעבאַקענער מצה, האָבן שוין געקאָנט קלייבן טרוקענע בערגלאַך פאַר זייערע טריט. אידן האָבן אַרומגעשמייעט צווישן די קראָמען מיט הייטערערע

פנים׳ער, און איינמאָל האָב איך געזען זוסי מיכליע׳ס שטיין און שמועסן מיט אַ שכן, און אויף זיינע ליפּן האָט געציטערט אַ שמייכל — אַ שמייכל אַ נעבעכדיקער, אַ שטויביקער און אַ דריבנינקער — אָבער אַ שמייכל. בעיני ראיתי.

אין די ווייטע מקומות, ביים אויבערשטן לויף פון דניעפּר, זענען צעגאַנגען גרויסע מאַסן שניי, האָבן צעבראָכן די האַרטע דעק פון טייך אויף זיין גאַנצער לייננ און זיך אַריינ-געריסן אין זאַהאָריער טאָל כמעט ביז צו דער שטאָט. מ׳האָט שוין ווידער געהערט דאָס פּייפן פון שיפן אויפן טייך, די אָרומיקע בערג האָבן גענומען גרינען, אין דער לופט האָבן זיך געטראָגן דינע, זיסע און פייכטע ריחות — און די זון האָט געבאַקן. צוויי וואָכן אין ספירה איז שוין דער טייך אַריין צוריק אין זיינע ברעגן, די בלאָטע האָט אויס-געטריקנט, דער בעז האָט גענומען בליען — און די זון האָט געבאַקן און געבאַקן. ווען דער ווייסער צוויט האָט באַשפּריצט די ווײַנשלבוימער אין די גויאישע גאַסן, זענען מיר שוין געלאָפן יעדן טאָג צום טייך זיך באָדן, און דער שטויב אויף די וועגן איז געשטאַנען אין זיילן. דער פרילינג איז פאַרבייגעלאָפן אין פולן גאַלאָפּ, און דער זומער האָט איבערגענומען די ממשלה מיט אַ שטאַרקער און זיכערער האַנט. —

אין די גרויסע היצן איז צו איסר טאַבאַטשניק אין הויז געקומען אַ גאַסט: אַ טאָכטער פון טשערקאַס, מיט אַ קינד ביי דער ברוסט. אין זאָל האָט אַ פרעמדע שטים געזאָגט: „די שווינעך האָט ניש׳ געהייסן וויקלען“, און ביי מיר איז איבערגעלאָפן אַ ציטער איבערן רוקנביין, ווי אַ טראָפּן רעגן

וואָלט מיר אַריין אין קאָלנער. די שטים איז געווען אַ נידרי־קע, אַ ברוסטיקע, עטוואָס הייזעריקלאַך, און מיט עפּעס אַ זייטיקן אונטערלויף, ווי אַ גלעזערנע שויב וואָלט אין איר געציטערט דין און שוואַך. און געזאָגט האָט די שטים: „די שוויגער האָט ניש׳ געהייסן וויקלען".

איך האָב בײַ זיך אָפּגעמאַכט נישט אַוועקצוגיין ביז איכ׳ל נישט זען דעם גאַסט, און מײַן וואונש איז דערפילט געוואָרן שנעלער ווי איך האָב זיך געריכט. זי איז אַריין אין קיך אין אַ פּאָר מינוט אַרום און גענומען עפּעס זוכן אין דער שאַפע פון געשיר און האָט מיך תחילת נים באַמערקט. איך האָב צײַט געהאַט צו זען אַ הויכן און ליכטיקן קאָפּ האָר און אַ ווייכע פליסיקע פיגור אין אַ לויזן שוואַרצן קלייד מיט אַ זײַדענעם געררויש. פּלוצים האָט זי מיך דערזען, און אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר גרויע פאַרוואונדערטע אויגן. מיר האָט זיך געשטעלט דער ביסן אין האַלדז. זי איז באַלד אַרויס פון קיך, און כאָטש מײַנע אויגן זענען געווען פאַר־גראָבן אין טעלער, האָב איך געזען אַז אין אַ ווינקל פון פרישן מויל הויערט אַ שמייכל. איך האָב זיך אַרויסגע׳גנב׳עט פון הויז.

אויף אַ שטעל צווישן די קליימן האָט געפלאַמט אין דער זון אַ הויפן רויטע קאַרשן, און איך האָב געקויפט פאַר אַ פּאָר קאָפּיקעס. בײַ דער טיר פון דער ישיבה האָב איך באַגעגנט דעם סטאַוויסקער.

— ווילסט מאַכן אַ ברכה? — האָב איך אים אָנגעבאָטן.

ער האָט זיך זייער פאַרוואונדערט.

— וואו האסטו גענומען קארשן?

— די שוויגעך האט ניש' געהייסן וויקלען, — האב איך געזאגט.

— וואס זאגסטו?

—וויקלען האט די שוויגעך ניש' געהייסן. ניש' געהייסן האט די שוויגעך וויקלען. געהייסן וויקלען האט די שוויגעך ניש'.

— משוגע! — האט דער סטאַוויסקער געזאגט. — קום, גייסט זיך באדן?

— ניין' כ'וועל זיך זעצן לערנען.

לערנען האב איך זיך נישט געזעצט. איך האב זיך ארומגע־ווארפן פון דער ישיבה אין קלויז, פון קלויז אין רבינ'ס הויף, און איבערגע'חזר'ט די ווערטער וועגן דעם וואס די שוויגער האט נישט געהייסן אויפן שטייגער פון „לישועתך קויתי". אזעלכע פשוט'ע ווערטער! נישט אומזיסט זאגט די גמרא: „קול באשה ערוה". ערוה? פע! א מיאוס ווארט. אדרבא, אזא קול איז ווי — ווי דאס ברומען פון א טויב. זאל דאס ברומען פון א טויב זיין אומווערדיק אין די אויערן פון גאט? און דאס „בראדיש": שוויגעך. עס קלינגט ווי א לשון פון מעבר־לים. און אזא קאפ האר, הויך און ליכטיק ווי א סקירדע שטרוי. אט, ווייבערשע האר — ווידער א פאר־באטענער ענין, ווידער „ערוה" — א ווארט וואס איז ווי א שפיי אין פנים. און דער זיידענער שארך פונם קלייד ארום

א פארבארגענעם גוף — א גוף וואס כוואליעט זיך ווי דער טייך אין א ווינטל, ווי די זאנגען אין פעלד. א דריבנער ציטער האט גענומען גיין איבער מיין קערפער. מיין גאט! דיין האנט האט מיך געטראפן פלוצלונג און שטארק. —

יד.

אין אוונט האב איך זיך קוים דערוואַרט אויפן שפיי פון „עלינו" און בין אוועקגעלאפן עסן וועטשערע. דאס הויז איז מיר אנטקעגנגעקומען אן א שיין פון אינווייניק; די הויכע פענצטער האבן בלינד געשימערט דרויסן קעגן דעם מערב'דיקן הימל. מיין געמיט איז געפאלן מיטאמאל.

אין הויז איז קיינער נישט געווען אויסער דער קעכין, און זי האט מיך אפגע'פטר'ט אן פוצן און איינס-און-צוויי. נאכדעם האב איך זיך לאנג ארומגעדרייט איבער דער גאס הין און צוריק, נאר דאס הויז האט אלץ געקוקט קאלט און פאר-פרעמדט, דער שימער אין די פענצטער האט זיך אויסגע-לאשן, און איך בין אוועק צו זיך אין דער ישיבה.

די וואך האט זיך געצויגן לאנג. איך האב לגמרי פארלוירן דעם חשק צום לערנען, און אז איך האב געפרואווט עפענען א גמרא האב איך זי תיכף פארמאכט מיט א קלאפ. געהערט א מעשה? אז איינער רייט אויף א בהמה און דער אנדערער פירט, און יעדער פון זיי טענה'ט אז די בהמה איז זיינע, איז... איז וואס גייט עס מיך אן? וואס פאר א שייכות האט עס צו מיר? ווי אזוי רירט עס אן דעם טאראשטשער בחור וואס זיין לעבן ביז אהער איז געגאנגען אזוי און אזוי און

ווייטער וועט עס גיין — יאָ, טאַקע, ווי אַזוי וועט עס גיין ווייטער? וואָס וועט פון מיר זיין, וואָס וועל איך מיט זיך טאָן? סטיסי דער אלמנה׳ס טאָכטער, די סטאַטעטשנע צירל — די קלויז — די שניטקראָם — זוסי מיכליעס?...

דער דינסטאָג האָט מיר אויך נישט געהאָלפן. די ווייטע וועלט, די אַמאַליקע, איז פלוצים געוואָרן שוין ג אָ ר ו ו י י ט, האָט פאַרלוירן די פריער אויך אומזיכערע ממשות׳דיקייט, יעדן שפּור פון חומר; אירע פאַרבן זענען געוואָרן וואַסעריק, די ריחות האָבן זיך אויסגעוועפּט. איך האָב דעם דינסטאָג עפּעס נישט געפאַסט און נישט געגעסן, און דאָסמאָל איז עס ביי מיר געווען דער ערגסטער טאָג פון דער וואָך.

נאָר ערגער פון אַלעם איז געווען דאָס וואָס איך האָב פאַר־געסן איר פּנים — איך מיין, דאָס פּנים פון איסר טאַבאַטש־ניק׳ס טאָכטער. איך האָב זי דאָך גאָר רעכט נישט אַנגעזען אינם קורצן אויגנבליק דאָרט אין קיך, האָב איך געדיינקט בלויז די הויכע שטרויענע האָר, און די שטים מיטן גלעזער־נעם קלונג האָט געזונגען אין מיר, און נאָך עפּעס אַזוינס האָט געצופּט און געצויגן אין מיר ווי אַ פאַרשטאָכענער פינגער — און דאָס איבעריקע איז צעשוואומען געוואָרן, און איך האָב זיך געפילט ווי איינער וואָס האָט געפונען און תיכף פאַרלוירן. אַ פּאָר מאָל דורך דער וואָך, אין די אָוונטן, האָב איך זיך געדרייט אַרום הויז, נאָר אומזיסט. און אַז איך האָב שוין דערצויגן ביז דאָנערשטאָג און בין געקומען אהין צו וואַרעמעס — האָב איך זי נישט געטראָפן אין הויז.

אַלע זענען געווען אינדערהיים, און עס זענען געווען עפּעס געסט, און גערעדט האָט מען, דאַכט זיך, פון איר — און זי איז נישט געווען, איך האָב געגעסן — געגעסן, געבענטשט — געבענטשט, אודאי אַ שעה נאָכאַנאַנד — נישטאָ. אַ פאַרלאָשענער האָב איך זיך אויפגעהויבן פון בייַנקל, און אין טיר האָב איך זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט איר און בין אָפּגעשפּרונגען צוריק.

זי איז אָנגעקומען אויף מיר ווי עפּעס אַ רייכע און זעלטענע פרי — אַ שייַנענדיקע, אַ רויטע און אַ ווייסע, אין אַ כוואַליע פון שפּיצן און גרינער זייד, מיט אַ געפלאָכטענעם צאָפּ ווי אַ קראַנץ אַרום שטערן, מיט גרינלאַכגרויע אויגן ווי צוויי רייפע פולע אַגרעסן, אין אַ דינעם און זיסן ריח פון בשמים. איך בין געבליבן שטיין אַ פאַרבלענדטער, אַ פאַרגליווערטער, און זי האָט זיך גענומען אָן אַ זייט כדי מיך אויסצומיידן, און אין דעמזעלבן אויגנבליק האָב איך זיך געכאַפּט איר אָפּצוטרעטן דעם וועג — און בין אָפּגעטראָטן אין דערזעלבער זייט. זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער אַנדערער זייט, און איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן איר אַנטקעגן. זי האָט אַרויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער, און ווידער האָב איך געהערט דעם גלעזערנעם אונטערקלאַנג אין דעם ברוסטיקן לאַך, און אַ צעטומלטער האָב איך אין פאַרצווייפלונג געטאַנצט פון זייט צו זייט און זי נישט געלאָזן דורכגיין. איר געלעכטער האָט מיר נאָכגעקלונגען אויך דאַן, ווען מיר האָבן זיך ווי־עס־איז פאַנאַנדערגעפּלאָנטערט און איך בין אַרויסגעשפּרונגען פון דער טיר.

יח.

ביינאַכט איז די „דיערזשאַוואַ" פאַרבייגעגאַנגען אויפן טייך און האָט לאַנג און פיינלאַך געדעוועט, ווי אַ חיה אויפן בראַכשטול.

פון פאַרנאַכט אָן זענען שווערע וואָלקנס געהאַנגען איבער דער שטאָט, נאָר קיין רעגן איז ניט געקומען. אַ פּאָר מאָל האָבן די וואָלקנס יאָ אַרויסגעקוועטשט פון זיך עטלאַכע טראָפּנס, וואָס האָבן עלנט און פאַר'יתומ'ט אַ שאָרך געטאָן צווישן די ביימער אין רבינ'ס גאָרטן, נאָר דערביי איז עס געבליבן, און די אָנגעשטריינגטקייט פון וועלן און ניט קאָנען איז געשטאַנען אין דער לופט. איך האָב זיך געוואָרפן אויף מיין געלעגער און געריסן פון זיך דאָס פלייש. —

געלאַכט פון מיר, הייסט עס. געלאַכט אַזוי האַרציק און האַרצלאָז, אַז מיין אייגן האַרץ האָט געוויינט און געלאַכט. און פאַרוואָס זאָל זי נישט לאַכן? איך האָב די טעג געכאַפּט אַ קוק אין אַ שפּיגל ביי סטיסי דער אלמנה אין הויז און האָב דאָרט געזען אַ נאָז ווי אַ זאָטל, אַ טונקל בערדל ווי אַ שמיר מיט בלאָטע אַרום די מאָגערע באַקן, און אַרויסגעקראָכענע, צעדולטע אויגן, אויגן פון אַ מטורף אָדער פון אַ מענטשן אין שיכרות. אַ גוף — האָב איך געוואוסט אָן דעם שפּיגל — פון אַ האָריקער חיה, געמאַכט פון ביינער און לעדער. — אַ פּרא־אדם! —

אפשר האָבן זיי איר נאָך דערציילט די מעשה מיטן שטרודל? — איך האָב זיך האַסטיק געטאָן אַ זעץ־אויף אויף מיין

געלעגער, און צוריק אַ פֿאַל געטאָן אויפֿן צוקאָפּנס. שטות! ווער האָט מיך אין זינען? וועמען איז עס נוגע צו געדיינקען און צו דערציילן וואָס איך האָב געטאָן אָדער ניט געטאָן? אָניט באַמערקן זיי מיך אפֿילו? נישט מער ווי אַ בלודנע קאַץ וואָס כאַפּט ביי זיי אַ ביין ביי דער טיר פֿון קיך. —

אָבער יאָ דערציילט, נישט דערציילט — האָב איך גע׳גנב׳עט דעם שטרודל, צי ניין? — גע׳גנב׳עט, און זיך געוואָרגן מיט אים אין פֿאַרבאָרגעניש, און די סלינע איז מיר גערונען אי־בער דער באָרד. אָט אַזאַ מין בריאה בין איך דאָס. און איך זינדיק מיינע זינד אין אַ פֿינצטערן פּירהויז, אָדער ביים געשטאַנק פֿון אַן אָפּטרעט. יאָ. —

צוריקשמועסנדיק, וואָס איז זי אַזוינס — אַ מלאך פֿון גאָט, וואָס? זי האָט דאָך אַ מאַן, און אַ קינד — און אַ קינד מוז מען... — אַ גראָב וואָרט וואָלט מיר גרינגער געמאַכט, וואָלט זי אפֿשר דערנענטערט צו מיר, נאָר — אָה! — כ׳האָב קיין האַרץ נישט געהאַט דאָס צו געברויכן. —

אַ פּאָר וואָכן האָב איך זי אינגאַנצן נישט געזען — זיך נישט געיאָגט נאָך דעם, און איינמאָל אפֿילו דורכגעלאָזן אַ מאָל־צייט ביי זיי אין הויז. איך בין געווען מיד, זייער מיד.

בוני דעם קצב׳ס מיידל האָט זיך מיר אָפּט געפּלאָנטערט פֿאַר די פֿיס, נאָר איצט פֿלעג איך זי פֿאַרבייגיין ווי איך וואָלט זי נישט געזען. צירל סמיסי׳ס איז נאָך שטילער געוואָרן. האָט זי עפּעס דערשפּירט? —

און איינמאָל אַ דאָנערשטאָג, האָט „זי“ אַליין מיר געגעבן

עסן. די קעכין איז ערגעץ אוועקגעגאַנגען, די מוטער איז, קענטיק, געווען נישטגעזונט, האָט די טאָכטער מיר געגרייט צום טיש און מיר אָנגעוויזן מיט אַ פינגער איך זאָל זיך גיין וואַשן. מיין מידקייט האָט אָנגעהאַלטן, און דוקא דער־פאַר האָב איך נישט געהאַלטן די אויגן אין טעלער, נאָר נאָכגעקוקט איר ,און זיך געוואונדערט דערויף וואָס איצט איז זי עפּעס גאָר אַן אַנדערע. זי האָט געטראָגן עפּעס אַ לויזן בגד, איך וואָלט געזאָגט אַ מין קיטל, מיט קאָלירטע פייגלען און קווייטן אויף אים; דער פאַרפלאָכטענער צאָפּ איז געווען אַריבערגעוואָרפן איבער איין אַקסל און איז געלעגן אויף דער ברוסט; דאָס פּנים מאַט, אַביסל אָפּגעבליאַקירט, ווייך, — איך האָב פלוצים באַמערקט אַן ענלאַכקייט צו איר מוטער, צו דער גוטער, מילדער שיינע־לאה׳ן, וואָס פריער האָב איך דאָס נישט געזען. עס איז בעסער אַזוי, היימלאַכער, נאָר — וואָס איז די נפקא־מינה ?...

זי איז געוואָרן אומרואיק און האָט אויפגעהויבן אויף מיר איר בליק, נאָר איך האָב מיינעם נישט אַראָפּגעלאָזן. דאָס האָט זיך געצויגן אַ ווײַלע, און אין אירע אויגן איז די פאַר־וואונדערטקייט איבערגעגאַנגען אין פאַרלעגנהייט. איך האָב רואיק געזאָגט :

— האָט קיין פאַריבל נישט וואָס איך וועל אייך פרעגן — ווי אַזוי הייסט איר?

פונם קיטל אַרויס האָט זיך באַוויזן אַ רויטע כוואַליע, איז אַריבער איבערן האַלדז און האָט פאַרגאָסן דאָס גאַנצע פּנים. דערנאָך האָט די כוואַליע פּאַמעלאַך אָפּגעפלאָסן צוריק אַהין

פונוואַנען זי איז געקומען.

— וואָס איז דען ?...

— גלאַט אַזוי. איך האָב געוואָלט וויסן.

זי האָט מיך אָנגעקוקט אַ ווײַלע פאַרטראַכטערהייד. דערנאָך האָט זי אַראָפּגעלאָזן די וויעס איבער די אויגן און אַרויס־גערעדט:

— העניע. העניע הײַס איך.

און איז שטיל אַרויסגעגאַנגען פון דער קיך.

אינגיכן בין איך אַרויס פון דאָרטן און האָב זיך פאַרנומען דורך אַ זײַטיק געסל צו דער הינטערשטער זײַט פון הויז. אַריבערגעקלעטערט דעם פּאַרקאַן אין הויף אַרײַן, האָב איך געפונען אַז איך האָב זיך נישט אָפּגענאַרט אין חשבון: איר חדר האָט אַרויסגעקוקט מיט אַ פענצטער צום הויף, און דורכן טיולענעם פאַרהייַנגל איז גרינג געווען צו זען וואָס עס טוט זיך אין צימער, הגם באַלויכטן איז עס געווען קאַרגלאַך פון אַ קליינעם לעמפּל אויפן נאַכטטישל ביים בעט. זי — „העניע", הייסט עס, „העניע"... — האָט זיך געפּאָרעט עפּעס אין דער קליידערשאַפע, און פון בעט האָט צו מיר געגרייכט אַ דין שטימעלע, ווי דער פּישטש פון אַ פייגעלע. אינגיכן איז זי געקומען און זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט, האָט גענומען דאָס קינד אויפן שוים און ריידנדיק צו דעם מיט אויסגעצויגענע ליפּן, ווי מ'רעדט געוויינלאַך צון אַן עופה'לע, האָט זי פאַנאַנדערגענומען דעם קיטל פונם גלאַטן האַלדז און אַרונטער, און אַ פולע, קײַליכדיקע ברוסט האָט

שפּע'דיק פאַרגאַסן דאָס פּנים'ל פונם קינד. אַן געפילן פון תאווה, בלויז מיט עפּעס אַזאַ זויגן אונטערן האַרצן, האָב איך געזועטיקט מיין אויג אין פאַרלויף פון עטלאַכע מינוט, דער-נאָך בין איך אַריבער צוייק איבערן פּאַרקאַן און אַוועקגע-גאַנגען צו זיך. קאָן מענטשלאַך לייב זיין אַזוי פיין — אַזוי ווייס, און ציכטיק, און... פוטערדיק? —

יז.

יענעם דינסטאָג האָב איך געמאַכט אַ פּאַרזוך צוריקצוגעפּי-נען די רו וואָס דער דינסטאָג פלעגט מיר געבן. איך האָב דעם טאָג נישט געגעסן, בין געזעסן אונטן אין קלויז און געלערנט. געלערנט האָב איך „געשמאַק", דאָס הייסט, מיט אַ ניגון. דער ניגון איז געווען מער ווי די ווערטער, און דאָס לערנען — גיכער פאַרן אויפגעברויזטן געמיט איידער פאַרן וואַכנדיקן שכל.

אויף מאָרגן צו וואַרעמעס בין איך אַנגעקומען דערויף ווי בוני דער קצב שלאָגט דאָס ווייב — ס'איז, הייסט עס, גע-ווען אמת וואָס מ'האָט גערעדט אין שטאָט. די בוניכע איז געלאָפן אַרום טיש און געשריגן: „גוועלט! איוואַן פויערילע! דערשלאָגן זאָלסטו ווערן פון גאָט! אַ מיתה משונה זאָל אויף דיר קומען!" — און ער האָט זיך געיאָגט נאָך איר מיט אַ שטעקן. מיט שרעק און מיט עקל בין איך אַנטלאָפן פון הויז. איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט מער נישט צו קומען אַהער. אינאיינוועגס וועל איך פּטור ווערן פונם מיידל, וואָס פלעגט מיר אַלץ אַנטקעגנקומען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן,

און איך פלעג זי אויסמיידן אַ דערצאָרנטער און אַ שולדיקער.

אין אַ פּאָר שעה אַרום איז בוני געקומען צו אונדז אין דער ישיבה. מיר האָט זיך אָפּגעריסן אין האַרצן. ער האָט מיך געפּונען מיט די אויגן און איז צוגעגאַנגען צו מיר. „וואָס ביזטו אַנטלאָפן?“ — האָט ער געזאָגט און האָט מיר אָפּגעשטעקט צוויי פּעטש. דערנאָך האָט ער מיך פאַר אַן אויער אַרויסגעפירט פון קלויז און געהייסן גיין מיט אים עסן. די גאַנצע ישיבה איז אַרויסגעלאָפן אויף מיין בייזוואונדער, און איך האָב זיך געפּרואווט שטעלן אַנטקעגן, אָבער מיין מורא איז געווען צו גרויס, און איך בין געגאַנגען. ער האָט מיך אוועקגעפירט צו זיך, אוועקגעשטעלט פאַר מיר אַ טעלער מיט פלייש און געהייסן עסן. איך האָב זיך געוואָרגן און געגעסן, און ער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען איבער מיין קאָפּ. די בוניכע האָט זיך שווייגנדיק אַרומגעדרייט איבער דער שטוב מיט אַ פאַרבונדענער באַק. דאָס מיידל איז ניט געווען אינדערהיים.

אַז דער טעלער איז געוואָרן ליידיק, האָט בוני מיך נישט געלאָזן בענטשן, ווי ער האָט מיר פריער נישט געגעבן קיין צייט זיך צו וואַשן.

— און איצטער גיי צו אַלדי רוחות, — האָט ער געזאָגט, — און מער זאָל זיך דאָ דיין פוס נישט געפינען.

איך האָב זיך אָפּגעזונדערט פון אַלעמען אין דער ישיבה, און אינדערשטיל האָב איך געקרעכצט און זיך געדרייט ווי פון בויכשמערצן. פון גיין צו טאַבאַטשניקן אין הויז האָב איך

גאַר טראַכטן נישט געקאָנט: מיר האָט זיך געדאַכט — די גאַנצע וועלט ווייסט פון מיין בזיון און געפאַלנקייט. שבת צום טיש האָט סטיסי די אלמנה געוואָרפן בליקן פון מיר אויף איר טאָכטער און פון דער טאָכטער אויף מיר, נאָר זי האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. דעמזועלבן שבת האָב איך ערגעץ געהערט — אַ קליין שטעטל — אַז איסר טאַבאַטש-ניק׳ס טאָכטער פאָרט זונטאָג אינדערפרי קיין טשערקאַס, צוריק צו זיך אַהיים.

דער קלאַפּ איז געווען אַ טעמפּער, ווייל איך בין אַרומגע-גאַנגען ווי אַ פאַרשלאָפענער, נאָר זונטאָג אינמיטן שחרית האָב איך זיך אויפגעכאַפּט: איך האָב אַראָפּגענומען די תפילין און בין אַוועקגעלאָפן צום טייך.

איך האָב שיר נישט פאַרשפּעטיקט. דער פאַראָכאָד איז שוין געווען ביי דער פּריסטאַן, מענטשן זענען אַרומגעלאָפן איבערן בריקל הין און צוריק, און איך האָב זיך מיט שוועריי-קייט דורכגעשטופּט צום פאַרענטש. איך האָב זי אויסגע-זוכט מיט די אויגן צווישן עולם אויפן אויבערשטן דעק. פונוואַנען זי האָט אַראָפּגערעדט צו איר מוטער און שוועס-טערל אויף דער פּריסטאַן. ווידער אַ נייער גלגול: אין אַ גרויען קלייד און אַ מענערשן רעקל ווי די סטודענטן טראָגן; אויפן קאָפּ אַ שוואַרצער שטרויענער הוט מיט ברייטע ראַנדן און מיט אַ שטייענדיקער פעדער; אַ גלייכע, אַ זיכערע, און מיט אַ גאַנץ אַנדערער, פעסטער שטים, — די נגיד׳ישע שנור פון קאָפּ ביז די פיס. ווי ווייט זי איז געווען פון מיר פריער, איז זי איצט ווי אָפּגעטראָטן ווייטער.

האָט עס מיין בליק זי צוגעצויגן? זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו מיין זייט און האָט אַ ווײַלע געקוקט מיר גלייך אין די אויגן. דערנאָך האָט זי האַסטיק אָפּגעווענדט דעם קאָפּ, האָט אַרויסגענומען דאָס קינד פונם וויגעלע וואָס איז געשטאַנען נעבן איר, האָט עס צוריק אַרײַנגעלייגט און גע־נומען שרייען אַרונטער:

— זייט געזונט, זייט געזונט! טעמקע, זיי אַ גוט קינד, פאַרשאַף ניט דער מאַמען קיין יסורים, טעמקע! —

דער פייף פון פּאַראָכאָד האָט איבערגעריסן איר קול. דאָס בריקל איז אַראָפּגעצויגן געוואָרן, די פּאַרע האָט געטאָן אַ קאָך־אַרויס ערגעץ פון דער זייט פון שיף — און תיכף האָט דאָס שוואַרצע וואַסער צווישן דער פּריסטאַן און דעם פּאַראָ־כאָד גענומען ווערן ברייטער. —

מיט אַ האַלב ווערסט ווייטער איז דאָס שיף פאַרשוואונדן אַרום אַ קני פון טייך. נישט ווייט פון דער פּריסטאַן איז געווען דער פּלאַץ וואו מיר פלעגן זיך באָדן, און איך בין אַוועק אַהין, האָב זיך אויסגעטאָן און זיך אַוועקגעזעצט אויפן זאַמד. ערגעץ ווייט אויף יענערזייט טייך איז אַנטשטאַנען אין דער לופט עפּעס אַזוינס ווי אַ גרויס שטיק וואַטע, איז גלייך צעגאַנגען אין דער שיין, און אַן אַנדערס איז אויפגע־שטיגן אַביסל ווייטער, און נאָך איינס, און נאָך איינס: דאָס איז אַ צוג געגאַנגען אויף דער ווייטער באַלינע און געשיקט אין דער הויך פּוכיקע קנוילן דאַמף, נאָר קיין קלאַנג האָט מען נישט געהערט. „ער וועט אַהער קיינמאָל נישט דער־גיין“, האָב איך הויך געזאָגט. די זון האָט געברענט, דער

טייך האָט געפלאַמט און געפינקלט איר אַנטקעגן, און איך, אַ נאַקעטער מענטש, בין געזעסן אויפן הייסן זאַמד, מיטן קאָפּ כמעט צווישן די קני — געזעסן לאַנג, מסתמא גע־טראַכט עפּעס און, דאַכט זיך, אפילו איינגעדרימלט אויף עטלאַכע סעקונדן. דערנאָך האָב איך זיך אָנגעטאָן נישט־געבאָדענערהייד. —

אויפן וועג צוריק בין איך אָפּגעטראָטן ביי סטיסי דער אלמנה אין שטוב.

— צירל, — האָב איך געזאָגט, — איך בין געקומען נאָך מיינע פּאָר שטיקלאַך גרעט. איך פאָר אַוועק.

אירע באַקן און איר שטערן זענען געוואָרן גרויליך.

— יאָ, — האָב איך צוגעלייגט, — מ'רופט מיך אהיים: מיין פאָטער איז קראַנק, מסוכן קראַנק.

די שיינע אויגן אינם ניט־שיינעם פּנים זענען געוואָרן גרויס.

— אייער פאָטער?... איר האָט דאָך געזאָגט, אַז איר האָט ניט קיין פאָטער — אַז איר זענט אַ יתום?...

— אַזוי האָב איך געזאָגט? נו, אַז איך האָב געזאָגט, בין איך מסתמא אַ יתום... — איך פאָר אַוועק, צירל, איך פאָר אַוועק. זייט געזונט.

איך בין שוין געווען אויף דער גאַס ווען זי האָט מיר נאָכ־גערופן, שטייענדיק אין דער טיר מיט אַ פּעקל אין האַנט:

— איר האָט פאַרגעסן אייער גרעט.

— מיין וואָס? — האָב איך געזאָגט.

זי איז געשטאַנען מיט פאַרשנורעוועטע ליפּן, מיטן פּעקל אויסגעשטרעקט צו מיר.

— זייט געזונט, צירל, — האָב איך אַרויסגערעדט, ווייכער ווי פריער, — זייט געזונט.

זי האָט גאָרנישט ניט געזאָגט, נאָר סטאַטעטשנע פאַרנייגט דעם קאָפּ. —

אין אַ שעה אַרום בין איך שוין געווען צוריק אויף דער פּריסטאַן, ביים פענצטערל פון דער קאַסע, און האָב פאַרלאַנגט אַ בילעט. דער קאַסיר, אַ מיטליעריקער פּאָליאַק מיט בייזלאַכע אויגן און בלאָנדע, פּריצישע וואָנצעס, האָט געפרעגט: וואוהין. איך בין געבליבן אין פאַרלעגנהייט, און ער איז געשטאַנען און געוואַרט אויף מיין ענטפער. טשערקאַס איז אַראָפּ טייך, אַה?...

— אַרויף-וואַסער, — האָב איך געזאָגט.

ער האָט מיך אָנגעקוקט אַ ווײַלע מיט אַ זויערער מינע.

— ביז קיעוו?

— יאָ־יאָ, ביז קיעוו...

איך בין אַרוים אויף דער פּאַרנטדיקער פּלאַטפּאַרמע. ס׳איז געווען פרי, און קיין פּאַסאַזשירן זענען נאָך נישט געקומען. די זון איז שוין געשטאַנען הינטער אונדז, און דער שאָטן פון דער פּריסטאַן איז שאַרף און שוואַרץ געליגן אויפן טייך. ווייטער אַהין איז דאָס וואַסער געווען געל ווי בוימל, און איבער דער גאַנצער ברייט פונם טייך האָבן די פּעטע, גע־דיכטע וואַסערן, ווי ריזיקע חיילות אָן אַ צאָל און אָן אַ סוף, געצויגן — געצויגן — געצויגן פון עק פון דער וועלט צו עק פון דער וועלט. —

און איצט לאָמיר טראַכטן. —

„דאָק“.*)

א.

בעני מילגרוים האָט אָנגעהויבן קולטיווירן אַ פליך נאָך אין די סטודענטישע יאָרן. —

ב.

יענע יאָרן:

אין סואָרד-פּאַרק — אַ פּאַרק אָן בוימער מיט אַ פאָנטאַן אָן וואַסער — האָבן זיך געווידמעט לײדיקגײער, און אידישע אינגלאַך האָבן דאָרט פאַרקויפט צייטונגען און נאַזטיכלאַך און געפּוצט שיך. קעגנאיבער, אין דעם בלאָק פון איסטבראָדוועי וואָס לויפט פאַזע פאַרק, האָבן זיך געטוליעט די רעדאַקציעס פון אַלע אידישע גאַזעטן — אין אומגעלומפערטע שמאָלע און הויכע חורבות, מיט גאַרקיכן און קאַווע-הייזער אין די אונטערשטע שטאָקן. אויפן ראָג פון דזשעפערסאָן סטריט האָט פגירה'דיק געשטונקען אין אידישן לעבן אַריין די „עדיוקיישאָנעל עללאַיענס“, וואו די יאַהודים

*) געשפּרעכלאַכע פאַרקירצונג פון דאָקטאָר.

האָבן זיך פאַרנומען מיט ציוויליזירן דאָס אידישע פאָלק. אַרויף־צו אויף איסטבראָדוועי, אין קלוב פון די עסערן, האָט מען געטרונקען טיי און געדיסקוטירט איבער דער רוסישער רעוואָלוציע. גערעדט האָט מען אויף אַ הויכליטעראַרישן רוסיש — מיט הנאה, מיט אַ טשמאַק, ניט ווי מ׳רעדט אַ שפּראַך, נאָר ווי מ׳עסט איינגעמאַכטס. געווען דאָ אויך אַ פּאָר עכטע רוסן, נאָר זייער רוסיש איז ניט כדאי צו דער־מאָנען.

אין יענע יאָרן האָט אַ מיטאָג געקאָסט צוואַנציק סענט, און אַ בחור׳שער צימער האָט זעלטנווען געהאַט אַ פענצטער.

אין יענע יאָרן —

ג.

בעני מילגרוים איז אין דער אַלטער היים, אין אוקראַינע, געווען אַן עקסטערן, און האָט דעריבער געהאַט אַ שטיקל חזקה אויף דער רוסישער רעוואָלוציע. אין קלוב פון די עסערן האָט ער אויסגעדריקט זיין מיינונג:

— מיר דאַרפן זיך אין די וואַלן צו דער דומע ניט באַטיי־ליקן. מיר טאָרן ניט צוגעבן אונדזער פּרעסטיזש צון אַ פּאַרלאַמענט וואָס איז דער־רוח־ווייסט־וואָס, נישט קיין פּאַר־לאַמענט!

ער פלעגט אויך זאָגן:

—אין יוראָפּ איז אַנדערש...

און דערמיט האָט ער אויסגעדריקט זיין אומצופרידנקייט פון אַמעריקע.

ער איז געווען נידריק געוואַקסן, האָט געהאַט ברייטע פּליי-צעס און אַ ברייטן קאָפּ מיט אויסגעבויכטע שטערנווינקלען און אָפּגעשטאַנענע אויערן. אינמיטן קאָפּ האָט דורכגע-שיינט אַ פּליכל — אַ קליין פּליכל, נישטאָ זיך מיט וואָס צו באַרימען. די דינע אויבערשטע ליפּ האָט געהאַט עטלאַכע ברייטע שטופּלען, און אַרום זיי זענען שיטער געוואַקסן עטלאַכע טונקעלע האָר וואָס האָבן די שטופּלען ניט באַ-וויזן צו פאַרדעקן. די אונטערשטע ליפּ איז געווען דיק און אַרויסגערוקט, נעגעריש. הענט האָט ער געהאַט קורצע, קאַלטע און פּייכטע, באַדעקט מיט קלייען; פינגער פלאַכע און לעפּישע.

אין קלוב האָט ער איינמאָל אָנגעטראָפן איזי פישלערן, מיט וועמען ער האָט אַמאָל צוזאַמען געאַרבעט ביי ציגאַרן. מ'האָט געטרונקען טיי און געשפּילט אַ שאַך. איזי האָט געמאַכט זיינע גיינג איינס-און-צוויי, און אינצווישן האָט ער זיך געדרייט אויפן שטול, געכאַפּט פליגן און גערעדט:

— הייסט עס, גייסטו אין קאַלעדזש, אַה?

— מ-מ-מ... — האָט בעני מילגרוים געענטפערט און גע-קנייטשט דעם שטערן איבערן שאַך.

— אָבער דערצו דאַרף מען דאָך האָבן ממתקים!

— אָפּגעשפּאָרט אַביסל פון דער אַרבעט...

איזי פּישלער האָט זיך צעלאַכט:

— מאַך מיך קלאָר, וויאַזוי איז עס: איך בין געווען אַ גוטער און אַ שנעלער אַרבעטער, און דו ביזט געווען אַ קריכער; האָסט ד ו נאָך געשפּאָרט געלט, גייסט אין קאַלעדזש, און איך...

און ער האָט מיט אַ שמייכל באַקוקט זיינע אויסגעריבענע אַרבל.

בעני מילגרוים האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פונם שאַכברעט.

— וואָס קומט אַרויס פון דיין שנעלקייט? פלעגסט פאַר-פאַלן ווערן אויף גאַנצע טעג — קומען שפּעט — אַוועקגיין פרי. און שרייבסט נאָך לידער — אויף זשאַרגאָן. וואָס-זשע? ווילסט אפשר קומען צון עפּעס אַ תכלית דורך שרייבן לידער אויף זשאַרגאָן?

איזי פּישלער האָט זיך ווידער צעלאַכט.

— נו גוט — ביסט ד ו גערעכט. אָבער ס'איז דאָך שוין אַ יאָר דריי — האָסטו אַזויפיל אָפּגעשפּאָרט?

בעני מילגרוים האָט שוין ווידער געקוקט אויפן שאַכברעט און האָט אָן חשק אַרויסגעבורטשעט:

— פאַראַן אַזאַ מיידל וואָס אַרבעט אין אַ שאַפּ... נו, איז אַרבעט זי, און אַזוי ווייטער.

— אָה! הערסט אַ מעשה! און אַזוי ווייטער, כאַ־כאַ!

המ... אויב אַזוי, מעגסטו דאָך מיר לייען אַ פֿינפֿערל.

אַט האָסטו דיר. איזו'ס אַלטע תּאווה צו פֿינפֿערלאַך! בעני האָט געסאָפּעט און אַרומגערוקט די עלנבויגנס איבערן שאַכ-טיש.

— מ'רעדט צו אים דאָס, זאָגט ער... גיי אַ גאַנג, גיי. —

ד.

דאָס ערשטע יאָר פֿון קאַלעדזש האָט בעני מילגרוים גע-וואוינט אין קלינטאָן-סטריט, ביי אַן אַרבעטערפֿאַמיליע אין פֿראָנטצימער. פֿון פֿראָנטצימער צו דער קיך האָט מען גע-מוזט דורכגיין אַ קליין חדר'ל אָן פֿענצטער, וואו ס'איז גע-שלאָפֿן די באַרדערקע סיידי. בעני האָט זי זעלטן געזען און קיינמאָל מיט איר ניט גערעדט. ער האָט קוים באַמערקט דאָס איבערגעוואַקסענע, פֿאַרהאָרעוועטע שניידערמיידל מיט די פֿאַרמוטשעטע אויגן און לאַנגן, נאָר שיטערן צאָפּ. נאָר אין יולי זענען די היצן געוועזן אַזוי גרוים און די נעכט אַזעל-כע שטיקנדיקע אַז כאָטש ריים פֿון זיך די הויט! ווער קאָן שלאָפֿן אין אַזאַ שטיקעניש? אָט הערט מען ווי סיידי דרייט זיך אויך נאָכאַנאַנד פֿון זייט אויף זייט. ער איז דורכגעגאַנ-גען צו דער קיך נאָך אַ טרונק וואַסער און גייענדיק צוריק האָט ער געוואָלט וויסן, צי ס'איז איר אויך אַזוי הייס, סיי-די'ן? אפֿשר וויל זי אויך אַ גלאָז וואַסער? ס'מאַכט ניט, ער'ט עס טאָן מיט פֿאַרגעניגן. און דערלאַנגענדיק איר דאָס וואַסער האָט ער זיך צוגעזעצט אויף איר בעט און געלעקט

מיט דער צונג די פּאַרטריקנטע ליפּן. איהע אָרעמס און די אַקסלען האָבן געווייסלט אינדערפינצטער און דער טונקע־לער צאָפּ האָט זיך געשליינגלט אויף איר ברוסט. וואו האָט זי גענומען אַזעלכע לאַנגע האָר? האָט זי אַלעמאָל געהאַט אַזעלכע לאַנגע האָר? אַזוי — נאָך פונדערהיים, בעת זי איז געווען אַ מיידל פון זעכצן יאָר? אָטדער צאָפּ אירער גרייכט דאָך עפּעס ווערוויסט ביז וואַנען! אודאי ביזאַהער, כי־כי!

אין אַזאַ נאַכט, אין קלינטאָן־סטריט, מוז אַ מענטש עפּעס טאָן כדי צו קאָנען פאַרטראָגן דאָס לעבן, אָבער אויף מאָרגן איז בעני געקומען אַהיים שפּעט און האָט זיך דורכגעשלייכט צו זיך אין צימער אויף די שפּיצפינגער. זי האָט געהערט — זי האָט זיכער געהערט! אָט דרייט זי זיך און סקריפּעט מיטן בעט. און אַן אָנגעכמורעטער האָט ער זיך איבער־געדעקט מיטן ליילאַך איבערן קאָפּ. און אַזוי נאָך צוויי נעכט. אויף דער פערטער איז ער ווידער געקומען צון איר. —

שפּעט ביינאַכט האָבן זיי גערעדט אַביסל — גערעדט שטיל און אָפּגעהאַקט, מ׳זאָל ניט דערהערן — און זי האָט דער־ציילט, אַז זי אַרבעט פון קינדווייז־אויף. צו צוועלף יאָר איז זי אַוועק פון אַ קליינעם ליטווישן שטעטל קיין ווילנע, און דאָרט האָט זי געשטריקט זאָקן אויף אַ מאַשין. דאָ, אין אַמעריקע, איז זי שוין אַכט יאָר; זי אַרבעט ביי פרויען־קליידער, אַרבעט די גאַנצע צייט, האָט אַביסל געלט. נישט־מער — זי קאָן זיך ניט אַמעריקאַניזירן. דאָס וואָרט „אַמע־ריקאַניזירן זיך" האָט געהאַט ביי איר עפּעס אַ צווייענדיקן

טייטש, און ס'איז ניט געווען קלאָר, צי זי באַדויערט, צי זי גרויסט זיך דערמיט וואָס זי קאָן זיך ניט אַמעריקאַניזירן. אַמעריקאַנער מיידלאַך דרייען זיך אויפן קאָרעק, און די „באָיעס“ האָבן עס ליב. איר'ם אַ לאַנדסמיידל — אינדערהיים געווען אַ שלומפּער — האַלט זיך דאָ ווי אַ בת-מלכה: קליידט זיך שיין, רעדט ענגליש ווי אַ וואַסער, און אַז זי עסט — עסט זי ניט, נאָר זי פּאַרזוכט. נו, און אָט זי, סיידי, קאָן זיך ניט אַמעריקאַניזירן... —

און ער, הייסט עס, שטודירט אויף דאָקטאָר? אַ גוטע פּרנסה, אַ דאָקטאָר. אַז מ'איז אַ דאָקטאָר איז טאַקע — איז טאַקע גאָר עפּעס אַנדערש. אָבער ביז מ'ווערט אַ דאָקטאָר... וויפיל, אַשטייגער, האָט ער נאָך צו שטודירן?... יאָ, ב י ז מ'ווערט אַ דאָקטאָר קאָן די נשמה אַרויסקריכן. און אַז מ'ענדיקט שוין, דאַרף מען זיך ערשט פאַרשאַפן אַ „פּראַקטיקע“. עפּעס אַ קליניקייט — זיך פאַרשאַפן אַ „פּראַקטיקע“! אודאי — אַ שיינע פּרנסה, אַ דאָקטאָר...

ה.

זונטאָג פאַרמיטאָג האָט זיך צו בעני'ן אין „פראָנטרום“ *) אַריינגעשטעלט אַ בחור מיט ברייטע, אַביסל געהויקערטע פּלייצעס, מיט פּעטע, רויזנרויטע באַקן, מיט קיילעכדיקע, אײלישע אויגן אונטער ווייסע ברעמען.

— האַלאָ, דאָק! — האָט דער בחור געזאָגט און אויסגע-

*) פראָנטצימער.

שטרעקט אַ האַריקע האַנט. — פּליזד טו מיטשו.*) איך בין דזשאָו — דזשאָו בין איך. סיידי׳ס ברודער, יו נאָו...**)

בעני מילגרוים האָט זיך פאַרלוירן. סיידי׳ס אַ ברודער! זי האָט גאָר ניט דערמאָנט אַז זי האָט אַ ברודער. און — כ׳מיין! — אַז סיידי׳ס אַ ברודער איז וואָס?...

— יעס, סער! — האָט דער בחור פּאַרפעסטיקט. — אַ לייב-לאַכער ברודער. ניט ווי אַנדערע מענטשן, ווי דאָרטן אַ שטיפבּרודער, אָדער גלאַט אַ צוטשעפּעניש. ביי מיר גייט עס נישט. איך אַז איך בין אַ ברודער בין איך אַ ברודער, און אַז איך בין אַ גוטערברודער בין איך אַ גוטערברודער, כאַ-כאַ! און אַז איך בין אַ שלעכטער ברודער איז טאַקע שלעכט, ווייל איך בין אַ ביטערער יונג, יו נאָו!

און דערביי האָט ער מערדעריש געגלאָצט מיט די קיילעכ-דיקע, גרויע, נאַכטפייגלשע אויגן.

—המ... — האָט בעני געזאָגט. — זיצט, מיסטער... ע... ע... מיס סיידי האָט מיר גאָרניט ניט געזאָגט.

ער האָט אפילו ניט געוואוסט איר פאַמיליענאָמען.

—דהענק יו! ***) מ׳זיצט געגוג אַ גאַנצע וואָך אין שאָפּ,— האָט דזשאָו דערקלערט און זיך אַוועקגעזעצט. — ניט גע-

*) עס פרייט מיך אייך צו קענען.
) פאַרשטייט איר מיך. *) אַ דאַנק.

זאָגט, אָה? קום נאָר אַהער, סיידי! פאַרוואָס האָסטו ניט געזאָגט דעם דאָק אַז דו האָסט אַ ברודער, אָה? שעמסט זיך מיט דיין ברודער, אָה?

סיידי האָט זיך באַוויזן אין טיר מיט אַ פאַרלעגענעם שמייכל.

— סע נישט געקומען צו רייד...

— וואָס אמת איז אמת, — האָט דזשאָו אויפגעשמייכלט, — קיין דאָקטאָר בין איך ניט. איך בין אַ פשוט'ער אַרבעטער. איך שטעפּ העמדער, שטעפּ איך. ווען איך וואָלט זיין אַ לאָיער,*) צי דאָרטן אַן איידזשענט...**) אָבער ס'מאַכט ניט אויס. פאַרטשעפּענען זיך מיט מיר איז ניט כדאי, ווייל אַז מ'פאַרטשעפּעט זיך מיט מיר, בין איך אַ ביטערער יונג!

בעני מילגרוים האָט געלאָזט אַראָפּהענגען די אונטערשטע ליפּ: אַ מיאוסער עסק. אַטדער ברודער אירער — אַ גראָבער יונג! ער ווייסט דען פון איידלקייט?... נ-נאָ! פאַרקראָכן אין אַ בלאָטע.

דזשאָו האָט דערווייל אַרומגעטאַפּט די חפצים אין צימער, די פּאָר מעדיציניש ביכער אויפן טיש און ווייטער גערעדט:

— איך בין געקומען אייך אויסנעמען אביסל — אייך ביידן. ס'אַ הייסער טאָג. ווען מיר פאָרן קיין קוני איילענד זיך באָדן און אַ לעב טאָן. האַרי-אַפּ,***) סיידי, טו זיך אָן.

---

*) אַדוואָקאַט. **) אַגענט. ***) שנעלער!

— איך... איך בין פאַרנומען, — האָט בעני געשטאַמלט. — איך דאַרף לערנען...

דזשאָו האָט אויפגעהויבן אַ פינגער, געגלאָצט מיט די קיילעכדיקע אויגן און גע'מוסר'ט:

— זונטאָג לערנען? ווער לערנט עס זונטאָג? ווייניק אייך די גאַנצע וואָך? זונטאָג דאַרף אַ מענטש אויסגיין אַביסל. ס'איז אַמעריקע, יו נאָו! נו, דאַק, מאַכט ניט קיין מאַנקיביזנעס.*) נעמט אַ שייוו,**) און לאָמיר גיין. איך טרית.***)

מ'האָט זיך אַריינגעשטופּט אין דער איבערגעפּאַקטער הויכבאַן און מ'איז געפאָרן קיין קוני-איילענד. וואו צו זיצן איז ניט געווען, איז מען די גאַנצע צייט געהאַנגען אויף די רימענס און זיך געשאָקלט הין און צוריק מיטן לויף פונם צוג. דזשאָו, וועלכער איז אין געדרייניש אָפּגעשטופּט געוואָרן טיפער אין וואַגאָן, האָט אַלעמאָל פונוויטנס צוגעוואונקען צו בעני'ן פריילאַך און כיטרע. בעני מילגרוים האָט געשוויצט. סיידי האָט פון אים ניט אַראָפּגענומען אירע פאַרמוטשעטע אויגן.

ז.

מ'איז אַראָפּגעגאַנגען ביי סטילוועל-עוועניו און מ'איז תיכף אַריינגעפאַלן אין אַ זודיקן קעסל.

---

*) שטיק. **) גאָלט זיך אָפּ. ***) טריטן — טראַקטירן.

מענטשן — ווי פליגן. קולי־קולות וועגן צוקערקעס — די בעסטע אין דער וועלט, וועגן וואורשטלאַך — די בעסטע אין דער וועלט, וועגן געזאַלצענע פיסטאַשקעס — די בעסטע אין דער וועלט. מ׳האָט אייך צוגעזאָגט, און געוויזן, אַ לעבע־דיק פערד אָן אַ קאָפּ און אַ קאָפּ אָן אַ פערד — אַ בריאה וואָס איז האַלב־פרוי, האַלב־פיש — אַ ווילדן אַפריקאַנער מיט איין אויג אין שטערן. מ׳האָט זיך געלערנט שיסן אין הילצערנע קאַטשקעס, געזוכט צו טרעפן מיט אַ באַל אין אַ געקרויזטן נעגערשן קאָפּ, און געקויפט צעטעלאַך „מיטן מזל" ביי אַ פּאַפּוגאַי. ערגעצוואו האָט אַ פרויענשטים אויס־געוויינט אין נאָז דאָס לידל: „טעיק מי בעק טו נויאָרק טאַון". אויפן ראָג פון סוירף עוועניו, ביי דער טיר פון אַן „אַנאַטאָמישן מוזעי", איז געשטאַנען אַ מענטש מיט אַ פייערדיק־רויטער באָרד, מיט אַ פויק־און־טאַצן אויף די פּליי־צעס און אַ שפּילקאַסטן אויף דער ברוסט: זיין לינקער עלנ־בויגן, מיט אַ צוגעבונדענעם הילצערנעם האַמער, האָט גע־קלאַפּט אין פויק, דער לינקער פוס האָט מיט דער הילף פון אַ שטריקל קאָנטראָלירט די טאַצן, די רעכטע האַנט האָט געדרייט דאָס הענטל פון שפּילקאַסטן, און אַלץ צוזאַמען האָט אויסגעדונערט „יענקי דודל". בחורים האָבן געהאַלטן אַ האַנט אַרום די טאַליעס פון זייערע מיידלאַך, אַריינגע־כאַפּט פון מאָל צו מאָל אַ קוש הינטערן אויער און געהעוועט איינער צום אַנדערן אויף קינסטלאַך־ברוסטיקע באַסטענער. צווישן די הייזער פון לינקס האָט געבלויט און געבליסטשעט דער ים, און די זון פון הימל האָט געברענט און געברענט.

— האַ, שוואָגערקע, ווי געפעלט אייך אַמעריקע? ! — האָט

דזשאָו מיט נצחון געשריגן בעני'ן אין אויער אַריין.

„שוואַגערעק"! — בעני'ס פּנים האָט זיך אויסגעצויגן און זיינע אויגן זענען געוואָרן גרויס. שלעכט... שלע-עכט!.. נאָר דזשאָו האָט אים ניט געלאָזן טראַכטן: ער האָט געקויפט דריי שקאַרמיצלאַך מיט צוקער-געברוינטער קוקורוזע — "פּאָפּקאָרן" — און אונטערגעטראָגן בעני'ן און דער שוועס-טער:

— אין יוראָפּ זעט מען דאָס ניט...

זיי האָבן געכראָמטשעט פּאָפּקאָרן, געקייט הייסע וואורשטלאַך מיט זענעפט, געזויגן גומענע קאָנפעקטן, זיך געבאָדן אין ים און זיך אַרומגעשטויסן צווישן עולם ביז פאַרנאַכט, ווען לונא-פּאַרק האָט זיך אָנגעצונדן ביז צום העכסטן שפּיץ פון זיינע טורמס און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שטאָט פון "טויזנט-און-איין-נאַכט" — ווייניקסטנס, אין דזשאָו'ס אויגן. ערשט איצט האָט זיך דזשאָו צעהוליעט. מ'איז געפלויגן אַרויף און אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף אין די עלעקטרישע וועגעלאַך, וואו מיידלאַך האָבן געקוויטשעט ביי יעדן פאַל-אַראָפּ; מ'איז געווען אין „גיהנם", מ'האָט זיך פאַרלוירן אין „לאַבירינט", זיך געוויגט אויף די כוואַליעס פון אַ בלעכענעם טייך, זיך געשיפט אויף אַן אמת'דיקן וואַסער וואָס האָט אויסגעזען ווי פייער. צום סוף האָט מען פאַרביסן מיט אַ „רייזע אין דער מדבר": אַ פּאָר קעמלען — דערשלאָגענע צווייהויקערדיקע זקנים וואָס האָבן געטראָגן די נעמען „מאָזעס" און „אַראָן" — האָבן פאַר צען סענט פּער קאָפּ געטראָגן טוריסטן אין אַ קרייז פון דרייהונדערט פוס אומפאַנג און זיי געבראַכט צוריק

צום פּלאַץ וואו זיי האָבן זיי אויפגענומען. מאָזעס און אַאַראָן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קני, און דזשאָ האָט גע־צוואונגען סיידי'ן און בעני'ן צו זעצן זיך רייטנדיק: אויף אים די אחריות — ער צאָלט! האָט אַאַראָן פויל און שלעפע־ריק אַרומגעטראָגן סיידי'ן אַרום פאַרויסבאַשטימטן קרייז און זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קני דאָרט וואו מ'דאַרף. נאָר אין מאָזעס'ן איז פּלוצים אַריין אַ רוח־שטות: ער איז גע־וואָרן פריילאַך, און ווען ער איז געקומען צו דער סטאַנציע האָט ער זיך ווידער אַוועקגעלאָזן אויף אַ „רייזע אין דער מדבר". זיין פירער איז נאָכגעלאָפן און מיט רוגזא געשריגן: „העי, מאָזעס! וואָס איז דער מער מיט דיר!..." נאָר מאָזעס האָט ניט געענטפערט, און איז נאָכאַמאָל פאַרבייגעגאַנגען דעם אָפּשטעל־פונקט און זיך לייכטזיניק אַוועקגעלאָזן אין וויטן וועג אַריין. דער פירער איז אים פאַרלאָפן פאָרויס מיט אַ בייטש, און דאָס האָט דעם שטילן מאָזעס'ן אַריינגעבראַכט אין גרימצאָרן: זיינע גראָבע, העסלאַכע ליפּן האָבן זיך צע־עפנט און געוויזן די גרויסע געלע ציין, און מיט טעמפּער בייזקייט און עקשנות האָט ער געשפּאַנט אַרום און אַרום קרייז און בשום אופן זיך ניט געוואָלט אָפּשטעלן. בעני מיל־גרוים איז געזעסן הויך אויף מאָזעס'עס רוקן, זיינע הענט האָבן זיך געקלאַמערט אָן דעם פאָדערשטן הויקער, און די פּיס האָבן זיך אומגעלומפּערט געבאָמבלט אויף די ברוינע האָריקע זייטן פון דער חיה. מיט גרויסע שוועריקייטן איז עס דעם פירער געלונגען אַראָפּצונעמען דעם רייטער פון מאָזעס'עס רוקן אינמיטן גאַנג. בעני איז געווען בלאַס און פאַרשוויצט, און האָט בייז פאַרלאַנגט מ'זאָל זיך תיכף אומ־קערן צוריק אין שטאָט. דער דורכפאַל פון דער „רייזע" האָט

דזשאָו'ן אַביסל צעטומלט; דערצו האָט זיך נאָך אַרויס-געצייגט, אַז ער האָט ניט מיט וואָס צו באַצאָלן פֿאַר איר: וויפֿיל ער האָט ניט געזוכט ביי זיך אין די קעשענעס, האָט ער דאָרט מער ווי איין ניקל ניט געפֿונען. מ'האָט געמוזט אָנקומען צו בעני'ן ער זאָל צאָלן דעם איינגנטימער פֿון די קעמלען, ווי אויך פֿאַר די בילעטן אין שטאָט אַריין. דזשאָו איז געוואָרן ביי זיך אינגאַנצן געפֿאַלן.

אויף דילענסי-סטריט האָט זיך בעני צעשיידט מיט ברודער-און-שוועסטער: ער דאַרף נאָך דאָ ערגעץ אַריינגיין. ער איז אַוועק אויף איסטבראָדוועי און זיך אַראָפּגעלאָזן אין אַ קעלער וואו ס'איז געווען אַ מילכיקער רעסטאָראַן. ביי אַ גאַלי-ציאַנער בחור אָן אַ רעקל און אין אַ ברודיקן לייוונטענעם פֿאַרטוך האָט ער באַשטעלט קאַווע מיט קוכן. ער איז געזעסן אַ פֿאַרטראַכטער, געווישט דעם פֿאַרשוויצטן שטערן, און אַז דער בחור האָט דערלאַנגט די קאַווע מיט צובייסן, האָט בעני געזאָגט:

— טשאָרט זנאַיעט טשטאָ טאַקאָיע!

— וואוע? — האָט דער בחור געפֿרעגט.

— וואָס וואוע? — האָט בעני איבערגעפֿרעגט.

דער בחור האָט אויסגעגלאָצט די אויגן און געעפֿנט דאָס מויל.

ז.

נאָכן באַזוך אין קוני-איילענד האָט בעני מילגרוים זיך גע-האַלטן פֿון סיידי'ן פֿון דער ווייטן; ער האָט אַפֿילו געלאָזן

פאַלן אַ וואָרט, אַז ער דערנקט זיך אַרויסציען קיין האַרלעם, נעענטער צום קאַלעדזש, און סיידי׳ס אומעטיקער בליק איז געוואָרן נאָך אומעטיקער.

צום סוף זומער, אין אַ מיטנאַכט, האָט בעני אָנגעהויבן קרעכצן, און סיידי איז אַראָפּ פון איר בעט אין איין העמד זען וואָס איז אים. עס טוט אים וויי אין דער רעכטער זייט פון בויך, אָט דאָ — ניין, אָט דאָ־אָ... אוי!... דער ווייטיק איז אומדערטרעגלאַך שאַרף. וואָס צו טאָן? ער ווייסט וואָס צו טאָן?.. זאָל זי פּרובירן אים געבן אַ קאַלטן קאָמפּרעס, אפשר וועט עס... אוי!..

דער קאַלטער קאָמפּרעס האָט אַרויסגעטריבן דעם ווייטיק פון דער רעכטער זייט — און האָט אים אַריינגעטריבן אין דער לינקער. דאָ איז ער געוואָרן נאָך שאַרפער, און פון דער קעלט איז בעני׳ן געוואָרן נאָך ערגער. מ׳דאַרף פּרובירן אַ הייסן... אפשר וועט זי זיין אַזוי גוט און אָנוואַרעמען אַ ביסל וואַסער אויפן גאַז? ביז דאָס וואַסער האָט זיך אָנגעוואַרעמט, האָט שוין בעני געפילט אַ שטעכעניש אין רוקן. זיין קרעכצן האָט אויפגעוועקט דאָס גאַנצע הויז — און גאַנצפרי האָט אים אַן אַמבולאַנס צוגענומען אין אַ שפּיטאָל.

דאָ האָט מען אים געמאָסטן די טעמפּעראַטור, געקוועטשט די זייטן, אַנאַליזירט דאָס וואַסער. עס קאָן זיין אַ מכה אין די געדערים — אַנטצינדונג פון אַפּענדיקס — גאַלשטיינער, אָדער גאָר די נירן. אויף זיכער קאָן מען ניט זאָגן. אַן איינשפּריצונג פון מאָרפין און אַטראָפּין האָט אים אַביסל געלינדערט די שמערצן, נאָר בייטאָג איז אים ווידער געוואָרן

שלעכט, זייער שלעכט. דער הויפּטדאָקטאָר האָט פאָרגע-שלאָגן: „לאָמיר אים עפּענען און אַ קוק טאָן". דערויף האָט בעני מילגרוים ניט מסכים געווען, און דער דאָקטאָר האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען: אַ מענטש זאָל ניט וועלן מ׳זאָל אים „עפּענען און אַ קוק טאָן"!.. האָט מען אים ווידער געגעבן אַ מאָרפין-נאָדל און פאַרשריבן אַבסאָלוטע רו. אויף מאָרגן איז אים גרינגער געוואָרן. נאָר ער איז גע-ווען אָפּגעשוואַכט ווי נאָך אַ לאַנגער קראַנקהייט. סיידי איז געקומען אין שפּיטאָל, האָט אים געבראַכט מאַראַנצן, האָט אים פאַרריכט די קישן אונטערן קאָפּ און אים געווישט דעם שטערן, ווייל ער האָט שטאַרק געשוויצט. בעני האָט זי אויפגענומען מיט אַ שלאַפן שמייכל און זיך געטוליעט מיטן קאָפּ צו איר ברוסט.

נאָך דריי טאָג רו האָט מען אים אויסגעשריבן פון שפּיטאָל, מיט אַן אָנזאָג, ער זאָל זיך היטן: וואָס דאָס איז ווייסט מען ניט, נאָר עס זעט אויס ווי אַן אָנהויב פון אַ נירנ-קראַנקהייט. זאָל ער וויסן וואָס ער האָט צו טאָן: גלייכער ניט עסן קיין צופיל פלייש אָדער צופיל זאַלץ, טרינקען פיל וואַסער, און זיך ניט אָנשטריינגען.

אויף זיין קוואַרטיר האָט מען אים אויפגענומען ווי אַ גאַסט, און בעני האָט געענטפערט מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל.

נאָך וועטשערע האָט ער געשפּאַצירט מיט סיידי׳ן אויף דער וויליאַמסבורג-בריק, ער האָט זיך אָבער גיך איינגעמידט, און זיי האָבן זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק. סיידי האָט זיך צו-געררוקט האַרט צו׳ן אים.

— איר דאַרפט זיך אָפּהיטן, בען, — האָט סיידי געזאָגט.

— אמת, כ'בין נאָך שוואַך.

— אַט דאָס עסן אין די רעסטאָראַנען איז פאַר אייך אויך ניט קיין פּלאַן.

— יאָ, אָבער וואָס קאָן איך טאָן?

סיידי האָט געשוויגן אַ ווײַלע. ווייסט ער טאַקע ניט, וואָס ער קאָן טאָן?

— איר צאָלט זעקס דאָלער אַ חודש רענט, יאָ?

— זעקס.

— און איך צאָל פינף. פאַר דעם געלט, אָדער מיט נאָך אַ צוויי דאָלער, קאָנען מיר האָבן אַ צימער מיט אַ קיך — פאַר זיך אַליין.

בעני האָט זיך אומרואיק אַ דריי געטאָן אויף דער באַנק. אין אַ ווײַלע אַרום האָט סיידי שטיל צוגעגעבן:

— און... אייער געלט גייט דאָך שוין באַלד אויס. וואָס ט'איר טאָן? גיין צוריק אין שאַפּ? איר טאָרט זיך ניט אָנשטרענגען...

בעני האָט זיך שוואַך געוועדט:

— איך האָלט נישט הערבײַ. וואָס האָב איך קיין צייט ניט?..

סיידי האָט געשוויגן.

אַ דירה פֿון צוויי חדרים האָט מען גענומען אויף סטענטאָן־סטריט. ס׳איז געווען אויפֿן צווייטן שטאָק, צו אַ קליין הויפֿל־צו, וואו עס האָט זיך געטריקנט אויף אַ שטריק וועש — שטענדיק, אייביק. מ׳האָט איינגעהאַנדלט עטלאַכע גע־נוצטע שטיקלאַך מעבל, און אַפֿילו אַ קליינעם גראַמאַפֿאָן מיט עטלאַכע פּלאַטן. אין די אָוונטן האָט דאָ שאַליאַפּין גע־זונגען „דובינושקאַ“ און חזן סיראָטאַ „הלבן חטאינו“...

ח.

אינמיטן ווינטער, אין אַ שנייאיקן אָוונט, איז דזשאָו אַריינ־געפֿאַלן אין דער וואוינונג אויף סטענטאָן־סטריט, מיט זיין לינקער האַנט פֿאַרבאַנדאַזשירט.

— דער שאַפּ קריכט מיר שוין פֿון האַלדז, — האָט ער דערקלערט.

אַרונטערגערוקט די האַנט אונטער דער נאָדל פֿון זיין מאַשין. שוין דאָס צווייטע מאָל פּאַסירט עס מיט אים. זיין מאַשין שטייט ווייט פֿון אַ פֿענסטער, און ניט געקוקט אויף זיינע נאָכטפֿייגלשע אויגן, זעט דזשאָו שלעכט אין דער טונקל.

— און סתם, וואָס איז דער תכלית צו זיין אַן אַרבעטער? בלייבן אין שאַפּ דאָס גאַנצע לעבן? ניט דערהאַרן זאָל קאָלאָמבוס!

— וואָס זשע ווילסטו טאָן? — האָט סיידי געפֿרעגט.

דזשאָו האָט ניט געענטפערט דירעקט. נאָר אַ שלימזל, אַ יאָלד, בלייבט שטעקן ביי דער מאַשין. אין אַמעריקע איז די ערשטע זאַך — ביזנעס. ניט אַזוי, דאַק? ווען ער, דזשאָו, וואָלט געהאַט אַ פּאָר הונדערט טאָלער — אָהאָ! מיט אַ פּאָר הונדערט טאָלער, און אַז מ'איז אַליין אַ יונג מיט ביינער, ווערט מען אין אַמעריקע ניט פאַרפאַלן. מיט אַ פּאָר הונדערט טאָלער, וואָלט ער — וואָלט ער געעפנט אַ סאָדע־סטענד. ער קען מענטשן וואָס זענען פון דעם גלעזל סאָדע־וואַסער רייך געוואָרן — יאָ־יאָ! אַמעריקע איז ניט יוראָפּ — אָה, דאַק? דערנאָך דערשלאָגט מען זיך צו'ן אַ „גראָסערי“*) צו'ן אַ „סטיישאָנערי“**), אָדער גאָר צו'ן אַ קליידערגעשעפט. ווען ער, דזשאָו, זאָל נאָר האָבן אַ פּאָר הונדערט טאָלער, איז ער — איז ער אַ ביטערער יונג!

סיידי, וועלכע האָט געהאַט אַ פּאָר דאָלער אין באַנק, האָט אויף די אַלע רייד צוגעשוויגן, און צום סוף איז דער ביטערער יונג אַוועק פון איר מיט אַן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

ער האָט זיך געקויפט אַ שטופּוואָגן פאַר עטלאַכע דאָלער און גענומען האַנדלען אויף אָרטשאַרד־סטריט. באַנאַנעס — „יאַפּאָנישע פייגן“ — נאַזטיכלאַך — וואָלענע הענטשקעס — אַלטע שטיקלאַך געצייג. ער האָט אָנגעהויבן גיין אויף עפנטלאַכע אויספאַרקויפן פון אויפגעגעבענע באַלעבאַטישקייטן און ליקווידירטע קראָמען, און אויפקויפן אַלץ וואָס מ'קאָן קריגן ביליק. אויפגעקויפט האָט ער ראָמשלאַך און פעקלאַך,

---

*) שפּייזקראָם. **) שרייבמאַטעריאַל־קראָם.

און ניט ווינסנדיק דעם ווערט פון זיינע סחורות, האָט ער פאַר זיי פאַרלאַנגט אומגעלומפּערט־הויכע אָדער לעכערלאַך־נידריקע פּרייזן. איינמאָל איז צו׳ן אים אַריינגעפאַלן אַ פּעקל פון צוואַנציק ביכער פאַר צוויי דאָלער, און ער האָט אָפּ־געלייזט זיבן דאָלער בלויז פאַר פינף פון זיי. ער האָט אָנ־געהויבן קויפן ביכער און ביכער. צום סוף האָבן זיי אַרוים־געשטופּט אַלע אַנדערע סחורות פון זיין וואָגן. ער האָט קוים געקאָנט לייענען די טיטלען, נאָר אויף די אויספאַרקויפן זענען געפאַלן אַזוינע לעגענדאַרישע פּרייזן, און די הענדלער מיט זעלטענע ביכער האָבן דערציילט אַזויפיל מעשות וועגן מציאות און גליקן! יאָ, ענדלאַך איז ער אויפן ריכטיקן וועג. ביכער! —

די ביכער האָבן שנעל אַריבערגעפלייצט די גרוים פון זיין וואָגן, און ער איז געווען געצוואונגען אָפּצודינגען פון זייערט־וועגן אַ ווינקל אין אַ קעלער ערגעץ אין ברום־סטריט. און דאָ האָבן די ביכער גענומען וואַקסן איבער זיין קאָפּ מיט אַן איבערנאַטירלאַכער שנעלקייט. אמת, יעדער סענט האָט געמוזט אַריינגעלייגט ווערן אין אַלץ נייע און נייע ביכער, און געלעבט האָט ער מיט אַ ציבעלע, אָבער זיין עשירות איז באַשיינפערלאַך געוואַקסן. אַזוי פיל ביכער! ווער ווייסט וויפיל מציאות עס געפינען זיך צווישן זיי. ביכער! —

ט.

אין לעצטן יאָר פון זיין שטודיום, אַרום פּסח־צייט, איז בעני מילגרוים׳ן באַפאַלן אַ גרויסע אומרואיקייט.

אויף עללען־סטריט, אונטער דער בריק פון דער הויכבאַן, אָן ליכט און אָן לופט, וואקסן אידישע מיידלאַך אויף להכעיס דער סאָציאַלער היגיענע: הויכע און שטאַלטנע, מיט אַ טראָט פון אַ שטאַלענער שפּרינגע; מיטלוויקסיקע און קיילעכדיקע, מיט אויגן שווארצע און גלאַנציקע ווי אַנטראַ־ציט אָדער פייכטלאַך־ברוינע ווי ברושטין; שטימען — גלעקלדיקע, צעפּ — שליינגלדיקע, נעזלאַך — טראָציקע און סכנות׳דיקע. גייסט־נאָך איינער אַזוינער איבער דער גאַס, און כאָטש אין אַמעריקע טראָגט מען ניט קיין סקריפּקעס, דאַכט זיך דיר, אַז דער האַרטער שטיין פון גאַס ברומט אונטער אירע פיס ווי האַלב־איינגעטראָטענער שניי, און אַז זי פאַרשווינדט ערגעץ אין אַ טיר, איז — כאָטש נעם און הייבג זיך אויף! איז וואָס טוסטו דאָ, בעני? גיי אַהיים, גיי צו סיידי׳ן, גיי צום ביטערן יונג — וועסט זיין אַ דאָקטאָר, בעני, און אויף דיין טיר וועסטו האָבן אַ מעשענע פּלאַטע מיט די ווערטער: „בענדזשאַמין מילגרוים, מ. ד.“, און דו וועסט זשעברען דאָלערס, און צ ו ו י י ע ר ל א ך, און ד ר י י ע ר ל א ך — או־אוכך!

נאָר אנשטאָט גיין אַהיים, האָט זיך בעני אויף מאָרגן אַרויס־געריסן אויף דילענסי־סטריט. איז וואָס זשע? אויף דילענסי־סטריט פאַרקויפן אידן באַנאַנעס, און האָלדזשיכלאַך, און גראַמאָפאָנען, און וואָס ניט? שווערע פערד מיט ברוינע האָריקע פיס, ווי בערוועגעס אָן דער אויבערשטער קאָרע, שלעפּן וואָגנס מיט משא. אַ נידעריקע, צעפּאָרענע סטריט־קאַר, געשפּאַנט צו צוויי באַלעגאָלישע קליאַטשעס, קריכט איבער דער לייננ פון דער גאַס. איבער דער וויליאַמסבורגער

בריק קומען-אָן צום עק פון דילענסי-סטריט די ברוקלינער קאַרס מיט אַ דונער, מיט אַ קווישש, מיט אַ הייזעריקן, פאַר-זשאַווערטן כריפּ, — די איביקע קאַרס מיט די אויפשריפטן: בראָדוועי — טאָמפּקינס-עוועניו — נאָסטראַנד-עוועניו — בוירגען-סטריט — בראָדוועי — נאָסטראַנד-עוועניו — בוירגען-סטריט — פרייגקלין-עוועניו — און אַזוי אָן אַ סוף און אָן אַן עק. וואו זענען זיי אויסגעוועזן, די דאָזיקע קאַרס? אינערגעץ האָבן זיי דאָך געמוזט פירן — אין פרעמדע לענדער אפשר, צווישן נייע מענטשן, אונטער אַנדערע הימלען? עס קאָן זיין, אַז דאָרט פונוואַנען זיי קומען איז דער הימל אָפּ-געפאַרבט אין גרין אָדער, אַשטייגער, אין בוריק-קאָליר? מיין גאָט! — מוז עס טאַקע דער הימל שטענדיק זיין פון אָט דעם אָפּגעבליאַקירטן, וואַסערדיקן בלוי, ווי סיידי'ס פאַר-טוך? בעני האָט געפרובט נעמען אַ קאַר — בוירגען-סטריט — צוזאַמען מיט אַנדערע אידן, וואָס זענען ניט פשוט איינ-געשטיגן, נאָר געגומען זי מיט שטורם, ווי מ'נעמט אַ פעס-טונג, און האָבן פּ אַ ר ג אָ ס ן אַלע פלעצער און דעם גאַנצן חלל אירן. אָה, דאָס איז געווען אַ וואַזשנע נסיעה — אַ רייזע אַרום דער וועלט! וואָס האָט בעני זיך נ י ט אָנ-געזען אויף דער דאָזיקער רייזע? גאַנצע גאַסן וואו מ'פאַר-קויפט באַנאַנעס, און האַלדזטיכער, און גראַמאָפאָנען, און וואָס ניט? און גאַסן וואו מ'פאַרקויפט גאָרניט און וואו מ'טוט, דאַכט זיך, איבערהויפּט גאָרניט. ווייט אַרום האָט זיך אָפילו געהאָט באַוויזן אַ ווילדע, פאַרוואָרפענע געגנט, וואו גאַסן, דאָס הייסט וועגן, האָבן זיך געשניטן דורך מדבריות אָן הייזער; וואו די ערד איז געווען פרימיטיוו און רייך-באַוואַקסן מיט בלעכענע שאַכטלאַך פון סאַרדינגען

און קאָנסערווירטע גרינסן און וואו עס האָבן נאָך אַרומ-געבלאָנקעט ווילדע חיות — ציגן! נאָך וואָס קומט אַרויס? די קאַר האָט זיך סוף כל סוף פאַרדרייט, פאַרקירעוועט, איז געגאַנגען-געגאַנגען, געלאָפן-געלאָפן און האָט אים געבראַכט — מיט אַ קוויטש, מיט אַ כריפּ, מיט אַ הייזעריקן הוסט — צו דילענסי-סטריט. ער האָט קוים געקאָנט אויסשטייגן, ווייל נייע מחנות אידן האָבן געשטורמט די קאַר ווי מ׳שטורמט אַ פעסטונג. נאָענט צו דער בריק און קווער צו׳ן איר האָט מיט פאַרזיכטיקע טריטעלאַך פאַרבייגעטענצלט די קליינע עווענױ-סי-קאַר, אַ דערשראָקענע און אַ פאַרצאַפּלטע, ווי אַן אַלטע אידענע וואָס האָט מורא מ׳זאָל זי ניט איבערפאָרן. מיט אַ פּאָר בלאָק ווייטער איז דורכגעקראָכן די צווייטע-עווענױ-הויכבאַן מיט אַ טרוקענעם: „האַלאָ, בעני! וואָס הערט זיך עפּעס אין די ווייטע מקומות?..“ — אין די ביכער שטייט געשריבן, אַז די שטערן און די פּלאַנעטן האָבן זיך יעדערער זיין וועג — מאָלט אייך, אַביסל אַ גרעסערן. נו, און אַז אַ גרעסערן איז וואָס? עס קומט אויס, אַז דו נעמסט אַ בילעט און זעצסט זיך אַוועק, לאָמיר זאָגן, אויף מאַרס׳ן, צי אויף יופּיטער׳ן, וועסטו סוף כל סוף — ס ו ף כ ל ס ו ף — קומען צוריק צום אייגענעם פּלאַץ וואו דו האָסט זיך אויפ-געזעצט. — ע, בעני, בעני מילגרוים, דו פילאָזאָפירסט! ביזט קראַנק, בעני. גיי אַהיים, נעם-איין אַ לעפל ביטערזאַלץ און לייג זיך אין בעט אריין. געדיינק, בעני! —

די ביטערזאַלץ האָט ניט געהאָלפן. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט עס בעני׳ן אַ צי געטאָן צו סואַרד-פּאַרק, צו די קאַווע-הייזער אין די קעלערס, צו איזי פישלער׳ן און זיינסגלייכן.

העכער אַרויף אויף איסטבראָדוועי, אַריבער דזשעפערסאָן־סטריט, איז וואו אַ טיר — אַ דאָקטאָר, און דער יאָהומדימ־שער „הכנסת־אורחים“ האָט פּאַרנומען אַ גרוים הויז און די רעדאַקציע פון הומאָריסטישן וועכנטלאַכן „קיבעצער“ האָט זיך באַזעצט, און אַ וועגעטאַרישער רעסטאָראַן האָט זיך געעפנט, מיט אַ בילד פון לעוו טאָלסטאָי אין פענסטער. אָט דאָ־אָ, האָפּט בעני, וועט מיט דער צייט זיין ז י י נ ע אַ טיר, מיט אַ מעשענער פּלאַטע. און אפשר אויך אַן אייגענער נעגער ביי דער טיר. דערווייל אָבער ציט עס אים מער צום סקוועער ווי צו דער גאַס. אויסערלאַך האָט זיך דער סקוועער ווייניק געענדערט: בלויז אַ שפּילפעלד פאַר קינדער איז אָפּגעצאַמט געוואָרן, און אַ פּאַוויליאָן „פאַר מוטערס מיט בייבים“ האָט מען אויפגעשטעלט אויף דער מערב׳דיקער זייט פון קלאָמערשטדיקן פּאַרק; נאָר קיין בוימער אין פּאַרק זענען נאָך אַלץ ניטאָ, און דער פאָנטאַן שטייט אַ פאַרשמאַכ־טער, מיט אַ פאַרטריקנטן גומען. טיפער אָבער האָבן זיך זאַכן דאָ שאַרף געענדערט פאַר די פאָר יאָר. צום אַלעמ־ערשטן — די רוסישע רעוואָלוציע. וואו איז אַהינגעקומען די רוסישע רעוואָלוציע?.. דער קלוב פון די עס־ערן האָט זיך אויפגעלייזט — ניט געוועזן מיט וואָס צו צאָלן קיין דירה־געלט — און צוזאַמען מיט אים איז די רוסישע רעוואָלוציע ווי אַריינגעפאַלן אין אַ לאָך. אגב, איז זי אין רוסלאַנד גופא אויך עפּעס צעדריבלט געוואָרן צווישן די „דומעס“. אפילו די רוסישע שפּראַך הערט מען פיל זעלטענער, און דער זשאַרגאָן איז געוואָרן אַ גאַנצער מיוחס: „אידיש“ רופן זיי אים. בינו לבינו האָט דער נויאָרקער סאָציאַליזם, אונטער דער פירערשאַפט פון אַ פאָר גרויסע קעפּ, אָנגעהויבן ווערן

אַ סאָלידע, איינגעפונדעוועטע ביזנעס, בעת די אַנדערע איזמען האָבן געגומען גיין באַרגאַראָפּ. און בעת פריער איז די העכסטע געביידע אויפן סקווער געווען דאָס ווייגעשעפט פון יצחק גאָלדבערג — אַ איד וואָס האָט מיט זיינע אַנאָנסן געשטיצט אַלע אידישע צייטונגען און זשורנאַלן — האָט איצט דער „פאָרווערטס"-בנין אַרויפגעשאָסן מיט עטלאַכע שטאָק העכער, און שלעפּוואָגנס האָבן נאָכאַנאַנד געפירט שווערע ראָלן פּאַפּיר צו זיין טיר, און אַן עולם איז שטענדיק געשטאַנען אַרום דער ברייטער וויטרינע פון קעלער און צוגעקוקט ווי אַ נייאינקע ראָטאַציע-מאַשין פינקלט און בליאַסקעט אַזוי נגידיש און וואַרפט אַרויס אַזויפיל-און-אַזויפיל „פּייפּערס" אַ שעה. אין די אָוונטן האָט דער דאַך געמאָלדן דער וועלט מיט ריזיקע פייערדיקע אותיות אויף ענגליש און אידיש: **דזשואיש דעילי פאָרווארד — פאָרווערטס.**
אָהאָ! דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש; מ'זאָגט, יאַקבי, אַז שרייבער מאַכן אַפילו אַ לעבן ביים „פאָרווערטס", און אויך ביי די אַנדערע צייטונגען. געהערט אַ מעשה? „אידיש"! הם...

און אַ פּאַרטראַכטער איז בעני געגאַנגען אין די קאַפּייען, און דאָ האָט ער זיך ווידער אָנגעשטויסן אויף „אידיש", נאָר אין אַן אַנדער געשטאַלט. ביי „שלום'ן", אויף דיוויזשאָן-סטריט, פאַרזאַמלען זיך די עלטערע אידישע שרייבער, יענע וואָס האָבן זיך שוין געמאַכט אַ נאָמען און פאַרנומען אַן אָרט. זייער עובדא איז צו באַדויערן דעם איצטיקן צושטאַנד פון דער אידישער ליטעראַטור. וואָס פאַר צייטן זענען עס אָנגעשטאַנען אויף אונדז! קאָן דען עמיצער פון די „יונגע" אָנ-

שרייבן אַ שורה? אַז עס קלעפּט זיך דאָך ביי זיי ניט אַ וואָרט צו אַ וואָרט. הוילע גראַפאָמאַניע. זיצן די עלטסטע פון איסטבראָדוועי און — נמנו וגמרו: מיט אונדז עקט זיך די וועלט. און ביי „גודמאַנ'ען" אין קעלער קומען זיך צונויף די יונגע, די אינגסטע און די זויגקינדער. דאָ לייענט מען זיך פאָר איינער דעם אַנדערן לידער, כדי צו ווייזן וויאַזוי מ'דאַרף שרייבן; די זידלווערטער זענען פּרוג און באָור־שאָווער, און עס פליען שטיינער אין מאָרים ראָזענפעלד'ן, רייזענ'ען, איינהאָרנ'ען, יהואש'ן און פרץ'ן. לעצטנס זענען זיך אָנגעלאָפן אינגלאַך פון גאַליציע און פון רומעניע — אַ דור אַ הונגעריקער, אַ דאָרשטיקער און אַ האָפערדיקער, וואָס ציט טראַדיציע ניט פון פושקינ'ען צו באַלמאָנט'ן און בריוסאָוו'ן, וואָס פון זיי האָט ער כמעט ווי ניט געהערט, נאָר פון היינע'ן און שעלליי'ן צו וואָלט וויטמאַן. און זיי אַלע צוזאַמען האָבן באַשלאָסן — „נמנו וגמרו": מיט אונדז הויבט זיך אָן די וועלט.

איז ווי זשע האַלט עס מיט דער וועלט — הויבט זי זיך אָן אָדער זי ענדיקט זיך? — בעני האָט ניט געקאָנט דערגיין קיין טאָלק אין דער דאָזיקער פראַגע; דערפאַר אָבער איז זיכער, אַז ביי די יונגע איז אַסך פריילאַכער. אמת, דאָ באָרגט מען איינער ביים אַנדערן צען סענט אויף קאַווע מיט „שימעל'ס קנישעס", און אַפילו בעני אַליין איז אַ פּאָר מאָל אַריינגעפאַלן מיט אַ האַלבן דאָלער, נאָר אָט דאָס איז עס טאַקע: קיינער קלערט ניט וועגן תכלית, מ'שלעפּט זיך אַרום איבערן סקווער און איבער איסטבראָדוועי גאַנצע נעכט, און דאָס ליטעראַרישע מיידל האָט זיך באַוויזן אין

לאַנד. דאָס איז בפירוש נ י ש ט די אַמאָליקע גענאָסינע, און אויך ניט די אַנאַרכיסטקע פון די קאָלאָניעס פאַר „פרייער ליבע“ — דאָס איז עפּעס אַ נייע פּרי, אָדער אפשר אַ בלום. קומען קומט זי פון ערגעץ דרויסן: פון דער באַלע־באַטישער היים, פון שאַפּ, פון אָפיס. דער פּאָעט לייענט פאַר איר זיינע לידער, נעמט ביי איר אַ פּאָר דאָלער פון צייט צו צייט — קיין בעל־תכלית איז ז י אויך נישט — און דאַנקט איר אָפּ דערמיט, וואָס ער באַרימט זיך פאַר אַלעמען אַז ער איז מיט איר געשלאָפן — צי דאָס איז אמת צי ניט. איזי פישלער האָט בעני׳ן באַקענט מיט אַ מיידל וואָס האָט זיך גערופן ביטרים — די מיידלאַך זענען דאַ געגאַנגען אויף זייערע ערשטע נעמען. ביטרים האָט געהאַט אַ שטאַלטנע פיגור אין אַ שוואַרץ־זיידענעם קלייד, אַ גלייכע נאָז און אַ לייגלאַך פּנים, מיט אַ שטרייענגלאַכן אויסדרוק. אַ־אָטאַזוינס פאַסט זיך אויסגעצייכנט פאַר אַ דאָקטערשע — אסך בעסער ווי סיידי! בעני האָט געבעטן איזי׳ן אים פאָרשטעלן פאַר איר, און איזי, וועלכער האָט בעני׳ן גערופן חצי־דאָקטאָר, האָט אים טאַקע אַזוי פאָרגעשטעלט: חצי־דאָקטאָר בענ־דזשאַמין מילגרוים. ביטרים האָט געאַרבעט אין אַן אָפיס פון די יאַהודימשע צדקה־אנשטאַלטן. זי האָט גערעדט האַלב ענגליש, האַלב אידיש, איז געווען העפלאַך, אַפילו פריינט־לאַך, נאָר צוריקגעהאַלטן, מעשה־ליידי, און בעני האָט זיך געצאַפּלט. ביים געזעגענען זיך האָט ער זי געבעטן קומען מאָרגן ווידער אין קאַפּי, און זי האָט האַלב צוגעזאָגט. נאָר אַז איזי פישלער האָט אים שפּעטער ביינאַכט, שפּאַצירנדיק אויף איסטבראָדוועי, דערציילט — אַזוי זיך, כלאחר יד — אַז עטלאַכע זיינע באַקאַנטע האָבן זי שוין „געהאַט“, די דאָזיקע

ביטורים, האָט זיך בעני בגנבה אַנגעכאַפּט פֿאַרן הארצן. אויף מאָרגן איז בעני געקומען מיט אַ קניימש צווישן די ברעמען. ער האָט צערייצט געשווינגן דעם גאַנצן אָוונט און שפּעטער, שפּאַצירנדיק מיט איר, האָט ער אין אַ פֿינצטערן ווינקל זיך פּלוצים באַנומען צו'ן איר לעפּיש און גראָב און האָט גע־קראַגן פֿון איר אַ פּאַטש פֿאַר דער טרחה. בעני איז אַוועק אַהיים, צו זיך אויף סטענטאָן־סטריט. ער וועט צוריקקומען אויף איסטבראָדוועי — אַה, יאָ! ער'ט שוין צוריקקומען — מיט אַן אייגענער טיר, מיט אַ מעשענער פּלאַטע, מיט אַ נעגער, מיט אַ... מיט אַ.... — אַ קראַנקער פֿון גראָבער תאווה, אַ דערצאָרנטער און אַ באַליידיקטער, האָט ער גע־שפּאַנט איבער דער גאַס, און דער פֿרילינג איז אַלץ גע־האנגען איבער דער שטאָט און האָט געגאָסן סם אין בעני'ס האַרצן, און דער טעם איז געווען פֿון סם החיים, און דער טעם איז געווען פֿון סם המות.

י.

בעני האָט געוואָלט פּראַקטיצירן אַ יאָר אָדער צוויי אין אַ שטאָטישן שפּיטאָל, איידער ער נעמט זיך שאַפֿן אַן אייגענע פּראַקטיק, נאָר אין בעני'ס וועלענישן האָט געפֿעלט אימפּעט. סיידי האָט אויסגעזוכט, טאַקע דאָ אויף סטענטאָן־סטריט, אַ פּריוואַט הויז וואָס איז געווען פּאַסיק פֿאַר אַ דאָקטאָר'ס אָפּיס: אין אונטערשטן שטאָק צוויי גרעסערע צימערן מיט אַ ברייטער רוקטיר צווישן זיי און אַ קיך אַריבערן קאָרידאָר, אויפֿן אויבערשטן — אַן עסצימער מיט צוויי קלענערע חדרים צום שלאָפֿן. דאָס גרעסערע צימער, צו דער גאַס, האָט אויפֿ־

גענומען די פּאַציענטן: אַ פּאָר סאַפּעס, עטלאַכע שטולן, אַ שאַפע מיט ביכער; אינמיטן — אַ טיש מיט אַלטע נומערן פון דער „סאַטורדעי איווינינג פּאָסט“, „עווערי באַדי׳ס מעגע־זין“ און אַחוץ דעם — מ־נאַ, „אידיש“! — דער „אַמעריקאַנער“, די „צוקונפט“, דער „קונדס“ און אַמאָל אַ פרישער נומער „פאָרווערטס“ אָדער „ווארהייט“. אויף די ווענט — בעני׳ס מעדיציניש׳ער אַטעסטאַט און אַ רעפּראָדוקציע פון רוימישן קאָליסעאום. אין הינטערשטן צימער איז געווען בעני׳ס קאַבינעט. ביים אַריינגאַנג איז געהאַנגען — דערווייל נאָך קיין מעשענע פּלאַטע, נאָר אַ געפּאַרבט הילצערן שילדל. בעני איז געוואָרן אַ גאַנצער דאָקטאָר, און — סיידי איז גע־וואָרן אַ דאָקטערשע.

אַ דאָקטערשע איז סיידי געוואָרן איבערנאַכט און דורך־און־דורך. זי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ „ליידי“, מיט אַ שרינט אינמיטן קאָפּ, מיט די האָר איבער די אויערן אַרום אַ בלאָסן, ליינגלאַכן פּנים, האָט זיך געקליידט אין שוואַרצן זייד און גערעדט שטיל און מיט ווערדע. בעני׳ן האָט זי אַפילו אין פּערזענלאַכער ווענדונג גערופן „דאָקטאָר“. די ערשטע צייט, ווען מ׳האָט זיך אויסגעקוקט די אויגן אויף אַ פּאַציענט, איז זי נאָך געגאַנגען אַרבעטן, נאָר אַביסל שפּעטער האָט זי איינגעזען אַז עס פּאַסט ניט פאַר אַ דאָקטאָר זיין ווייב זאָל אַרבעטן אין אַ שאַפּ, און האָט זיך שטיל ווי אַ שאָטן אַרום־געשלייכט איבער׳ן הויז, מיט די שליסלען ביים גאַרטל פון אַ ווארעמען כאַלאַט. אָט דעם כאַלאַט האָט זי געטראָגן ווינטער און זומער, ווייל ס׳איז איר שטענדיק געווען קאַלט, סיידי׳ן — דאָס בלוט האָט געפלאָסן שוואַך אין די אָדערן

און איר פֿאַרמוטשעטער גוף האָט נאָכגעגעבן ווי אַ נאָכגעלאָזענער שטריק. אָבער סיידי האָט זיך ניט אונטערגעגעבן און האָט מיט שטילער עקשנות געפֿירט די באַלעבאַטישקייט. נישטמער, זי האָט זיך צוגענומען אַ „גרין“ פּויליש שיקסל צו העלפֿן אין דער אַרבעט.

דאָס ערשטע יאָר איז עס געגאַנגען שלעכט. נאָך עטלאַכע וואָכן וואַרטן האָט זיך באַוויזן אַ אידענע מיט אַ געשוואָלענער באַק. סיידי האָט זי אַריינגעפֿירט אין אויפֿנעם-צימער און געלאָפֿן אָנזאָגן בעני'ן. דער דענטיסט האָט די אידענע געשיקט צום דאָקטאָר: מ'דאַרף איר אַרויסנעמען עטלאַכע ציין, אָבער מ'קאָן ניט — עפּעס איז דאָרטן ביי איר אין מויל. בעני האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט דער אידענע'ס מויל, אָבער — „דו ביזט אַ דאָקטאָר, בעני, ד ע מ מ י ט!“ — דער רוח, הייסט עס, זאָל עס נעמען — האָט ער איר אַ שמיר געטאָן אין מויל מיט יאָדינע און גענומען אַ דאָלער. און ווידער זענען אַוועק עטלאַכע וואָכן, ביז עס איז געקומען אַ ווייבל מיט אַ אינגעלע, און מאַן מיט אַ ביי-דער-מאַשין-צעקוועטשטן פֿינגער, און נאָך עפּעס אַ ווייבל וואָס ווייסט ניט וואָס איר איז, נאָר זי איז קראַנק, זייער קראַנק: זי איז שוין אויסגעוועזן ביי כל'ערליי דאָקטוירים, און זיי האָבן איר ניט געהאָלפֿן, איז אפֿשר וועט דער דאָקטאָר מילגרוים... — לאָזט זיך אויס, אַז דעם דאָזיקן ווייבל האָט בעני „צוגעטראָפֿן“, און עס האָבן זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן ווייזן אַנדערע פּאַציענטן, מייסטנס פֿרויען. בעני'ס מינע איז געוואָרן זיכערער, און אַז ער פֿלעגט פֿאַנאַנדעררוקן די טיר פֿון זיין קאַבינעט כדי אויפֿצונעמען אַ חולה האָט

ער געקוקט אַזוי שטרייַנג און שווייַגנדיק, אַז מ׳האָט גלייַך פאַרשטאַנען אַז מ׳האָט דאָ צו טאָן מיט אַ וואַזשנעם דאָק־טאָר. דאָס אויפנעם־צימער האָט זיך אָנגעהויבן אָנצופילן אין די אָפּיס־שטונדן. בעני האָט ביי זיך אין קאַבינעט גע־קנייטשט פעטע ווייבערשע לייבער מיט זייַנע לעפישע, שווייסיקע פינגער, האָט געעפנט וואונדן, געברענט אַנטצינד־טע מאַנדלען — דעמאָלט איז נאָך ניט געווען די מאָדע פון שניידן מאַנדלען — און, דער עיקר, פאַרשריבן פלעשעלאַך, פראָשקעלאַך, פילן און טאַבלעטן, וואָס דאָס אַלץ האָט ער געהייסן קויפן ביי צימערמאַנ׳ען אין אַפּטייק — דווקא ביי צימערמאַנ׳ען: „אַ ראַיעלער פלאַץ, ע... ע... אַנדערשוואו קאָן מען אייך געבן דער־רוח־ווייסט־וואָס, ע... ע...“. איינמאָל אין חודש האָט ער מיט צימערמאַנ׳ען געהאַט אַ חשבון — עפעס אַזאַ מין חשבון האָט ער מיט צימערמאַנ׳ען געהאַט. אַחוץ דעם אַלעם האָט ער עפטער און עפטער געמאַכט וויזיטן צו בעט־חוליים אַהיים.

פון סטענטאָן־סטריט ביז איסטבראָדוועי איז צווישן פינף און צען מינוט גאַנג — בעני האָט זיך געגעבן פינף יאָר צייט צו דערגרייכן פון דער ערשטער צו דער צווייטער. אַ ביליקע געגנט, סטענטאָן־סטריט. אַ לייטישער דאָקטאָר דאַרף זייַן אויף איסטבראָדוועי. פאַראַן אַזעלכע וואָס האָבן דערלאַנגט אַזש אויף מעדיסאָן־עווענין. נאָר דערווייל איז די נאָענטסטע סטאַנציע איסטבראָדוועי. דער בעסטער וועג איז זיך צו ספּעציאַליזירן — אויגן, אַשטייגער. ס׳איז ציכטיקער, מ׳דאַרף זיך ניט אַזויפיל פאַטשקען, און אויגן — אָהאָ, אויגן פאַר־לאָזט מען ניט!.. אגב, קאָן מען ביי ברילן עפעס מאַכן פון

דער זייט... דר. מילגרוים האָט אַפילו געקויפט די נויטיקע אַפּאַראַטן צו עקזאַמינירן אויגן, אַ גאַנג אָפּטאַלמישע גלעזער, קאַרטן מיט ציפערן און בוכשטאַבן און האָט זיך געפּרוּווט נעמען לייענען ביכער וועגן קראַנקהייטן פון די אויגן. אָבער די ווייבער האָבן געהאַלטן אין איין קומען, און — ווער האָט עס צייט און געדולד פאַר ביכער? און דאָ איז שוין דאָס צווייטע יאָר אַז אין אייראָפּע גייט-אָן די מלחמה, און „אַמעריקע“ מאַכט גוטע געשעפטן. אַ שלעכטע זאַך, מלחמה. וואָס קאָנען זיי זיך דאָרט ניט צעטיילן? און בעני, וועלכער האָט צו יענער צייט געקויפט אַ פּאָר הייזלאַך ערגעץ אין ברוקלין, האָט זונטאָג צו מיטאָג גערעדט ביים טיש פאַר סיידי'ן און דזשאָו'ן:

— מלחמות ווילט זיך זיי פירן. כאַ'לטן זיי דאָרט בעסער געאַרבעט, נישט אַרומגעגאַנגען מיטן שטעקעלע, וואָלטן זיי ניט באַדאַרפט זיך אַרומשלאָגן איינער מיטן צווייטן. אַמע-ריקע וועט, נישקשה, אין דער מלחמה ניט אַריין — אַמע-ריקע האָט אַנדערע זאַכן וואָס צו טאָן, און פּרעזידענט ווילסאָן וועט ניט דערלאָזן.

— אָט דאָס טענה איך דאָך, — האָט דזשאָו מיט דרך-ארץ באַשטעטיקט, — אין אַמעריקע איז די ערשטע זאַך ביזנעס. ניין אפשר, דאַק?

דר. מילגרוים איז געבליבן אַ ווײַלע צעטומלט. ער איז לעצטנס געוואָרן באַריידעוודיקער, און ריידן רעדט ער אין נאָז, מיט אַ פאַרצויגן געפּיעשטשעט ניגונדל. נאָר ער האָט ניט ליב אַז מ'פּאַלט אים אַריין אין די רייד — דאָס צעמישט

אים די געדאַנקען, און דערנאָך איז אים שווער זיי צונויפ־צונעמען. ער איז געזעסן אַ ווײַלע און געמאַכט מיט די ליפּן ווי ער וואָלט מיט זיי קײַען, און אויף זײַן קאָפּ האָט געשײַנט דאָס פּליכל וואָס האָט זיך איצט גענומען אויס־ברייטערן.

— מלחמות... רעוואָלוציעס... אַמעריקע דאַרף דאָס ניט. אין אַמעריקע מאַכט די רעגירונג אַליין רעוואָלוציעס. אָט, פּרע־זידענט ווילסאָן... וואו האָט מען געהערט, דער קאָפּ פון אַ גרויסער מלוכה זאָל אַזוי ריידן? ווילסאָן איז דער גרעסטער רעוואָלוציאָנער. ער'ט שוין זען... מ־יאָ.

ער האָט זיך מיטאַמאָל ווי אויסגעלאָשן און זיך אײַנגעהוי־קערט. אָט די שטעכעניש אין זײַט, אין בויך, אין רוקן — פון צײַט צו צײַט קערט זי זיך אום. ניין, ער'ט זיך ניט לאָזן שנײַדן. שנײַדן גאָר! און אַז ס'ווערט אים שלעכט, לייגט סיידי קאָמפּרעסן, און בלית ברירה נעמט ער אַביסל מאָרפין.

יא.

דזשאָו איז געקומען צום דאָקטאָר בעטן ער זאָל אים פאַר־שרײַבן אַ פּאָר ברילן: ער נעמט זיך אַרום די אויגן אין דעם קעלער זײַנעם! מיט ברילן וואָלט ער אודאי געזען בעסער. בעני איז געוואָרן אומגעדולדיק:

— איך האָב אײַך שוין וויפיל מאָל געזאָגט אַז איר דאַרפט ניט קיין ברילן. דער חסרון אין אייערע אויגן איז אַזעלכער,

אַז ברילן קאָנען אייך ניט העלפן. איר טאָרט זיך ניט גע-
פינען אין אַ פינצטערן קעלער, אַט וואָס.

הערסט, אַט דאָס איז׳דאָך די מעשה. דזשאָו האָט איצט זיין
ביכערגעשעפט אין אַ קעלער אויף דער פערטער עוועניו
ביי דער צוועלפטער סטריט. ער האָט אַסך ביכער, וואָס
ער שאַצט זייער צאָל פאַרשיידן: אַמאָל פינף טויזנט און
אַן אַנדערש מאָל — אודאי צוועלף טויזנט, לויט דער שטי-
מונג. אַט ווען ער וואָלט האָבן אַ פינף הונדערט דאָלער מזומן,
וואָלט ער גענומען אַ קלייט, אַן אָפענע קלייט צו דער גאַס,
און דעמאָלט — אַהאַ! דער דאַק וואָלט זיך געמעגט פאַר-
גינען אַ קוק טאָן אויפן געשעפט פון דזשאָרדזש ד. סמיט —
וואָסערע גרויסאַרטיקע הערן און דאַמען עס קומען אַהין
אַריין! און אַט דער ראָזענבאַך — אַכצן טויזנט טאָלער
האָט ער באַצאָלט פאַר אַ ביכל. דער דאַק הערט? — פאַר
א יין ביכל. און — הערט אַ מעשה! — פאַראַן אַ בוכהענד-
לער אַן איטאַליענער, גאַליאַני, האָט ער אַ — דער דאַק וועט
זיך גאָר ניט גלויבן — אַ „צאינה וראינה" האָט ער —
באַאמנות, אַ ווייבערשע „צאינה וראינה", אויף אידיש; ער
קאָן זי גאָר ניט לייענען און האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן איר
ביי אים, ביי דזשאָו׳ן — איז אַט, וויל ער פאַר דער „צאינה
וראינה" צוועלף הונדערט טאָלער, כאַ-כאַ! אַ גויאישער
קאָפּ, וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס צו ריידן. אַט ווען ער,
דזשאָו, וואָלט געהאַט אַ פיר-פינף הונדערט טאָלער —

און אַז דער „דאַק" האָט זיך אַלץ געמאַכט ניטפאַרשטייענ-
דיק, האָט זיך דזשאָו אָנגענומען מיט מוט און דירעקט גע-

בעטן אַ הלואה, אויף וואָס דר. מילגרוים האָט געענטפערט אַז ער קאָן ניט — זיין געלט איז פאַרבונדן אין „ריעל עסטייט" — אין הייזער און ערד-חלקים אין ברוקלין און קוני-איילענד. נו, אַז „פאַרבונדן" איז דאָך ניט שייך... דזשאָו איז געוואָרן אומעטיק. ביים אַוועקגיין האָט ער געזאָגט:

— פונדעסטוועגן... ווען דער דאָק וואָלט וועלן... איך מיין — שיקט זיך עס, אַז ברילן זאָלן טאַקע גאָרניט העלפן?

ער האָט, אפנים, געוואָלט זאָגן עפּעס אַנדערש, נאָר אויף דער צונג זענען געקומען די ברילן. אגב, האָט זיך אים טאַקע ניט געגלויבט: אַלעמען העלפן ברילן; וואָס איז ער, דזשאָו — ערגער פון אַנדערע מענטשן איז ער? דער סוף איז געווען, אַז ער האָט זיך אַליין געקויפט אַ פּאָר ברילן. ער האָט זיי געפונען אויף אַ שטופּוואָגן אין אָרטשאַרד-סטריט. הונדערטער ברילן זענען דאָרט געווען — דאָ מוז זיך געפינען עפּעס אויך פונזיינעטוועגן. ער האָט אויסגעקליבן אַ פּאָר מיט גרויסע, קיילעכדיקע לינדזנפאַרמיקע גלעזער. פינפאונדרייסיק סענט! משוגע מיינע שונאים — פאַרוואָס קומט אַזויפיל געלט פאַר אַ פּאָר ברילן?! דער פאַרקויפער האָט זיך גע'עקשנ'ט: פאַראַן אין זיי מער גלאָז ווי אין אַנדערע דריי פּאָר. דזשאָו האָט געטראָגן די ברילן — און אים האָט זיך געדאַכט אַז ער זעט אין זיי בעסער. כ'לעבן, בעסער. וואָדען? וואָס הייסט דוקא פאַר אים זענען ניטאָ קיין ברילן אויף דער גאַנצער וועלט?...

יב.

סידין גייען אויס די כוחות.

סידי האָט „דערגרייכט" פיל מער ווי איר האָט זיך געֿ- חלומ'ט. זי איז אַ דאָקטערשע, האָט אַ הויז, איז גאַנץ פאַר- מעגלאַך. אָט, קינדער אפשר וואָלט ניט געשאַדט צו האָבן — אָבער ניין, ניט פאַר אירע כוחות האָבן צו טאָן מיט קינדער. זי האָט דאָך „דעם דאָקטאָר", וואָס איז מער אַ קינד ווי אַ מאַן. ער האָט אפילו אַמאָל יאָ עפּעס אַ מורמל געטאָן, אָבער ס'איז נאָך אַ פראַגע ווער ס'איז שולדיק... ניין, מ'קאָן זאָגן — ס'איז איר גוט, סידי'ן. נאָר וואָסדען? זי האָט קיין כח ניט צו לעבן. „דער דאָקטאָר" זאָגט, זי איז בלוטאָרעם, זי דאַרף „אייזן", דאַרף זי — נו, איז עסט זי ראָזשינקעס, אָבער... לסוף איז איר געוואָרן אַזוי שווער צו פירן די באַלעבאַטישקייט, אַז מ'האָט געמוזט זוכן אַן עצה. אויף די „גרינע" שיקסלאַך קאָן מען זיך ניט פאַרלאָזן: זיי טויגן ניט צו קיין זאַך, און דערצו „אַמעריקאַניזירן" זיי זיך, און אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג דאַרף מען זוכן נייע. ניין, זי מוז האָבן אַ מענטשן וואָס מ'קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן. האָט זיך געמאַכט די מיסעס ראַבינס.

די מיסעס ראַבינס איז אַ פרוי פון אַ יאָר צוויי-דריי-און- פופציק, מיט אַ גרויען קאָפּ איבער אַ פרישן, ראָזיקן פנים, אַ נידעריקע, אַ קיילעכדיקע, אַ גלאַטינקע און אַ שייַנינקע. מיסעס ראַבינס „האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פונם באָלשע- וויסטישן גיהנם" און איז געקומען קיין אַמעריקע צו אירע

פאַרהייראַטע טעכטער. זי קומט פון טאַגאַנראָג, קומט זי, וואו איר מאַחן איז געווען אַ פּערוואָי-גילדיאַי-קופּיעץ, איי־דער די באָלשעוויקעס האָבן אים ראַזאָריאַיעט און ער איז געשטאָרבן פון האַרצוווייטיק. דאָרט האָבן זיי געפירט זנאַ־קאָמסטווע מיט די בעסטע רוסישע סעמעיסטוועס, מ׳האָט גערעדט נאָר רוסיש — אידיש האָט זי זיך „אויסגעלערנט אין אַמעריקע“ — זי האָט געלייענט פּושקינען, טאָלסטאָי׳ס „אננאַ קאַרעניגאַ“ און שפּילהאָגען׳ס — זי האָט געזאָגט: „שפּילגאַגען׳ס“ — „אַ טשאָם שטשעבעטאַלאַ לאַסטאָטשקאַ“. אַה, עס איז געווען אַן אַנדער וועלט, אַנדערע צייטן. דאָ אין אַמעריקע, ווידער, איז אַזוי: די טעכטער וואָלטן פאַר איר קיין צען זעק באָרשטש ניט גענומען, עס איז נאָר „מאַ־מאַטשקאַ“ און „מאַמאַטשקאַ“, און יעדע שלאָגט זיך פאַר איר און וויל זי נאָר האָבן ביי זיך, נאָר צו וואָס דאַרף זי דאָס? זי וויל בעסער זיין סאַמאָסטאָיאַטעלנע, אַז קיינער זאָל איר קיין דעות ניט זאָגן, און אַז טאָמער רעדט מען אַמאָל אויס אַ וואָרט — מ׳איז דאָך אַ לעבעדיקער מענטש! — זאָל קיי־נער ניט טענה׳ן אַז זי פאַרקלאַפּט די קעפּ... וועט זי זיך זיין מיט זיי גוטפריינט פונדערווייטן. אדרבה, וואָס זאָגט דער גאָספּאָדין דאָקטאָר — נישט אַזוי?... ווען עס מאַכט זיך עפּעס אַ לייטיש הויז, מיט אינטעליגענטנע מענטשן, איז פירן די באַלעבאַטישקייט פאַר איר ניט קיין שווערע זאַך — זי האָט אינדערהיים געפירט אַ כאָזיאַיסטווע אויף אַהלע אירע פריינט געזאָגט געוואָרן. וואַשן די דילן — דאָס, זעט איר, וועט זי נ י ט, דערצו איז נאָך ניט געקומען, אָבער איינקויפן, אַביסל צוראַהמען דאָס הויז און אָפּקאָכן אַ גוטן מאָלצייט — פאַרוואָס ניט?

דר. מילגרוים איז אַביסל פאַרטשאַדעט געוואָרן פון אירע רייד און פון איר אַדעסער אויסשפּראַך, און האָט איבערגע־לאָזן דעם גאַנצן ענין צו סיידי׳ן. איבריגנס, עס איז געווען צו זען, אַז מיסעס ראַבינס איז אין תוך אַ גוטע נשמה, און סיידי האָט באַשלאָסן אַז מ׳וועט זיך איינלעבן. אַן איבעריק צימער פאַר איר איז פאַראַן, און וואָס איז שייך די דילן — איינמאָל אין וואָך וועט קומען אַ נעגערטע העלפן אין דער אַרבעט, און וועש וואַשן דאַרף מען דאָך אויך, איז... —

נאָר אַז סיידי האָט צוגענומען איר האַנט פון דער באַלעבאַ־טישקייט האָט זי זיך ערשט דערפילט אַזוי שוואַך, אַז צייטנ־ווייז איז איר שווער אַ ריר צו טאָן מיט אַ פינגער. זי שלעפּט זיך אַרום איבערן הויז שטיל-שטיל ווי אַ קראַנקע הון, אָדער זי זיצט שטונדנלאַנג אין אַ טיפן, ווייכן שטול מיט האַלבפאַרמאַכטע אויגן און הערט זיך צו צון עפּעס וואָס קומט פאַר אינווייניק אין איר. אין די אָוונטן, מאַכט זיך, שטעלט זי אָן די ראַדיאָ, נאָר פון דזשעז דרייט זי האָס־טיק אַוועק דעם קנאָפּ. סיידי קאָן זיך נאָך אַלץ ניט „אַמע־ריקאַניזירן".

יג.

דאָס הילצערנע שילדל ביי דער טיר איז שוין אַזוי געבליבן. עס איז נאָך צוגעקומען אַן אויפשריפט אין פענצטער, אין ענגליש, מיט אותיות פון גאָלדבלאַט: בענדזשאַמין ט. מילגרוים, מ. ד.". דער ט., וואָס לייענט זיך „טי", איז זיך געווען גלאַט אַזוי, ווייל קיין צווייטן נאָמען האָט בעני ניט

געהאַט, נאָר אַזוי איז שוין דער איינפיר אין אַמעריקע: דער ערשטער נאָמען, דער איניציאַל פון צווייטן און „די פאַמיליע“. בענדזשאַמין „טי“ מילגרוים — דזשייקאָב „פּי“ אַדלער — דזשאַהן „די“ ראָקעפעלער. המ...

די וועלט האָט גענומען לעבן צו האַסטיק און טומלדיק פאַר דר. מילגרוים'ס גוסט. מ'פליט אין דער לופטן, מ'שפּילט און מ'זינגט פאַר אייך אָן דראָטן, און מ'רעדט שוין פון זען פון-דערווייטן. היינט די מלחמות, די רעוואָלוציעס, דאָס באַוואַ-פענען זיך און דאָס „אַנטוואָפענען זיך“ — כ'מיין, וואָס טראַכטן זיי זיך מיט דעם אַלעם? און יענע דאָרטן, אין רוס-לאַנד, זענען ג אָ ר פון זינען אַרונטער!

— אָט דאָס איז סאָציאַליזם?... — גיט ער דזשאָן'ן צו פאַר-שטיין. — סאָציאַליזם איז געווען ביי אונדז, ביי די עסערן.

— יעס, סער, — באַשטעטיקט דזשאָ מיט זיכערקייט. — סאָשעליזם... סאָשעליזם איז גאָ ר עפּעס אַנדערש.

דערצו — דער ציוניזם. די באַלפור-דעקלאַראַציע האָט אים געגעבן ווי מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ. הייסט עס, איז עס דאָך יאָ עפּעס אַן ענין. דאָס דאַרף מען באַטראַכטן. עפּעס בויען זיי דאָרט אַזעלאַכס. און — יאָ: זיי באַגייען זיך דאָרט אָן דעם זשאַרגאָן. אַז ער האָט דאָך אפילו קיין גראַמאַטיקע ניט, דער זשאַרגאָן! צוריקשמועסנדיק: „היום תאמצנו“ און „וויפיל קאָסט אַ פונט ציבעלעס“... דאָס לשון פון כהן-גדול אין דער עזרה און „ווייבעלאַך: בולקעלאַך — באַבקעלאַך — בולבעלאַך — בעבעלאַך!“ — עס איז מאָדנע.

אויך דאָס דאַרף מען באַטראַכטן.

נאָר טראַכטן איז אַ טרחה.

זיין פּליך האָט זיך ביסלאַכווייז צעגאָסן איבערן גאַנצן קאָפּ און האָט אים איבערגעלאָזן בלויז אַ קרענצל האָר ביי די ברעגן, פון שליף צו שליף. די קרוין האָט געלבלאַך געגלאַנצט ווי אַלטער העלפאַנטביין און ביי די זייטן האָבן אַרויסגעשטאַרצט בערגלאַך, טעמפּע הערנער, שישקעס. דער פּליך האָט געמאַכט זיין פּנים פאַרענדיקטער, באַשטימטער, ווי די האָר וואָלטן געווען אַן איבעריקע זאַך, און דער גאַנצער געווינקלטער קאָפּ האָט אויסגעזען גאונ׳יש, סאָקראַטיש. געהאַלטן האָט ער אים געוויינלאַך אַביסל געבויגן פאָרויס, ווי אַן אָקס וואָס קלייבט זיך נעמען עמיצן אויף די הערנער.

צווישן וויזיט און וויזיט כאַפּט ער זיך אַמאָל אַריין צו דזשאָ׳ן אין קעלער. ניין, דר. מילגרוים „כאַפּט“ זיך ניט — ער „דערשיינט“ פּאַמעלאַך און וואַזשנע ביי דער טרעפּ, באַטאַפּט די ביכער אויף די טישלאַך, לאָזט זיך אַראָפּ אינווייניק. מיט וואָס מענטשן פאַרנעמען זיך דאָס ניט! מ׳שרייבט ביכער וועגן קעץ — וועגן טאַבאַק — וועגן פינגערלאַך — וועגן די אָקעאַנישע אינדזלען — וועגן „פּסיכישער פאָרשונג“. פּסיכישע פאָרשונג, אַה? וואָס, אייגנטלאַך, מיינט מען דערמיט? איינמאָל האָט ער דערטאַפּט עפּעס אַ ביכל מיטן נאָמען: „רעימאָנד“. אַ ראָמאַן, מסתמא. הערט אַ מעשה: ס׳איז געשריבן פון אָליווער לאָדזש — סער אָליווער לאָדזש, דעם גרויסן פיזיקער. סער אָליווער לאָדזש שרייבט ראָמאַנען? ! ניין. ס׳איז ניט קיין „פיקשאָן“. ניין, ס׳איז נאָך איבערראַשנדיקער. ס׳איז — ס׳איז פּשוט

אומגלויבלאַך. „רעימאָנד“ איז דאָס זיינער אַ זון, דעם ווייסנשאַפטלער׳ס אַ זון, וואָס איז געשטאָרבן אין דער מלחמה. איז דערציילט אַליווער לאָדזש, וויאַזוי ער קאָמוניקירט מיט זיין זון — פון יענערוועלט. ערנסט, אַזוי דערציילט ער. דאָס איז אינטערעסאַנט. נאָכאַמאָל: איז עס טאַקע דער-זעלבער אַליווער לאָדזש וואָס — נו דער עטער, און אַזוי ווייטער.

ער האָט גענומען דאָס ביכל אַהיים.

יד.

פורים-צייט האָט סיידי געגעבן אַ פּאָר הוסטלאַך, האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט „מיט היץ“ און אויפן צענטן טאָג איז זי געשטאָרבן. אַז מ׳איז צוריקגעפאָרן פון דער לויה, האָט דזשאָו אָפּגעשטעלט די קאַרעטע ביי דילענסי-סטריט, איז אַרויסגעקראָכן אויפן טראָטואַר און האַלטנדיק דאָס טירל אָפן אַ ווײלע האָט ער געזאָגט: „כ׳מיין — איז ד אָ ס אַ דרך, אַה, דאָק? אַט אַזוי פּירט עס גאָט זיין וועלטל, אַה ,דאָק?“ — אויף וואָס דר. מילגרוים האָט אַ קיי געטאָן מיט די ליפּן און אַרויסגערוקט די אונטערשטע ווייט פאָרויס. דזשאָו האָט צוגעמאַכט דאָס טירל פון דער קאַרעטע און האָט זיך אַוועק-געשלעפּט צו זיין קעלער מיט ביכער. —

די קאַרעטע איז געבליבן שטיין ביים דאָקטאָר׳ס טיר, נאָר ער האָט זיך ניט גערירט פון זיץ, ביז דער טרייבער האָט זיך אויף אים אומגעקוקט אין פאַרלעגנהייט און מיסעם ראַ-

בינס איז אים אַרויס אַנטקעגן צו דער טיר פון הויז. דע־מאָלט האָט ער שווער און אומגעשיקט אַרויסגעקלעטערט פון דער קאַרעטע און איז אַרויפגעגאַנגען אויף די פּאָר שטיי־נערנע טרעפּלאַך.

קיין פּאַציענטן זענען ניט געווען: מיסעס ראַבינס האָט זיי משלח געווען. זי האָט אויך אָפּגעזאָגט פאַר היינט אַלע רופן דורכן טעלעפאָן. דערנאָך האָט זי זיך אומרואיק געפּאָרעט אין קיך: דער דאָקטאָר איז ניט אַרויס פון זיין צימער, און וואָס ער טוט דאָרטן ווייסט זי ניט.

זעקס אַזייגער האָט זי אים גערופן צום טיש עסן. ער איז אַרויסגעקומען אַ שווייגנדיקער, אַ פאַרשלאָסענער, האָט אין באַדצימער לאַנג געוואַשן די הענט מיט זייף און ביים טיש האָט ער געגעסן זיין זופּ מיט דער ניכטערער מינע פון אַ מנחם־אָבל ביי יענעמ׳ס אַ שבעה. אינמיטן עסן האָט מיסעס ראַבינס ניט געקאָנט אויסהאַלטן דאָס שווייגן און האָט אָנגעפאַנגען דערפון וואָס זי האָט זיך צעווייינט. דר. מילגרוים האָט זי אָנגעקוקט דערשראָקן און מיט אַן אָפן מויל, איז אויפגעשטאַנען פון טיש און איז אַוועק צו זיך אין צימער. שפּעטער־צו האָט ער עטלאַכע מאָל פאַרזיכטיק אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון טיר, און אַז די מיסעס ראַבינס איז אַרויס אויף אַ פּאָר מינוט פון הויז, האָט ער זיך אויף שנעל אַראָפּגעכאַפּט אין קיך, האָט אַרויסגענומען פון אייז־קאַסטן דאָס ערשטע שטיקל פלייש וואָס איז אים געקומען צו דער האַנט און איז אַוועק מיט דעם צוריק צו זיך אין צימער. —

אויף מאָרגן האָט ער זיך צוריק גענומען צו זיין רוטין-אַרבעט. ער האָט אויפגענומען פּאַציענטן ביי זיך אינדער-היים. ביי טאָג, בעת ער האָט געמאַכט זיינע וויזיטן, איז ער געגאַנגען איבער דער גאַס ווי אַ קאַליעגעוואָרענער זייגער: אָט האָט ער זיך געשלעפּט פאַרטראַכט און צעטומלט, און אָט האָט ער געשפּרייזט פעסטער און האָפערדיקער ווי אַלעמאָל. אין אָוונט איז ער אַוועק אויף בראָדוועי אין אַ קינעמאַטאָגראַף — דאָס ערשטע מאָל אין יאָרן. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון איינעם וואָס איז ניט געוויינט צו טרינקען — נאָך אַ פּאָר גלעזלאַך שנאַפּס: ער קאָן זיך צעלאַכן אָן אַ פאַרוואָס, אויב ער וועט זיך ניט פאַנאַנדער-וויינען.

יח.

דער פרילינג איז געקומען צו לויפן פרי, אַ צעטראָגענער און אַ קאַפּריזנער. שבת ביינאַכט האָט עס גערעגנט, און ערגעץ ווייט האָט אַ דונער געמורמלט, גלייך אינדערפרי איז די זון אַרוים מיט אַ היץ, און אַזייגער עלף איז דער הימל שוין ווידער געווען פאַרוואָלקנט. נאָך די קורצע זונטאָגדיקע אָפּישטונדן, האָט זיך בעני אַוועקגעלאָזן אויסקוקן דאָס לאַנד וואוהין ער וועט איצט אַריינדרינגען און עס באַ-צווינגען.

דילענסי-סטריט. דר. מילגרוים איז דאָ פאַרבייגעגאַנגען טויזנטער מאָל — וואו זענען געווען זיינע אויגן? די ברוק-לינער טראַמוואַיען זענען פאַרפאַלן געוואָרן: מ'האָט איבער-

געבויט דעם צוגאַנג צו דער בריק, און די ברוקלינער ליניעס האָט מען אַראָפּגעלאָזן ערגעץ אין דער ערד אַריין. מ׳האָט געפלאַנצטביימלאַך אין דער מיטליניע פון דער גאַס, און זיי אַרומגעצאַמט מיט אייזערנע גראַטעס, אָבער פּונקט ווי אין סאָרד־פּאַרק האָבן די ביימלאַך דאָ ניט געוואַקסן. ניט געוואַקסן. ביימער גערייען ניט אין דער גאַנצער געגנט — ניטאָ אויף מיילן אַרום קיין געזונט ביימל. מאָדנע. אויס־גענומען די בריק, זעט די גאַס אויס אָפּגעבאַרעט, ווי אָפּגע־בליאַקירט פון געברויך.

דורך עסעקס־סטריט האָט ער זיך געשניטן צו איסטבראָדוועי. ברום־סטריט. גרענד־סטריט. דאָ ווידמענען זיך מענטשן ווי שרצים, ווי... אינסעקטן. קראָמען און שטעלן מיט אַלץ אין דער וועלט, און די סחורות זענען פאַרשטויבט, פאַר־פליגנט, פאַר... פאַרדאָסט. אויף עסעקס־סטריט — רוסישער טאַבאַק און געריכערטע פיש. אָט איז די „פּאָבליק־סקול“ ביים ווינקל פון סאָרד־פּאַרק. די אינגלאַך — ער וואָלט געמעגט שווערן, אָט דאָס אינגל האָט ער דאָ געזען שפּילן באָל מיט פופצן יאָר צוריק... ער איז אַרויס אויפן סקווער. מיין גאָט! —

די ביימלאַך זענען געוואָרן דאַרער, דער פאָנטאַן טריקענער, דער ברוק מער צעגראָבן. אויף די בייק דרימלען אַלטע לייט אָדער שלעפּן זיך פויל פון און צום עפּנטלאַכן אָפּ־טרעט אין פאַוויליאָן. אויף דער גאַס אַליין — ווייניק מענטשן. שטיל. טויט. דער סקווער איז — טויט.

בעני האָט זיך אַוועקגעלאָזן אַרויף מיט איסטבראָדוועי. אָט

איז די אָפּטיילונג פון דער שטאָטביבליאָטעק. אידיש יונג-וואַרג פלעגט זיך דאָ אַמאָליקע יאָרן אויפהאַלטן ביז שפּעט אין אָוונט, ווי אין אַ קלוב. איצט איז דאָ שיטער. קעגנ-איבער שטייט נאָך אַלץ דער טויטער בנין פון „עדיוקיישאָ-נעל עללאַיענס“, ווי אַ פאַרגעסענער קבר. נישטאָ די קלובן, נישטאָ דער „הכנסת-אורחים“, פון די דאָקטוירים איז גע-בליבן איינער אָדער צוויי — אָט, דאָס באַקאַנטע אָפּטישע געשעפט שטעקט נאָך אין קעלער. די ווענט פון די הייזער זענען אָפּגעשיילט, אָפּגעריבן, שמוציק, ווי גע׳פּסל׳טע בנינים וועלכע עס לוינט זיך ניט אָפּצופרישן. איסטבראָדוועי איז אַ יורד וואָס איז געוואָרן גיטבלויז פאַראָרעמט, נאָר אויך — פאַרלייזיקט.

אויס איסטבראָדוועי.

מיט אַן אויסגעצויגענעם פנים און אַן אָראָפּגעהאָנגענער ליפּ האָט זיך בעני אומגעקערט צוריק צום סקווער. אַמאָל האָט דאָ געקאָכט ווי אין אַ קעסל, און מיטאָגצייט האָבן די גע-שרייען פון די ציימונגסאינגלאַך געשפּאָלטן די הימלען. דאָ איז אויך, ווי דער אויפריים פון אַ באָמבע, אַנטשטאַנען די „פרייהייט“: זי האָט געצישט און געשפּיגן מיט פייער, און דאָס לעבן אַרום איז דעמאָלט געווען געוואָרן שאַרפער און פיקאַנטער ווי אַלעמאָל. דער סקווער האָט געהאַט אָנגע-הויבן באַקומען אַ פנים, אַ אידיש פנים — מיט יאָרן צוריק. מ׳האָט זיך געקאָנט מאָלן, אַז אין הונדערט יאָר אַרום — ניין, פאַר ווילנער שולהויפן איז די צייט פאַריבער, אָבער עפּעס אַזוינס האָט דאָ אָנגעהויבן ווערן. און איצט... — דאָס „טאָגעבלאַט“ איז געשטאָרבן, דער „מאָרגנזשורנאַל“

איז אַוועק אויף דער בויערי, דער „טאָג“ איז מיט איין פּוס
ערגעצאַנדערש. די „פרייהייט“ האָט באַצוואונגען יוניאָן־
סקווער און פון דאָרטן שיסט זי אויף אַלע זייטן פון האָרי־
זאָנט, און נישט אַלעמאָל מיט פייער. און נאָר דער „פאָר־
ווערטס“ אַליין איז געבליבן אויף זיין אָרט, ווי אַ געליימטער
ריז אינדערמיט פון זיין אייגענער צואה.—אַמעריקע. די שטאָ־
טישע באַפעלקערונג וואַנדערט ווי די זאַמדן אין דער מדבר.
געגנטן שטאַרבן און באַווייזן ניט אַלט צו ווערן, ווי צו־גרין
אָפּגעריסענע באַנאַנעס וואָס פוילן איידער זיי ווערן רייף.
דאָ צו פאַרלייגן זיך אויף אַ זאַך וואָס נייטיקט זיך אין יאָרן
אויף דורכפירונג — איז אַ שווערער טעות. אַלץ לעבט דאָ
שנעל און שטאַרבט יונג. און איסטבראָדוועי איז נאָך ערגער
ווי טויט. בעני איז געקומען צו זיין כלה צוריק מעבר־לים
און האָט זי געטראָפן אָן ציין. אַ שווערער וואָלקן האָט זיך
געלייגט אויף זיין שטערן. עמיצער איז אין עפּעס שולדיק
געווען קעגן אים. די וועלט האָט אים אָפּגעטאָן אַ מיאוס
שפּיצל. און ביי וועמען מאָנט מען? —

די קאַוועהייזער זענען שיטערער. די באַזוכער — אַנדערע.
אָט, „שלום׳ס“ שטייט נאָך אַלץ. ער איז אַריין אַהין און
גענומען פרעגן אויף איזי פישלער׳ן. ניין, ער איז ניטאָ. ער
קומט אַהער זעלטן. אויף סעקאָנד עוועניו — יענע חברה׳־
לייט זיצן איצט אָפּ זייערע טעג אויף סעקאָנד עוועניו. וואו,
אַשטייגער, אויף סעקאָנד עוועניו? אָט, אין „ראָיאַל“, אין
„אייראָפּע“ — אין יענע מקומות. אַזוי?... המ... גיין אויף
סעקאָנד עוועניו אָדער ניט גיין? אַזש אויף סעקאָנד עוועניו,
ביי דער פערצנטער סטריט... בעני האָט זיך אַוועקגעשלעפּט

פּאַמעלאַך, אָן חשק. אַט האָסטו דיר אַ נייעם — סעקאָנד עוועניו. אַמעריקע! דאַכט זיך — אַ טייערע מדינה, אַ גאָל־דענע מדינה. נאָר וואָסדען? ענטפערן אויף דער פראַגע זיך אַליין האָט בעני ניט געקאָנט. עס טויג עפּעס ניט!

בעני האָט געפונען פישלער׳ן אין „אייראָפּע“ אַליין ביי אַ טישל, אַרומגערינגלט מיט צייטונגען פון וועלכע ער האָט געשניטן שטיקער. איזי האָט זיך שטאַרק געעלטערט און איז געווען לאַנג און טרוקן ווי אַ פּאָדעשווע. ער האָט תחילת בעני׳ן ניט דערקענט.

— ווער?... בע... בעני מילגרוים, דער סיגאַרמאַכער, דער חצי־דאָקטאָר? ! ס׳קאָן ניט זיין! מיין גאָט — שוין־זשע איז דאָס בעני?...

ער האָט מיט שטוינען געקוקט אויפן נאַקעטן קאָפּ און דעם צעווירענעם פּנים מיט דער אַראָפּגעהאַנגענער אונטערשטער ליפּ. צוליב אַ טונקלער אַסאָציאַציע האָט ער געוואָרפן אַ ביטערע בליק אין שפּיגל אויף דער קענגנאיבערדיקער וואַנט און האָט שנעל אָפּגעקערט דעם קאָפּ צוריק צו בעני׳ן.

— נו, זעץ זיך, נעם אַ גלעזל טיי. ווי קומסטו אַהער, אַה? ביזט שוין מסתמא אַ גאַנצער דאָקטאָר, כאַ־כאַ! וואָס רעד איך — שוין לאַנגע יאָרן אַז...

איזי פישלער האָט „געאַרבעט“ אין אַ צדקה־אנשטאַלט: גע־מאַכט רעקלאַמע, ניט אַזוי פאַר דער אנשטאַלט, ווי פאַר די גדולים וואָס שטייען אַרום איר. צוויי פון די גדולים האָבן שטאַרק געקאָנקורירט צווישן זיך, און צוליב דער דאָזיקער

קאָנקורענציע זענען ביי איזי׳ן אויסגעוואַקסן צוויי טיפֿע שטייענדיקע קנייטשן ביי ביידע זייטן פֿון מויל — אַ קנייטש פֿאַר אַ גדול. אפשר האָבן צו דער אויסבילדונג פֿון די קנייטשן בייגעשטייערט דאָס ווייב און די קינדער — איזי האָט געהאַט עפּעס אַ ווייב און עפּעס קינדער — און דער סדר-העולם אין אַלגעמיין.

ער האָט אַלץ געאַרבעט מיט אַ בלייפֿען און אַ שערעלע איבער די צייטונגען און גערעדט דערוויל צו בעני׳ן — גע־רעדט מיט גאַל, עפּיגראַמאַטיש און צייטנווייז פּאַראַדאָקסאַל:

— געווען, זאָגסטו, אויף איסטבראָדוועי? איז ווי געפֿעלט דיר עפּעס איסטבראָדוועי, אַה?... איינגענומען אַ מיתה-משונה אין אַ צוויי-דריי יאָר און שטינקט ווי אַ גע׳פּגר׳טע קאַץ וואָס קיינער נעמט נישט אַוועק פֿון דער גאַס. און איצט — די צווייטע עוועניו. אויפֿגעבויט געוואָרן אויפֿן חורבן פֿון איסטבראָדוועי. יאָ. געווען אַמאָל די גאַס פֿון די „נקבות“ מיט זייערע באַשיצער, וואָס היינט פֿעלן זיי אויך ניט, אָבער — טעאַטערס, קאַפֿייען און אַזוי ווייטער. טומל-דיק, שמוציק, עמיגראַנטיש, אָבער גרויסשטעטיש — „אור־באַניש“, מיט רעספּעקט צו מעלדן. פֿאַראַן לעבן, פֿאַראַן קאָ-ליר, וואָלט געקאָנט עפּעס ווערן מיט דער צייט — איין קלייניקייט: „מיט דער צייט“... וואו איז דאָ צייט אין אַמע-ריקע? עמיצער האָט שוין, דאַכט זיך, געזאָגט, אַז צייט איז שוין דאָ לאַנג פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין געלט: פֿאַרגאַנגען געלט — איצטיק געלט — קומענדיק געלט, כאַ-כאַ! ביין, קיין זאַך האָט דאָ קיין ממשות ניט. אַלץ איז זאַמד און צעשיט זיך ווי זאַמד. פּ-פּיו — און ווי ניט געווען!

ער האָט צונויפגענומען די צעפּאַלמעסטע צייטונגען אין אַ הויפן און זיי אָפּגערוקט אָן אַ זייט.

— און וואָס איז מיט דיר? אַ דאָקטאָר, זע איך, ביזטו אַ פּאָלנער — מיט אַ פליך, מיט אַ בייכל, מיט אַ גאָלדענעם זייגער און, מסתמא, מיט „ריעל עסטייט“. האָסט אַ פאַמי־ליע? אָה, אַנטשולדיק! — האָט ער געביטן דעם טאָן, זעענדיק אַז בעני איז געוואָרן בלייך. — איך האָב גאָרנישט ניט געמיינט... נאָך אַלעם ביזט דו אפשר געווען גערעכט — געדיינקסט ווי דו פלעגסט מיט מיר איינ׳טענה׳ן, אַז ס׳איז קיין תכלית ניט צו פאַרנעמען זיך מיט „זשאַרגאָנישע“ ליד־לאַך? וואָס וואָלט מיך געאַרט, אַשטייגער, ווען איך זאָל זיין אַ דאָקטאָר, צי אַ לאָיער, צי אַ ריעל־עסטייטניק? און אַז איך מאַך „פּובליסיטי“ פאַר אָט די אידיאָטן איז בעסער? און אפילו די ליטעראַטור — די ליטעראַטור איז אַ זשאַר־גאָנישע, די שפּראַך איז אַ זשאַרגאָנישע און אָט דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס דאָ איז עפּעס אַ מין זשאַרגאָן!...

פישלער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ אויף אַ ווײַלע, און דר. מילגרוים האָט געפּרוּווט אַריינשטעלן אַ וואָרט:

— אדרבה. ווי איך פאַרשטיי, איז דער זשאַר... נו, „אידיש“ — געוואָרן אַ גאַנצער „יאַ־טעביע־דאַם“ אין אַמעריקע. אָט, איר האָט דאָך עפּעס שרייבער, און ביכער, און צייטונגען. אפילו איך, אין מיין פּראָפעסיע, מוז ריידן אידיש — דאָס איז ביזנעס, פאַרשטייט זיך, אָבער פאָרט... כ׳מיין... און ווי־דער צוריק — דער „פאָרווערטס“. עפּעס אַ קלייניקייט דער

„פאָרווערטס“! אפילו די „ניישאַן“ האָט געשריבן וועגן אים...

פישלער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— יאָ. דער „פאָרווערטס“... ער האָט זיך צעלייגט איבערן גאַנצן היגן לעבן אונדזערן ווי אַ כּאַמסקער הינטער'חלק וואָס איז אַזוי ברייט, אַז וואו דו גי'סט זיך אַ קער פאַר־שטעלט ער דיר דעם האָריזאָנט. ער ליגט אויף אונדזער אַרבעטערבאַוועגונג, אויף אַלע אינסטיטוציעס, אויף דער ליטעראַטור. און פונוואַנען נעמט ער זיין גבורה? פון אונדז — פון אונדז טאַקע אַליין. די צרה איז, וואָס ער דריקט אויס דאָס וואָס איז פאַראַן אין אונדז אַלעמען — אונדזער קליינקייט, אונדזער נבזה'דיקייט, אונדזער אומבאַ־גרעניצטע וואולגאַריטעט. געלייענט ווי „ער“ רעדט וועגן ליטעראַטור? ווי וועגן געפילטער קישקע. יאָ, נו, איך האָב גאָרניט קעגן געפילטער קישקע. אדרבה. נאָר וואָסדען? געפילטע קישקע קאָן קאַהאַן אַליין מאַכן. אָן אונדז. ער ווייסט עס אַליין — און שאַפט זיך זיינע אייגענע קישקע־פילער. איז גוט. איז וואויל. איז עס אים אָבער ניט גענוג. קויפט ער זיך איין שרייבער, אמת'ע שרייבער, און זיי לויפן איינער נאָכן צווייטן זיך צוצוטוליען אונטער דעם ברייטן הינטער'חלק, צוליב דער וואַרעמקייט אין יענע מקומות. זיי האָבן זיך גוט אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין דעם ליכטיקן אמת, אַז אַ מענטש איז אַ שטיק פלייש וואָס פרעסט, זויפט און ווייבט פאַר אַ געוויסער צייט — און פגר'ט אַוועק אויף אייביק און אייביק. עס קאָן זייער זיין, אַז ווען קאַהאַן זאָל מיך רופן — וואָלט איך אויך געגאַנגען.

ה-העלל! פאַרוואָס זאָל איך ניט גיין? אַז עסן חזיר, זאָל רינען איבער דער באָרד. לאָמיר זען: וואָס טוען מיר אָן און אַ חוץ דעם „פאָרווערטס“? —

ער האָט גענומען ציילן אויף די פינגער:

— מילא דער „פאָרווערטס“ איז אַלעמאָל געווען אַ שונא פון אידיש, בשוגג נאָך מער ווי במזיד: די סאַמע עקזיסטענץ זיינע איז אַ געפאַר פאַר אידישער קולטור, ווי פאַר קולטור בכלל. די „פרייהייט“ האָט זיך לעצטנס פאַרנומען אויף דעמזעלבן וועג, אונטערן אויסרייד אַז זי „מאַכט פון אידיש קיין פעטיש ניט“. אין די אַנדערע ציטונגען, פונקט ווי אין „פאָרווערטס“, זיצן מענטשן וואָס שרייען, אַז די גאַנצע „אידיש“-קולטור ברעכט-צוזאַמען: די ציטונגסלייענער שטאַרבן-אויס, דאָס טעאַטער גייט-אונטער, די שולן קאָנען ניט עקזיסטירן און די קינדער פאַרלאָזן אידיש. זיי „גלויבן ניט“ אין דער צוקונפט פון אידיש אין אַמעריקע. זייער פיין. פאַר „גלויבן“ אָדער „ניטגלויבן“ קומט קיינעם גאָרנישט. אָבער—פאַרוואָס זיצן זיי אין די ציטונגען? וואו האָט מען גע־הערט, אַז פאַראַנטוואָרטלאַכע פלעצער אויף וועלכן־ס'איז געביט זאָלן זיין באַזעצט מיט מענטשן וואָס „גלויבן ניט“ אין דעם געביט?... האָסטו דיר איינמאָל אַ גאַנג. הערנאָך: אונ־דזער ליטעראַטור קריסטאַליזירט זיך אויס אין „ריכטונגען“ פשוט לויט דער פאָזיציע און אפילו לויט דער עלטער פון די שרייבער, און מערקלאַכער פון אַלעם גראַוויטירן איינער צום צווייטן די מיטגלידער פון עלטערן דור, די „קלאַסיקער“. אַ גרופע שרייבער באַטראַכט אָפן די ליטעראַטור ווי אַ פעלד וואָס אָפערירט פאָזיציעס אין לעבן, פאָזיציעס פאַר וועלכע

מ׳דאַרף קעמפן; האָט מען פאַרשפּרייט אַ נעץ פון נויאָרק אַזש ביז וואַרשע, מ׳גיט אינטערוויוען איינער וועגן צווייטן און מ׳רעקלאַמירט זיך אויף אַ קול און אָן בושה. אַ צווייטע גרופּע, מיט מיר בתוכם, איז די „גאַלעריע פון די פאַר-שוואונדענע מענער“, אָדער ווי די ערשטע רופן אונדז, זייער טרעפלאַך, „פאַרזעסענע טאַלאַנטן“: מיר זיצן, אַנגעבלאָזענע אויף דער וועלט, יעדערער אין זיין ווינקל, מיר שלייפן זיך די נעגל און קוועטשן אויס, איינמאָל אין אַ יובל, אַ לידל אָדער אַ דערציילונג. מיינען מיינען מיר אַז מיר זענען מזכה די וועלט מיט ריינער פּאָעזיע, און מיר באַמערקן ניט אַז מיר האָבן פּשוט פאַרלוירן די מענערקראַפט. סיי די, סיי יענע זענען פול און איבערפילט מיט קריינקלאַכער, ווערימדיקער „מענטשלאַכער נאַטור“, און פאַר אַ וואָרט פון קריטיק זענען מיר קאַפּאַבל צו ווערן דיר שונאים אויפן לעבן. — וואָס טוען איינצלנע מענטשן? אָט וואָס: רייזען קלאַפּט פלעקלאַך אין שטיוול שוין מכמה יאָרן. אַש אין „פאָרווערטס“ און אָפּאַ-טאָשו אין „טאָג“ שטייען, ווי צוויי שטיינערנע גאַרגאָילן מיט צערעפּעטע מיילער, און פּאָמפּען וואַסער רעגלמעסיק, וועכנטלאַך, צ ו ו י י מאָל וועכנטלאַך, ד ר י י מאָל וועכנטלאַך — נאָכאַנאַנד, נאָכ-אַ-נאַנד! דערנאָך קומט ניגער און צע-לייגט עס ערשט פּראָפּעסאָריש אויף טעלערלאַך און איז אונדז מסביר ווי שטאַרק דאָס דאָזיקע וואַסער איז — סאַמע אָקעווויט! לייוויק זיצט ווי אַ מצורע על אם הדרך און רייסט פון זיך דאָס פלייש — און מאָנט דערפאַר שכר אויף ביידע וועלטן. די הנחה איז מסתמא, ווי ישוע פון נצרת האָט גע-מיינט, אַז דאָס נעמט ער אויף זיך די זינד פון דער וועלט. עס וואָלט כלעבן צייט געווען פאַרן עולם זאָל קלאָר ווערן,

אַז ווען איינער איז אַ מצורע איז ער אַ מצורע פאַר זיך. יעקב גלאַטשטיין גייט אויף די הענט, און די וועלט איז גאָרניט אַזוי גרויס ווי פּרץ הירשביין באַשרייבט זי. ל. שאַפּירא לעבט אין זכות פון זיין אַמאָליקן „צלם", וואָס איז פון אַלעמאָל געווען אַ פאַלשע, באַמבאַסטישע זאַך, געשריבן אויף אַ ביי-קול. אויף דעם סמך קוקט ער איצט אויף אַלעמען מיט גדלות'דיקער עניוות וואָס דאַרף אונדז געבן צו פאַר-שטיין, אַז אין תוך איז ער שיר ניט דאָס געוויסן פון דער אידישער ליטעראַטור, נאָר מיר, טפשים, ווייסן ניט דערפון. משה נאַדיר שניידט זיך אויף אַ נביא. איך שפּאָס ניט: ער דערמאָנט אפילו ערגעץ אַ בעזים: גאָט האָט אים, הייסט עס, באַפוילן צו נעמען אַ בעזים — ווי אין פּסוק שטייט: „קח לך מטאטא" — און אויסראַמען דאָס שלעכטס פון צווישן דעם פאָלק ישראל. ב. ריווקין איז פאַרטאָן אין אָקולטיזם, אין דער וועלט-נשמה און אַ פּאָר טויזנט אַנדערע ענינים, און וועט נאָך מסתמא דערגיין ביז צום פריידיקן שמד מחמת אידעאַליסטישע טעמים. בלייבט נאָך איבער הערמאַן גאָלד פאַר אָריגינאַליטעט, און דוד קאַזאַנסקי, וועלכער צילעוועט זיך דאָס גאַנצע לעבן און קאָן רק ניט אויסשיסן. נו, איין הערמאַן גאָלד איז אפשר גענוג פאַר אַ ליטעראַטור, נאָר קאַזאַנסקיס וואָלט מען געדאַרפט האָבן לכל הפחות צוויי. — אָך, מ'קאָן צעפּלאַצט ווערן!

און איזי פישלער איז אויפגעשפרונגען פון אָרט, אַ צעקאָכ-טער פון זיינע אייגענע רייד.

פון די אַרומיקע טישלאַך האָט מען זיך שוין לאַנג צוגעהערט צו דעם, ווי פישלער פאָכט מיט דער צונג אויף אַלע זייטן

פון דער וועלט, און דאָ האָט עמיצער באַמערקט:

— אויב אַזוי, קומט דאָך אויס, אַז גערעכט זענען י ע נ ע, און די אידיש-קולטור אין אַמעריקע ברעכט טאַקע צוזאַמען?

— ניין! — האָט פישלער הינטיש צוריקגעברומט צווישן די ציין. — זיי זענען נ י ש ט גערעכט. יענע לייט זענען ש ט ע נ ד י ק אומגערעכט — אפילו ווען זיי זענען גערעכט. אידיש איז ווי סאָציאַליזם: נישטגלויבן אין אים הייסט — ניטוועלן אים. זיי ווילן אים נישט — אָט דאָס איז דער תוך. אייניקע פון זיי זענען העברייאיסטן, אָפענע אָדער באַהאַלטענע, אַנדערע לעכצן נאָך אַ פּלאַץ אין די גויאישע קולטורן; און ביידע האָבן זיך אַריינגעפּרעסן ווי ווערים אין אידישיסטישן קעז. דער אינווייניקסטער צושטאַנד אינטערעסירט זיי ניט.

עמיצער אַנדערש האָט זיך אָפּגערופן:

— אַנטשולדיקט, אָבער די אָנגערופענע פאַרשוינען, און אפילו די גרופעס, זענען נאָך ניט די גאַנצע אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע.

— וואָס-זשע האָט איר געוואָלט, מיר זאָלן שוין טאַקע גאָר קיינעם ניט האָבן? — האָט פישלער אָפּגעענטפערט נאָכלעסיק און אומקאָנסעקווענט. ער האָט שוין פאַרלוירן דעם אימפּעט, און האָט זיך אַראָפּגעלאָזן צוריק אויף זיין שטול. בעני'ן איז פונם געשפּרעך געוואָרן נאָך שווערער אויפן האַרצן. ער האָט ניט גוט פאַרשטאַנען, און די אַלע ענינים זענען אים ווייניק אָנגעגאַנגען, נאָר ער האָט דערפילט: אָט,

נאָך עמיצער איז ערגעץ-וואו אין עפּעס-וואָס שווער דורכ־
געפאַלן, און צו וועמען טענות האָבן איז נישטאָ. דאָס
הייסט, מ'קאָן אפשר האָבן טענות צו זיך אַליין, נאָר —
וואָס-זשע וועט דערפון אַרויסקומען ?... פאַרן אוועקגאַנג האָט
ער זיך געווענדט צו איזי'ן:

— געווען אַמאָל ע... ע... עפּעס אַ מיידל... ביטרים, דאַכט
זיך, האָט זי געהייסן, וואָס איז פון איר געוואָרן ?

— וואָס-פאַר־אַ מיידל ? — האָט איזי נים פאַרשטאַנען.

— כ'מיין... גלאַט אַ מיידל... פלעגט אַריינקומען צו גודמאַנען
אין רעסטאָראַן. המ...

— כ'ווייס נים, — האָט איזי גלייכגילטיק געענטפערט. —
כ'געדיינק נים. ווען קאָן זיי אַלעמען געדיינקען ?...

יז.

שפּעט ביינאַכט, אַזוי־ווי דר. מילגרוים האָט צונויפגעפּירט
מיט די אויגן, האָט זיך סיידי צוגעזעצט אויפן ברעג פון זיין
בעט. ער האָט איר געוואָלט עפּעס זאָגן, האָט זיך פּלוצים
דערמאָנט מיט אַ צאַפּל און זיך אויפגעזעצט. ער האָט גע־
דריקט די לינקע זייט פון ברוסט מיט איין האַנט און מיט
ברייטגעעפנטע אויגן געפאָרשט די אַרומיקע פינצטערניש
וואו סיידי איז אַט ערשט ניטגעוואָרן. מיד און צעבראָכן,
האָט ער זיך צוריק אַוועקגעלייגט אויף אַ זייט. און אַזוי־ווי
ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, איז שוין סיידי ווידער געזעסן

אויף זיין בעט. דאַסמאָל האָט ז י צון א י ם עפּעס גערעדט.
„וואָס זאָגסטו?“ — האָט בעני איבערגעפּרעגט און האַסטיק געעפֿנט די אויגן. ער איז אַראָפּ פון בעט, אַ דריק געטאָן דאָס קנעפּל פון דער עלעקטריע און זיך אַוועקגעזעצט ווישן דעם שווייס פון שטערן.

נערוון. וואָדען? אָבער — די געשטאַלט איז געווען אַזוי ערדיש, דאָס פּנים אַזוי דייטלאַך! וואָס האָט זי געטראָגן? איר וואַרעמען כאַלאַט, דאַכט זיך. ניין, ניט דעם כאַלאַט — עפּעס אַן אַנדער מלבוש אירן. און אפשר?... אפשר איז אַליוער לאַדזש גערעכט — אפשר האַלט זי זיך אויף אָט דאָ אין אַרומיקן רוים, אין איר אייגענעם הויז, די ערשטע צייט? לאַדזש איז אַ גרויסער געלערנטער, אַ וויסנשאַפטסמאַן, אַ שטרייגער מאַטעריאַליסט... געווען. ער איז דאָך ניט משוגע געוואָרן! — וואָס פאַרט האָט זי געטראָגן?...

— סיידי! — האָט ער שטיל געזאָגט אין דער לופט אַריין. — דאָס ביזט ד ו, אַה? דו הערסט מיך, סיידי? ענטפער כ'בעט דיך — עפּעס אַ צייכן, צי וואָס!...

ער האָט זיך איינגעהערט — שטאַרק איינגעהערט, און האָט זיך געמאַלן ווי זי מאַכט אַנשטריינגונג צו קאָמוניקירן מיט אים: „זיי“ זוכן אַלעמאָל צו פאַרקערן מיט אונדזער וועלט, אָבער אונדזערע חושים זענען צו גראָב, און זייערע מיטלען פון אויסדרוק אַזוי אײדל, אַזוי עטעריש, ניין—ריין גייסטיק: צושטאַנדן פון ריינעם געדאַנק, אַנשטריינגונגען פון ריינעם ווילן... אָבער אויב אַזוי, אויב דאָס אַלץ איז אמת, הייסט עס דאָך, אַז מ'שטאַרבט גאָר ניט — הייסט עס, אַז מ'לעבט

ווייטער, נאָר אין אַן אַנדער וועלט, אפשר אין אַ פערטער, צי אין אַ פינפטער, צי אין אַ צענטער דימענסיע. איז וואָס למשל, מיינט עס, „מ'לעבט"? ווי אַזוי לעבט מען דאָרט, וואָס טוט מען דאָרט? —

און אַז מיר האַלטן שוין דערביי — וואָס הייסט עס „מ'לעבט" דאָ, אויף דערוועלט? פריער איז דאָס לעבן אין דעם מאָרגן, דערנאָך אין דעם נעכטן, ווען-זשע ווערט עס געלעבט? ווייל אויף וויפיל ער געדיינקט זיך, האָט ביי אים דער איצט, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט געהאַט קיין אייגענעם אינהאַלט, נאָר אַלץ זאַכן וואָס ער האָט געהאַט אין זכרון אָדער אויף וועלכע ער האָט געוואַרט. אַזויפיל יאָרן געהאָפט אויף „איסטבראַדוועי", און אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן — איז גאָר איסטבראַדוועי ניטאָ! וואָס-זשע איז דאָס פאַר אַ גאַנג?...—

און „דאָרטן"? די ספּיריטואַליסטן גלויבן, אַז די ערשטע צייט האַלטן זיך די געשטאָרבענע אין זייערע וואוינונגען, אַרום די מענטשן וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזן, אָבער בּיסלאַכ-ווייז גייען זיי אַוועק ערגעץ אין אַן אַנדער וועלט און פאַרלירן דעם באַגריף פון צייט: ניטאָ קיין פאַרגאַנגענהייט, ניטאָ קיין צוקונפט, הוילער און אייביקער איצט... די נשמות פון אַלע די וואָס האָבן אַמאָל געלעבט — אַהאַ! עס מוז זיין איינגלאַך דאָרטן, אפילו מיט די אַנדערע דימענסיעס... און ווי איז עס מיט די פאַרשטאָרבענע חיות? פאַרוואָס עפּעס נאָר מענטשן? לאָמיר זיך ניט נאַרן — עס איז דאָך קיין חילוק נישט, אַ מענטש צי אַ חיה. הייסט עס: אַלע גע'פגר'טע הינט, אַלע אויפגעגעסענע הינער, אַלע פאַר-

סמ׳טע מייז און אפילו פליגן — אָך, אומזין! וואָס פלוידערן זיי, וואָס? ! —

און לאָמיר שוין זאָגן אפילו אַז יאָ, אָבער — דער איבערגאַנג... די געמיטלאַכע שעה פון פאַרברייינגען מיטן מלאך-המות! וויאַזוי שטאַרבט מען דאָס געוויינלאַך? איך מיין — וואָס איז די ל ע צ ט ע שטערונג פון די לעבנספּראָצעסן? דאָס האַרץ שטעלט זיך אָפּ — אָדער די לונגען הערן-אויף צו אָטעמען. אָט, למשל, האַלט איך איין דעם אָטעם: אַ סעקונדע... נאָך אַ סעקונדע... נ-נ-נאָך אַ סעקונדע... אַ שעה... אַ... אַן אייביקייט... פּ-פּ-פּ-פּפּף!... מורא׳דיק! דאָס אי׳דאָך... דאָס אי׳דאָך — רציחה! יעדער „נאַטירלאַכער“ טויט איז אַ גוואַלט-טויט, פּשוט אַ מאָרד. פּונקט ווי אַ רוצח וואָלט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף איינעם׳ס מויל און נעמט זי ניט אַראָפּ — נעמט זי א י נ ג א נ צ ן ניט אַראָפּ — וועט זי שוין ק י י נ מ אָ ל ניט אַראָפּנעמען, כאָטש די געדערים שפּאַרן זיך אַרויף אין דער ברוסט אַריין, און די אויגן קריכן פון קאָפּ אַרויס, און — סיידי, סיידי, העלף מיר! ראַטעווע מיך!

ער איז אויפגעשפּרונגען און גענומען לויפן איבערן צימער, און די האָר האָבן אים געשטאָכן אין קאָפּ. צום טאָג האָט ער געקראָגן אַ שאַרפן אָנפאַל פון שטעכעניש. די פאַרשלאָפענע מיסעס ראַבינס האָט געטאַנצט אַרום אים און אים גע-לייגט קאָמפּרעסן, און אירע צעגאַסענע קיילעכדיקייטן האָבן זיך געכוואַליעט אונטער איר נאַכטהעמד. זי איז געווען צע-שראָקן און צעיאָכמערט און האָט אַלץ געטאָן אַזוי שלעכט, אַז ער האָט זי צום סוף אַרויסגעטריבן פון צימער. מיט

פאַרשטשעמעטע ציין האָט ער אַליין פּאַרפּאַרטיקט אַ נאָדל מיט מאָרפין, און דערנאָך איז ער שווער געשלאָפן, און אין שלאָף האָט ער געסאָפּעט און געברומט און געפּאָכטן מיט עמיצן אַ גרוים געפּעכט. —

יז.

זינט דעם מאַרש אויף איסטבראָדווער און סעקאָנד עווענױ האָט דר. מילגרוים אָנגעהויבן קריגן אָפטע אַטאַקעס, ביי וועלכע ער האָט זיך אַרויסגעהאָלפן מיט מאָרפין. שפּעטער האָט ער גענומען פאַרכאַפּן פּאָרוים — ביים מינדסטן פּאָר־געפיל פון וויטיק האָט ער זיך געמאַכט איינשפּריצונגען, און ביסלאַכווייז האָבן זיינע הענט אָנגעהויבן ציטערן און די אויגן האָבן באַקומען אַ הייסן און טרוקענעם גלאַנץ. ביידינעכט, אין דער אַליינקייט פון זיין בעט, פלעגט ער אָפט פּכיקען ווי אַ קינד: סיידי!... סיידי!...

אין אויגוסט זענען די היצן געשטיגן צו די העכסטע גראַדן. די משוגענע שטאָט האָט געקלאַפּט מיט אירע הויכבאַנען, טראַמוואַיען און אויטאָמאָבילן און האָט זיך געפּרעגלט ביי־טאָג און געדעמפּט זיך ביינאַכט. נאָך דער אַרבעט איז מען געלאָפן צום ים, קיין קוני־איילענד און ראַקעווער־ביטש, און די נסיעה אין דער איינגשאַפּט הין און צוריק האָט געקירצט די יאָרן. נאָר מענטשן האָבן געלעבט פונדעסטוועגן — געלעבט.

שבת בייטאָג האָט דר. מילגרוים פאַרקוקט צו דזשאָו'ן אין קעלער.

— האַלאָ! — האָט ער געזאָגט פון דער טרעפּ אַראָפּ.

— האַלאָ! — האָט דזשאָו אומזיכער געענטפערט און גע־גלאָצט אויף אים מיט די דיקע ברילן פון אַ ווייטן ווינקל. דערנאָך איז ער צוגעקומען נעענטער.

— אָה — האַלאָ, דאַק! כ'האָב אייך ניט דערקענט. אַ סימן אַז איר'ט רייך ווערן, כאַ-כאַ! קומט אַרונטער אַהער, דאָ איז קילער.

דזשאָו איז שוין איצט געווען כמעט אינגאַנצן בלינד. זיינע טעג זענען אַלע געווען פאַרנאַכטן און די נעכט שוואַרץ ווי טינט, און ער האָט זיך אַרומגעגראַבלט אין זיין קעלער ווי אַן אַלטע מויז. איצט, אין די גרויסע היצן, האָט ער באַ־וויזן דעם קונץ צו כאַפּן דעם קאַטער. זיינע נאָזפּליגלען זענען געווען רויט, די אויגן האָבן געטרערט, דאָס טייגיקע, עטלאַכע-טעג-ניטגעגאָלטע פּנים איז געווען באַשאָטן מיט אַן אָנוואוקס פון קופּערנעם און זילבערנעם דראָט. ער איז פעטער געוואָרן, און האָט זיך באַוועגט פּאַמעלאַך און בעריש.

דר. מילגרוים האָט געפרעגט ווי עס גייט, האָט געטאַפּט די ביכער אויף די טישן, האָט פאַרקוקט אין די פאַכן, וואו עס זענען געשטאַנען די טיטלען וואָס דזשאָו האָט געהאַלטן פאַר וויכטיקער. דזשאָו האָט גערעדט עפּעס אַזוינס וועגן דער היץ, וועגן דעם אַז ביזנעס איז גראָד איצטער געשלאָגן — ביזנעס איז אַלעמאָל געווען גראָד איצטער געשלאָגן, צוליב איין טעם אָדער אַ צווייטן — נאָר דר. מילגרוים האָט ניט געהערט, און אינמיטן דזשאָו'ס רייד האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— זי... זי האָט שוין ווידער אונטערגעברענט די מילך.

דזשאָו האָט זיך תחילת ניט געכאַפּט ווער און וואָס.

— זי, — האָט דר. מילגרוים באַשטעטיקט. — די מיסעס ראַבינס. איצט פאַרברענט זי די מילך רעגלמעסיק, ווי אַ זייגער.

דזשאָו האָט סימפּאַטיזירט:

— אַזוי? שוין ווידער? געהערט אַ מעשה!

— זי האָט שוין גאָר קיין קאָפּ ניט. דאָס פאַרגעסט זי פאַרדרייען דעם גאַז, אַן אַנדערש מאָל לאָזט זי אָפן אַ פענצ-טער ווען עס רעגנט — יאָ. און — איך וויל מיר האָבן מיין גלעזל מילך, וויל איך!

דר. מילגרוים האָט זיך שוין געפּיעשטשעט; דזשאָו האָט נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן און האָט מיט באַדויערן גע-טשמאָקעט מיט די ליפּן.

— היינט איר ריידן — זי פאַרקלאַפּט מיר דעם קאָפּ! טאָהטע, מאָהמע, קאָהץ, וואָהסער—עס שלאָגט צום האַרצן... ווער ווייסט וואָס-פאַר צרות זי טוט מיר אָן ביים טעלעפאָן: זי פאַרגעסט אודאי פאַרצייכענען אַדרעסן פופצן מאָל אַ טאָג. ניין — אַן אָפּיס מוז האָבן אַ פּאַסיקן מענטשן, אַ — אַן אייגענעם מענטשן...

ערשט איצט האָט דזשאָו געכאַפּט וואוהין ער צילט, איז געבליבן אַ ווײַלע געפּלעפט, דערנאָך האָט ער פּלוצים אויפ-געפלאַקערט מיט געטריישאַפט:

— גע-ווים! אַ הויז דאַרף האָבן אַ באַלעבאָסטע. ווער שמועסט — אַ דאָקטאָר! עס שטייט געשריבן, אַז ס'איז ניט גוט צו זיין אַליין — אַפילו ביי די גוים אין דער ביבל איז עס דאָ. וואָס דאַרפט איר מער, אָט איך אַפילו — ווען עס מאַכט זיך עפּעס אַ רעכט מיידל מיט עטלאַכע הונדערט טאָלער — אָהאָ! כ'וואָלט גענומען אַ ליכטיקע סטאָר, טאַקע ביי דר'ערד, מיט דער גאַס צוגלייך, און —

שוין ביי דער טרעפּ האָט דר. מילגרוים אַ זאָג געטאָן — אַזוי זיך, כלאחר יד — אַז דזשאָו זאָל קומען צו אים זונטאָג אויף מיטאָג. נאָך מיטאָג גייט די מיסעס ראַבינס אַוועק קיין ברוקלין, צו אירע קינדער, ביז מאָנטאָג אינדערפרי — וועלן זיי... וועלן זיי — שמועסן אַביסל... דזשאָו זאָל דורכוים קומען, ער הערט? —

יח.

זונטאָג צו מיטאָג האָט דר. מילגרוים, הינטער די פּלייצעס פון מיסעס ראַבינס, אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויפן טעלער: זי האָט שוין ווידער צוגעבּרענט דאָס עסן. דזשאָו האָט מיטפילנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

נאָכן עסן האָט זיך מיסעס ראַבינס לאַנג געפּוצט אין וואַנע און ביי זיך אין חדר, און איז אַרויסגעקומען אַ שיינענדיקע, אַ גלאַנציקע, אין אַ זיידענעם קלייד און אַן אַלטמאָדישן היטעלע, מיט אַ שוואַכן ריח פון פּאַרפּומען אַרום איר. זי האָט זיך געשעמט אַביסעלע און זיך גע'חנ'ט אַביסעלע, און האָט צוגעזאָגט צו זיין צוריק ניט שפּעטער ווי זיבן אַזייגער

אינדערפרי. די מאַנסבלען האָבן איר נאָכגעקוקט, און דר. מילגרוים האָט פאַרדריקט מיט די אַקסלען: זי האָט שוין גאָר קיין קאָפּ ניט. נאָר ניט דאָס האָט ער געוואָלט זאָגן — ער האָט היינט פאַרבעטן דזשאָן׳ן אַהער צוליב גאָר עפּעס אַנדערש. ער וויל פּרובירן — אַרויסרופן סיידי׳ן, וויל ער פּרובירן.

עס האָט לאַנג גענומען דעם דאָקטאָר אַריינצוקלאַפּן דזשאָן׳ן אין קאָפּ, אַז ער מיינט עס ערנסט. גלויבט טאַקע דער דאָקטאָר, אַז... דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז ער ווייסט ניט — ער׳ט פּרובירן. וואָס קאָן ער אָנוואָרן? צוריקשמועסנדיק: סער אָליווער לאָדזש, סער וויליאַם קרוקס — גרויסע וויסנשאַפטסלייט — ווער ווייסט? צום סוף האָט זיך דזשאָ ערשט רעכט הערשראָקן. צי איז עס ניט אַ סכנה פאַר די לעבעדיקע צו האָבן מחזקות מיט „זיי"? — ניין, פאַרוואָס? ס׳איז ניט באַקאַנט זיי זאָלן האָבן געטאָן עמיצן שלעכטס. אדרבה; דאָס זענען דאָך, געוויינלאַך, קרובים און פריינט, איז קאָנען זיי נאָך אַמאָל וואָרענען קעגן אַ געפאַר אָדער וואָס. ניין, ס׳איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן. אָט, לאָמיר נאָר זען צי מ׳קאָן פינצטער מאַכן אין צימער.

מ׳האָט ניט געקאָנט, און זיי האָבן געוואַרט ביז פאַרנאַכט. דעמאָלט האָט מען פאַרהאַנגען די פענצטער, אַוועקגעשטעלט אינמיטן שטוב אַ טישל מיט צוויי בייגקלאַך, און דר. מילגרוים האָט געוויזן דזשאָן׳ן וויאַזוי אַרויפצולייגן אַ פינגער. אַז מ׳האָט אויסגעלאָשן די לאָמפּ, איז דזשאָן׳ן געוואָרן אומהיימלאַך.

— איר ווייסט, דאָק? — האָט ער שטיל געזאָגט. — עס וואָלט אפשר גלייכער געווען מיסעס ראַבינס זאָל אויך זיצן מיט אונז. פאַרט נאָך אַ מענטש, איר פאַרשטייט?

— איך האָב געקלערט דערפון, אָבער זי איז דאָך אַ גרויסע בהמה — טאָמער מאַכט זיך עפּעס, קאָן זי נאָך חלש'ן; איז גיי האָב מיט איר צו טאָן. אָבער — מ'טאָר ניט ריידן!

טאָמער מאַכט זיך עפּעס?.. פון די ווערטער איז דזשאָו'ן געוואָרן ניטגוט אויפן האַרצן. נאָר — פאַרפאַלן. ער האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און געבליבן זיצן שטיל.

דזשאָו האָט נאָך אַלץ געהאַט דעם קאַטער. עס האָט אים געעקבוירט אין נאָז און געטריבן צו ניסן, אָבער ער האָט מורא געהאַט צעבייזערן די גייסטער. ער האָט געריבן די נאָז מיט דער לינקער האַנט און זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות. דערנאָך האָט אים פּלוצים אָנגעהויבן בורטשען אין בויך. „ש-ש!“ — האָט דר. מילגרוים'ס טונקלע געשטאַלט אַריבערגעשעפּטשעט איבערן טיש. אָבער ביי דזשאָו'ן אין בויך האָט זיך אַרומגעקייקלט אַ קליינער דונער וואָס האָט דעם דאָקטאָר ניט געוואָלט פאָלגן. דערנאָך איז ער שטילער געוואָרן, נאָר ווען-ניט-ווען האָט עס ערגעץ געמורמלט און געגאָרגלט, און דזשאָו האָט שוין ניט געוואוסט צי ס'איז ביי אים אינווייניק, צי אפשר ערגעץ אַנדערש — אפשר איז שוין עמיצער דאָ, אַה?..

דזשאָו'ס קליינער פינגער איז געליגן אויפן טיש און גע-האַלטן אויף זיך די וואָג פון דער גאַנצער, רעכטער, האַנט און אָרם. דער דאָזיקער פינגער האָט לסוף אָנגעהויבן ציטערן

פון זיך אַליין... דערנאָך האָט דער פינגער גענומען אַליין גיין. עס האָבן זיך געלאָזט הערן צוויי שטילע קלעפּ. אַנט־קעגנאיבער האָט געטונקלט ווי אַ פעלז די שטומע פיגור פון דר. מילגרוים. דזשאָו'ן האָבן געשטאָכן די האָר אין קאָפּ און אַ טראָפּן שוויים האָט זיך אַראָפּגעקייקלט ווי אַ באַל פון זיין שטערן אויף דער נאָז. ער קאָן עס מער ניט דער־האַלטן — ער האָט זיך אַ ריר געטאָן. „ש־ש!“.. איז גע־קומען אַנטקעגן פון דער פינצטער. נאָכאַמאָל האָט זיך דער־הערט אַ שוואַכער קלאַפּ. מ'איז נאָך לאַנג געזעסן, אָבער מער האָט מען פון די גייסטער ניט געהערט. דר. מילגרוים האָט ענדלאַך געמאַכט ליכטיק.

— פאַר אַן ערשטן סעאַנס, — האָט ער געזאָגט — איז עס אַלרייט. איבעראַכטאָג וועלן מיר פּרובירן נאָכאַמאָל. אַלץ וואָס מ'דאַרף איז זיך קאָנצענטרירן. יאָ, דער עיקר — קאָנצענטרירן.

— איך... איך וואָלט געזאָגט, דאַק, אַז עס איז אַן איינ־שטעלעניש, — האָט דזשאָו געווישט דעם שוויים פון שטערן.

אַרויסבאַגלייטנדיק דזשאָו'ן פון הויז, האָט דר. מילגרוים ווי געצויגן אַ פריערדיקן פאָדים:

— איך זאָג: אָט די מיסעס ראַבינס... זי טויג לחלוטין נישט. דאָס הייסט — זי קאָן זיך בלייבן. עלעהיי סיידי לעבט. נאָר וואָסדען? זי אַליין איז —

ער האָט צוגעשוויגן אַביסל, דערנאָך צוגעגעבן:

— פאַראַן אַ מיידל, ביטרים הייסט זי. מ־יאָ — ביטרים.

— אַזוי? עפּעס אַ שיין מיידל? איך זאָג: אַ מיידל מוז זיין שיין — ניט אַזוי, דאָק? אָט איך אַליין, ווען איך קריג עפּעס אַ מיידל מיט עטלאַכע הונדערט טאָלער — עפּעס אַזוינס און אַזעלאַכס, ס׳זאָל זיין אויף וואָס אַ קוק צו טאָן, בין איך —

דזשאָ׳ס שטים איז פּלוצים און מרה-שחורה׳דיק געפאַלן —

— בין איך אַ ביטערער יונג, — האָט ער פאַרענדיקט אָן שום איבערצייגונג און געווישט די פאַרקאַטערטע נאָז.

יט.

נאָך דזשאָו׳ס אַוועקגאַנג איז דר. מילגרוים נאָך לאַנג געזעסן אויפן גאַנעק אינם בלויזן העמד און הויזן, מיט דער אונטער-שטער ליפּ אַרויסגערוקט ווייט פאָרויס, און געבלאָזן: פּ-פּ-ף! און דערביי געמאַכט גרימאַסן און געגלאָצט אידיאָ-טיש מיט די אויגן סתם אין דער וועלט אַריין. נאָר טאָמער האָט עמיצער פון די פאַרבייגייער זיך אומגעקוקט אויף אים, האָט ער אָנגענומען אַן ערנסטע, טיפזיניקע מינע.

עלף אַזייגער איז ער אַריין אין הויז, האָט אָנגעגאָסן אַ ביסל וואַסער אין אַ גלאָז און אַריינגעשאָטן אַ דאָזע מאָרפין. ער איז לאַנג געשטאַנען מיטן שאַכטל נאַרקאָטיק אין האַנט אין טיפער פאַרטראַכטקייט און געקוקט אויף דער וואַנט. דער-נאָך האָט ער צוגעשאָטן נאָך אַ דאָזע — און נאָך אַ דאָזע. דעם אַטראָפּין האָט ער אינגאַנצן אויסגעלאָזן. ער האָט אָנ-

געשטעלט די ראַדיאָ אויף דער סטאַנציע WAIF, האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעט, זיך אַראָפּגעלאָזן אין אַ ווייכן שטול און צוגערוקט צו זיך דאָס גלאָז און די שפּריצנאָדל.

אויף סטענטאָן-סטריט זענען מענטשן געגאַנגען אויף און אָפּ, די הויכבאַן האָט יעדע פּאָר מינוט אַריינגעדונערט אַהער פון עללען-סטריט, און ביי די טירן פון די הייזער האָבן צע-כראַסטעטע מענער געפירט אַמעריקאַנער שמועסן: „זינט בראַיען איז געלאָפן געגן מעק-קינלי׳ן איז נאָך ביזנעס ניט געווען אַזוי“ — — „הונדערט און פופציג דאָלער רענט, פינף און פערציק געז און עלעקטריסיטי, היינט וואו איז העלפּ און“ — — „זאָג איך צום פאָרמאַן: „און וואו איז מ י י ן באַנדל? מאַכט ער זיך תמ׳עוואַטע.“ דורכן דאָק-טאָר׳ס פענצטער האָט די ראַדיאָ-סטאַנציע WAIF געגעבן דער גאַס „אַ נאַכט אין דענעמאַרק“. —

אַרום איינס אַזייגער זענען די פאַרבייגייער געוואָרן שיטערער, די באַשטענדיקע איינוואוינער זענען פאַרשוואונדן, די הויכבאַן האָט געדונערט זעלטענער. איינס אַזייגער האָט זיך איינגעשטילט אויך די WAIF. אָבער דער אַפּאַראַט אין דר. מילגרוים׳ס הויז האָט געהאַט אַן אומרואיקע נאַכט: פון זייער ווייט, פון געגנטן און לענדער וואו ס׳איז נאָך — אָדער שוין — טאָג, זענען עלעקטרישע וויבראַציעס געגאַנ-גען דורכן רוים, האָבן פון צייט צו צייט פאַרבלאָנדזשעט אין אָנגעשטעלט אַפּאַראַט, און ער האָט געמורמלט און גערעדט און אונטערגעזונגען פון שלאָף, ווי אַ חולה פון היץ. אָבער סטענטאָן-סטריט איז שוין דעמאָלט געשלאָפן, און

קיינער האָט עס ניט געהערט. ניט געשלאָפן איז בלויז קלינטאָן-סטריט, אַרום ראָג — קלינטאָן-סטריט שלאָפט קיינמאָל ניט — און פון דאָרטן האָבן געגרייכט אַהער, שיטער און אָפּגעריסן — אַ קלאַפּ פון אַ טיר, אַ פעסטער טראָט פון אַ פּוס איבערן אַספאַלט, דער בריאַזג פון אַ פלאַש אַרויסגעוואָרפן פון אַ פענצטער. איינמאָל האָט דאָרט עמיצער אויסגערופן אויף אַ קול, אומגעשטערט ווי אינמיטן טאָג: „עי, מע-עקס!" — און דאָס איז געקומען אַהער אַזוי אומגעריכט ווי, אַשטייגער, דער קריי פון אַ האָן אין שול בעת דער שטילער שמונה-עשרה. שפּעטער האָט אַ צי געטאָן אַ קיל ווינטל, דאָס ערשטע קילע ווינטל, וואָס זאָגט-אָן דעם גיכן אָנקום פונם נויאָרקער מאָרגנפויגל — דעם מילכמאַן. און טאַקע: פלוצים, אָן שום הכנות, האָט ערגעץ אַ הוסט געטאָן אַ מאָטאָר, און אַ טראָק האָט אָוועקגעגרילצט אין דער לייננ פון סאָפאָלק-סטריט. די שטילקייט איז ווידער צוגעפאַלן צו דער גאַס, נאָר זי האָט שוין קיין האַפט ניט געהאַט. דאָס ווינטל האָט ווידער אַ פּוך געטאָן און האָט פון ערגעץ געבראַכט דעם ריח פון פרישן געבעקס. עס האָט אָנגעהויבן ווערן ליכטיקער. מענטשן. פערד. אויטאָמאָבילן. דער קלונג פון שלאָס-און-שליסל. די זון אויף יענערזייט איסט-ריווער, איבער ברוקלין. פערד. מענטשן. וואָגנס. די הויכבאַן. סטריט-קאַרס. אויטאָמאָבילן. וואָגנס. מענטשן. פערד. טאָג. טאָג. טאָג. — ס'איז טאָג אין נויאָרק. —

כ.

פונקט זיבן אַזייגער האָט די ראַדיאָ-סטאַנציע WAIF

זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף. פֿונם דאָקטאָר'ס פֿענצטער אַרויס האָט זיך דערהערט אַ שטים:

„'ד מאָרנינג, ליידים ענד דזשענטלמען! איך האָף, איר זענט גוט געשלאָפֿן. מיר וועלן אייך היינט אַרויסנעמען פֿון בעט מיט אַן אויסוואַל פֿון אַריעס פֿון אַלטע רוסישע אָפּערעס. דהאָוז ראָשיענס, יו נאָו... וואָס פֿאַר אַנדערע חסרונות זיי זאָלן ניט האָבן, ע...ע..., אָבער זייער מוזיק איז..." —

די שטים האָט אָן ספֿק געהערט צו אַ הויך־ציוויליזירטן אידיאָט — אַ נידריקע, אַ האַלדזיקע, מיט אַ געקינסטלטן נעזלדיקן אויבערטאָן. עס האָט זיך געמאָלן אַ נאַרדיקשער קאָפּ: גרויע אויגן, איינגעפֿאַלענע שלייפֿן, אַ פֿערדישער קין. שיטערע גרויליכע האָר זענען מסתּמא גלאַטיק אָוועקגעקעמט צו די אויערן אויףביידע זייטן פֿון אַ בלאַסן שריינט. אויף די דינע ליפּן — אַ „ווילסאָנישער" שמייכל.

אַ כאָר פֿון מיידלשע שטימען האָט שטיל אָנגעהויבן אויף רוסיש: „נאָך וואַסער צו דער ליכטיקער אַראַגווע יעדן גייען מיר פֿאַרנאַכט..." אַ וואָגן מיט ליידיקע מילכקאַנען האָט עס דערטרונקען אין אַ בלעכענעם געלעכטער, און אַז דער וואָגן איז אַוועק זענען שוין פֿאַרבליבן בלויז די לעצטע פֿאַר־טאַיעטע קלאַנגען ווי דער זיפֿץ פֿון אַ ווינטל אין פֿעלד. דער „דעמאָן" אַליין האָט געהאַט מער מזל און אַ שטאַרקערע שטים און האָט זיך טראַציק אַריינגעשניטן אינם טומל פֿון סטענטאָן־סטריט: „און דו וועסט זיין די מלכּה פֿון דער וועלט, אַ חבֿר'טע אַן אייביקע צו מיר..." האַלב נאָך זיבן

האָט זיך אויפן ראָג פון קלינטאָן-סטריט באַוויזן די פאַר-שמאַיעטע מיסעס ראבינס. איר זיידן קלייד איז געווען צע-קנייטשט פון דער איינגשאַפט אין דער קאַר, דאָס היטעלע אויפן קאָפּ איז געזעסן אויף אַ זייט, די שיינע נאַרישע אויגן זענען געווען רויט און ניטאויסגעשלאָפן. זי האָט — אַך, באָזשע מאָי! — פאַרגעסן מיטצונעמען אַ שליסל, און איצט וועט זי דאַרפן וועקן דעם דאָקטאָר ער זאָל איר עפענען די טיר. זי האָט איילנדיק אַרויפגעטראָגן איר פולן קערפער אויף די טרעפלאַך פון הויז, האָט זיך אַסטמאַטיש אָפּגע-סאָפּעט און צוגעדריקט דאָס קנעפל פון גלאָק. דורך די פענצטער האָבן, ווי פייגלען מיט ווייסע פליגלען, געפלאַטערט די קאָקעטישע, שיכורלאַכע טענער פונם „לענסקי-וואַלס“, נאָר די טיר האָט זיך ניט געעפנט.